STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00737

FUN MAYN GANTSER MI

Jacob Glatstein

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

[illegible]

1957

יעקב גלאַטשטיין

1956–1919

פון
מײַן
גאַנצער
מי

ניו־יאָרק, טויזנט ניין־הונדערט זעקס־און־פופציק

JACOB GLATSTEIN

FOON MEIN GANTZER MEA

OF ALL MY LABOUR

COLLECTED POEMS 1919—1956

געזעצט און געדרוקט ביי
מאַרסטין פּרעס, אינק.,
228 איסט 45 סט., ניו-יאָרק
אייגנטימער: י. לאַנדאָן

צייכענונג, שער בלאַט
אויפשריפט צו יעדן אָפּטייל
איליאַ שאָר

סדר פון זאַץ און איינבאַנד
ישראל לאַנדאָן

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון יידישן וועלט-קאָנגרעס

COPYRIGHT BY

JACOB GLADSTONE, NEW YORK, 1956

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA

BY MARSTIN PRESS, INC. NEW YORK CITY

I. SCHOR

דער נאָמען פון מײַן בוך מעג קלינגען קוהלת׳דיק, אָבער דער תנכ׳ישער טראָפּ איז גלײַכצײַטיק אויך אויף אָפּקלײַב און אָפּשפּאָר פון מײַן ייִדיש האָב־און־גוטס — ייִדיש, אין ברײַטסטן זין פון וואָרט. ס׳איז אַ געקליבענע זאַמלונג פון אַלע מײַנע לידער, שוין אײַנגעשלאָסן די נײַסטע, וואָס איך רוף „ערדענע רייד״ און וואָס זענען קײנמאָל אין בוך־פאָרם נישט דערשינען.

„פון מײַן גאַנצער מי״ איז אַ צוריקשפּאַציר, אין אַ נאָסטאַלגישער אָרדענונג, דורך 37 יאָר לידער־שרײַבן. כ׳דערמאָן די צײַט דער־פאַר, ווײַל כ׳וויל האָפן, אַז אַ הויך פון אונדזער מאויִמ׳דיקער צײַט איז דאָ אין מײַנע לידער.

איך בין אָבער צו מײַנע לידער־ביכער צוגעגאַנגען מיט שאַרפן משפּט, אויף וויפל ס׳איז מענטשלעך־מעגלעך, און גראַטעוועט פאַרן אײגענעם כּינוס, בלויז די לידער, וואָס האָבן גערעדט צו מיר אָן רחמנות־טענות און זכותן פון באַזונדערע דאַטעס.

וויל איך דאָ נישט גלאַט טײלן כּיבודים, נאָר בפירוש אויפריכטיק דאַנקען דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס פאַר זײַן באַדײַטנדיקער סובסידיע און די פרײַנט מײַנע פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, א ב ר ה ם ז. ה י י מ א ן אין ניו יאָרק, און ד ר. א ה ר ן ש ט י י נ ב ע ר ג אין לאָנדאָן, וואָס האָבן געטאָן אַלץ כּדי די סובסידיע זאָל צושטאַנד קומען.

געבענטשט זאָל זײַן מײַן ברודער מ ר ד כ י פאַר זײַן ברודער־לעכער הילף.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער נאָמען פון דעם טײַערן ייִד, ל. מ. ש ט י י ן פון שיקאַגאָ, וואָס איז געווען דער **ערשטער** אָנצוהייבן די פּראַקטישע אַרבעט פון דעם בוך, מיט אַ ממשות׳־דיקן צוטראָג, קורץ פאַר זײַן אומדערוואַרטן טויט.

באַדאַנקט זאָלן ווערן די דאַמען ל י ז א ש אָ ר פון לאָס אַנדזשעלעס און ש ר ה ׳ ל ע פ ר י ד מ אַ ן פון דעטראָיט, וואָס האָבן געהאָלפן דערמעגלעכן די דערשײַנונג פון מײַן פער־דערמעגלעכן די דערשײַנונג פון מײַן פערזענלעכער אַנטאָלאָגיע.

צום סוף — אַ האַרציקן דאַנק מײַן חבר, דעם קונסט־דרוקער י ש ר א ל ל אָ נ ד אָ ן, וואָס האָט זיך מיט דעם בוך אָפּגעגעבן מיט ליבשאַפט און אַרײַנגעלייגט אין דער אַרבעט אָן אַ שיר וואַרעמקייט און פרײַנטשאַפט.

י ע ק ב ג ל אַ ט ש ט י י ן

פון
מײַן
גאַנצער
מי

ערדענע רייד

ביים וואַלדיקן טויער

דער שומר ביים וואַלדיקן טויער היט אַ גרויס עשירות.
ער איז ניט באַוואָפנט. ער שלאָפט.
זאָל זיך אַריינגנאַרן ווער עס וויל.
איינגעטונקלט דער וועג. פאַר דיר איז
אַלץ אָפן. דער אַריינדרינגער אומבאַשטראָפט.
שפּאַנסט אַליין פאַר זיך אין דער שטיל.
דער עיקר איז וויפל פּחד דו קאָנסט פאַרטראָגן.
וויפל דאגות קאָנסט פאַריאָגן.

אָ, וועסט דאַרפן דיין מוט. וואַלדיקע נאַכט איז שאַרף און ציייניק.
אַלץ וואָס האָסט מיטגענומען אין וועג וועט זיין ווייניק.
דאָס עסנוואַרג וועט אויסגיין, דער לאָגל וועט זיין טרוקן.
דיין בגד וועט צעפאַלן ; געבויגן דיין רוקן.
פאַרמעסט זיך ניט צום קאַמף, גיב אפילו ניט דיין האַנט אַ שטרעק.
באַשיץ בלויז דיין מוח קעגן לעצטן געשרעק.

13

ערדענע
רייד

יעקב גלאַטשטיין

צו די געמאַרקן

קום מיט מיר צו די געמאַרקן,
פֿון די טרויעריקע און שטומע.
לאָמיר זיי שטאַרקן מיט רייד
פֿון דער אידנגאַס אין אונזער זכרון.

לאָמיר אָנפּאַרן מיט אַ בהלה,
מאַכן אַ פֿריילעכן טומל,
צוריקברענגען אַ שפּריכוואָרט,
אַ זידל, פֿון אַ וואוילן אַ קללה;
אַ לעבעדיקן גוטמאָרגן,
לאַנג זיצן און ברייען.

אפשר וועלן מיר אָפּשרייען
דאָס וואָס ליגט שוין לאַנג
פֿאַרהוילן, פֿאַרגליווערט, פֿאַרבאָרגן.

פון מײַן גאַנצער מי
יעקב גלאטשטיין

ערדענע
רייד

14

שוין באַלד

מיר האָבן שוין באַלד אָנגעוואוירן אַלע ווערטער.
די שטאַמל-מיילער ווערן אַט אַנטשוויגן.
דער ירושה-זאַק איז ליידיק. פון וואַנען קריגן
דעם הייליקן פלאַפּל פון באַשערטער
פרייד? דעם קינדס גרימאַסן
זיינען אַ פרעמד להכעיס-לשון,
און אין דער טונקל פאַרפאַסן
מיר בליץ-רייד וואָס ווערן פאַרלאָשן.
און אַש ווערט זייער מיין.
און אַש ווערט זייער מיין.

צו לאַנגע טעג

דער אויטאָמאָביל פרעסט שטיקער
תחום שבת
און איז זיי עלעגאַנט מחלל.
ס'יאָגט זיך אַ צוריקגעצויגענער געשעפטסמאַן אין שול,
וואו מען איז מתפלל,
אויף געזונט און לאַנגע טעג.

דער אויטאָמאָביל קאָן גוט דעם וועג.
דער געשעפטסמאַן געדענקט שוין נישט
פון זיין חולאת דעם נאָמען.
ער פאַרט מיט אַלע
זיינע קרעכצנדיקע סימפּטאָמען
צו גאָט אויף אַ וויזיט.
ער שטעלט אָפּ די מאַשין,
גייט צו פוס עטלעכע טריט,
אין שול אַריין.

אייניקל־דורות

אַ טייערע, אידישע אייניקל-דורות.
דורות פון שפיל און שטיפן.
כ׳מאַטער זיך איבער אייער שריפט.
כ׳בלענד זיך די אויגן
איבער צוקונפטיקע הירָאָגליפן.
און כאָטש אַלץ איז שיין געדרוקט,
זיינען די אותיות פאַרצוקט,
און נאָך גרעסערע פאַרדרוסן,
ווי אָפגעריבענע טויזנט-יאָריקע פאַפּירוסן.

אויבנאויף זעט אַלץ אויס
קלאָר און פאַרשטייאיש.
אָט ווערט מיר ליכטיק
אין די אויגן.
ס׳דאַכט זיך ס׳איז נישט שווער,
ס׳איז ענלעך אַפילו,
אויף אידיש, העברעאיש.
ס׳גיט אַ בליץ-אויף
אַ היימישע טרער, אַ שמייכל,
אַ זין, אַ פּשט, אַ שכל.
אָט האָט איר עס!
אָבער באַלד ווערט דערפון —
לאָפּעטעס מיט קאָטשערעס.

אייניקלעך מיינע, וואַרט אַ ווײַלע,
וואָס איז ס׳געאײַל,
פון מיר אַזוי גיך צו אַנטלויפן?
ס׳דאַרף דאָך לכל הפחות פאַרלויפן,
אַ צענדליק יאָר,
וואָס זאָל געבן
אָרט-צייט און פאַרנעם,
צו לעבן פאַר אונז ביידן.
איך בין אַזוי ווייט נישט אַנטלאָפן
פון בעל שם,
ווי איר אַנטלויפט פון אייער זיידן.

הבה, לאָמיר

לאָמיר זיך אַרומוואָרענען,
מיט אַ שטיקל פּאַרקן.
נישט קיין געטאָ חלילה,
נאָר אַזוי אַ שטילע וואַנט.
לאָמיר זיך אָוועקזעצן צווישן זיך,
און מיט פאַרשטאַנד
אויסטראַכטן ווי צו שטאַרקן,
אונזערע אָפּגעשוואַכטע הענט.

דאָס דערווײַלעכץ אונזערס,
ווי אַ סוכה צונויפגעשלאָגן —
צעפּאַלט.
ס'איז אַלץ צעהויקערט, אָפּגעטראָגן
און אַלט.
מיר ווילן נאָך נישט אײַנשלאָפן,
מיט גוואַלט נעמט מען אונז פאַרוויגן.
הבה, לאָמיר זיך אַן עצה געבן,
לאָמיר זיך קליגן.

ווי אַ פאַסטקע

ווי אַ קליינע פאַסטקע
שטייט אַ שולכל אין לאַנג איילאַנד.
די דאַוונערס זיינען קליין אין צאָל.
ס'האָט נאָך קיינער נישט אויסגעפונען,
צי גאָט לאָזט זיך דאָרט
אַריינכאַפּן אַמאָל.

דעם ראַבאַיי'ס פרומקייט
איז קאָנסערוואַטיוו.
ער שיקט פון זיין שטילער שול-סטודיאָ
צו גאָט אַ בריוו,
אויף דעם אַלטן אַדרעס:
קום הערן, שבת, מיין דרשה וועגן דיר,
נישט פאַרגעס.

די דאַוונערס זיינען קליין אין צאָל,
אָרט פאַר גאָט'ס כבוד איז דאָ.
אָבער ס'ווייסט קיינער נישט, אויב גאָט
כאַפּט זיך אַריין דאָרט אויף אַ שעה.

ערדענע
רייד

18

דער נביא

ניט קיין ראָבן-געשפּייזטער,
נאָר אַ פּאַרדינער, אַ זאַטער.
דער נביא פון היינט
איז אַ יונגער אָראַטאָר.
ער איז אַ פּסיכאָלאָג.
ער וועגט אַלץ אויף דער וואָג,
פון לאָגיק און ציפער.

ער גראָבט ניט טיפער פון פאַקטן.
ער ווייכט פון מיסטיק,
זיינע ווערטער זיינען רענדלעך ציטאַטן.
ער דינט צו דער געטין סטאַטיסטיק,
ער וועט איר ניט פאַרראַטן.

ער קאָן די גאַנצע וואוילע
טערמינאָלאָגיע פון מאָראַל.
די מצוות וואָס ער פאָדערט זיינען הוילע.
ס׳דונערט מיט אַפּלאָדז דער זאַל.

ערדענע
רייד

יעקב גלאטשטיין

פון מיין גאנצער מי

ניט צו דערקענען

נישטאָ קיין גרויזאַמערע שטראָף,
ווי וויזן אַ לעבעדיקן מענטשן אין שלאָף.
דאָס צינישע פּנים פון זיין אומשטערבלעכקייט.
דער גוף זיינער איז כמעט נישטאָ.
דאָס ביסל זיין איז נישט זיינס.
ער קאָן עס קוים דערקענען.

ס׳נעמט אים אָפּ דאָס לשון.
ס׳רעגנט צווישן הימל און ערד.
ער דערקענט בלויז די אָפּגעטראָגענע קאָלאָשן,
וואָס ער האָט אָוועקגעשטעלט,
איבערגעלאָזט אויף דער וועלט.
דאָס פּנים זיינס איז אַ ציטאַטע.
די ליפּן רירן זיך,
ווען מען דערמאָנט זיינס אַ פּסוק.

אַזוי זעט אויס די אומשטערבלעכקייט אונזערע,
וואָס מען פּוצט אויס פּאַר אונזערע אויגן,
אין די צענטערס, סינאַגאָגן.
מ׳לערנט די אייניקלעך זאָגן אַ פּסוק.
מיר זוכן די ענלעכקייט.
ס׳איז פאַרדראָסיק.
מיר דערהערן, דאַכט זיך,
מיר כאַפּן, מיר דערקענען.
אָט גיבן מיר אַ רוף —
נישט אונזער נשמה, נישט אונזער גוף.

זונטאָג-שטעטל

רבי לוי יצחקס׳ס באַלעגאָלע,
וואָס שמירט די רעדער מיט סמאָלע,
אָנגעטאָן אין טלית און תפילין,
האָט זיך אין דעם מידן,
איינגערואיקטן זונטאָג-שטעטל,
פאַרשטעלט פאַר עטלעכע אידן,
וואָס שטייען אַרום זייערע הייזער,
וואָשן די אויטאָמאָבילן.
טאָשן איבער בעת מעשה
דעם סך הכל
פון נעכטיקן צדקה-פינאַקל
אין צענטער.

אַ שטילע האַנט פיטערט דעם טרויער
פון כראָנישער רו,
וואָס באַפאַלט דאָס שטעטל,
איינמאָל אַ וואָך ;
מיט דער מאָנאָטאָנער לאָגיק
פון איינמאָל איז זיבן.
דער ווייזער אויף דעם קליינעם סקווער
קריכט פאַרטאָגיק.
אַ קלויסטער-גלאָק וועקט פאַרזיכטיק
אַ גאָט אַ פאַסיוון.
פון די פענסטער הויבט אָן עיפושן
מיט חזיר-גריוון.
ס׳גייען שכנים אין קלויסטער.
די פאַרשטעלטע באַלעגאָלעס
באַשפריצן שטילער די רעדער,
שניידן דעם שטראָם פון דער קישקע
ס׳זאָל נישט מאַכן קיין טרעוואָגע.
און יעדער זוכט, פאַרלוירן,
שוץ ביי דער עלנדער סינאַגאָגע,
וואָס איז אין שטעטל פאַראַנען
און וואַרט נעביך אויף יום כפור.

די זונטאָג-אידן שמייכלען
צו די שכנים ווי מאַראַנען.
דער קלויסטער-גלאָק גיט אַ טאָלעראַנטן היפער,
פאַרביי אידישע טויערן.
זיי האָרכן צום קלויסטער
מיט אָנגעשפיצטע,
דערשראָקענע אויערן.

דערמאָנונגען

פאָרנדיק אויף אַ באַזוך
בין איך דעם גאַנצן וועג
געווען פאַרטאָן, טראַכטנדיק,
פון די לאַנגע ארבעט-שעה׳ן,
די נישט-אָנגעוואָרעמטע,
אייזערנע אויפשטעל-בעטן,
קאַלטע, דרויסן-פאַריוועטן;
פון דעם קאַרגן איינשפּאָר,
נישט-פאַרגין און פאַרמייד,
פון די דאָלאַר צו דאָלאַר קלייבער,
די תּכלית-באָרדערס אָן די ווייבער,
אויף דער אַמאָליקער איסט-סייד;
דעם טרונק-און-עס
פון אַ בים קאַלטן קאַווע,
איינגעזייערטער, געפעסלטער
דערקוויקעניש;
היץ-שטיקעניש, אָנגעגליטע דעכער,
פון דעם שטינקנדיקן כלומרשטן פעכער,
דעם איסט ריווער,
פון עלים-איילאַנד, דעם אָנקום פון לאַנג-דערוואַרטע,
דער פיינלעך-אויסגעצאַלטער שיפסקאַרטע;
פון די שוויץ-שעפער, די שווינדזוכט-ליידער.

פון דעם אַלץ האָב איך געטראַכט
ווען איך בין געפאָרן אויף באַזוך
צום אידישן היסטאָריקער בן שניידער.
ער וואוינט פאַרדאָרפט אין אַ העק,
וואו אַ איד איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.
אָן אַ פלעק פון אַ שול, אַ תּלמוד-תּורה, אפילו אַ סינאַגאָגע.
זיינען זיינע קינדער וואויל-דערצויגן.

ער האָט מיך פריילעך באַגעגנט מיט זיין בולדאָג
און מיך אויפגענומען פאַראַדיש.
און אַז מיר זיינען געזעסן
ביים מאָלצייט דעם זאַטן,
האָב איך דעם היסטאָריקער דערמאָנט,
אַז ער האָט יאָרצייט נאָכן טאַטן
און ס׳קומט דעם אָרימען
איסט-סיידער שניידער — אַ קדיש.

דיין כזית קדושה

די קדושה וואָס מיר האָבן בשותפות
מיטן טאָל פון טויט,
איז צוואַנג־ירושה.
זי איז טייליק אין גלייכע חלקים.
ס'איז גורל צו זיין הייליק.
דיין גאַנצער ווידערווילן
צו אַ פולן מעת לעת יידישקייט
וועט דיר ניט העלפן.
יסורים זיינען דיין גייסטיקער תענוג.
האָסט תמיד געלעבט אין וואוילטאָג פון צרות
און זיך איבערגעשטאָפּט.
דיין גאַנצע געשיכטע איז דיספּעפּטיש.

דער פרימאָרגן וועקט דיך
מיט אַ פרעגנדיקן קריי.
ייד?
אַ גאַנצן טאָג זוכט
דיין שלעפעריקער מוח דעם ענטפער.

ערדענע רייד

פון ערשטן ביסן וואָס דו לייגסט אין מויל,
ביז טוסט אויס די שיך צו גיין אין בעט.
קיינער באַגרייפט ניט ווי דו פשטלסט
אַ גאַנצן טאָג דעם תירוץ.
ביסט פרימער פון דיין זיידן.
דיין פרומקייט שניידט דיך מער
ווי זיינע שאַרפסטע רצועות.

אָ, ווי איך האָב דיך געזען קויפן און פאַרקויפן.
איך האָב דיך געזען לייענען אַ בלאַט.
איך האָב דיך געזען פלינק
שטעלן פיס און אַנטלויפן.
אין אַלץ ביסטו פרום און יידיש.
און דאָס איז דיין סימן,
שעפּסט פרייד מיט טרויעריקע הענט.
ביסט אָנגעלאָגלט מיט שפּירעוודיקע רגעס.
פאַרהייליקסט די גרעבסטע קלייען פון לעבן.
שמירסט די רעדער און ס'דאַוונט אין דיר.
נאָך איידער דו זינדיקסט,
איז שוין גרייט דיין האַנט
פאַר דעם על חטא.
און זינדיקן זינדיקסטו קיינמאָל ניט,
ביזן נפש, ביז בלוט.
ביסט אַ דערשראָקענער קעשענע־גנב.
שמוגלסט קליינע עבירות,
די גרויס פון דימענטן.

אָ, ווי איך האָב דיך געזען
וואָגלען אויף די גאַסן
און רעדן מטורפדיק צו זיך אַליין.
באַרעדסט דיין יעדער ביסל תענוג.
פאַריידישסט זיך דאָס לעבן.
טוסט תשובה זעכציק מאָל זעכציק אַ טאָג.
אַפילו, אַז ס'רעגנט אויף דיר
אַ קליינער, מאָגערער וואָלקן,
טראָגסטו אַ טראַגי־קאָמישן געשיכטלעבן שירם.
אין דיינע וויטסטע באַהעלטענישן,
שטעלסטו אָן דיין וועק־זייגער
אויף שמע ישראל.

הויב זיך אויף,
אָט איז דיין כזית קדושה,
וואָס איז דיר צוגעטיילט —
וועסט סיִיוי דערפון ניט אַנטלויפן.

די קרוין

דאָס געזאַנג אין מײַן קול וואָס איז מעביר מיטן טראָפּ,
דער ניגון פון זכרון, דאָס נאָגענדיקע ברומען,
די דורכגעזילבערטע קרוין וואָס דו זעסט אויף מײַן קאָפּ,
פֿונוואַנען האָט זיך עס צו מיר גענומען?

פון וואַנען?

מיט אַ ווילדן שטיף,
מיט אינגלשן ווילן,
מיט וואָסערע פערציק יאָר צוריק,
דורך אַ פענסטערל פון שיף,
האָב איך אויף די וואַסערן געשיקט מײַנע תפילין.
ווי אַוועקגעלאָזט ברויט איז די קרוין צוריקגעקומען.
נאָך פיל יאָרן איז די קרוין אַ פאַרנעצטע צוריקגעשוואומען.

אַ זילבערנע קרוין.

אַ נאָך-ניט אויסגעבריט איי
איז גאָטס טרויער פאַר מײַן טאַטנס שוועל געלעגן,
ווען מיט אַ שווער האַרץ, אַ האַלב-טרוקענעם לאָגל,
האָב איך זיך געלאָזט אויף די וועגן.
אָפּגעריסן, עלנט און באַזונדערט,
האָב איך אָנגעהויבן מײַן וואָגל
דורך דעם אימהדיקן מדבר פון אונזער יאָרהונדערט.

אַ פערציק דערנער פון מײַן יאָרהונדערט.

אַ גאָט-זוכער האָב איך געטאַפּט אַ בלינדער מיטן שטעקן
און געשיקט אויסגעמיטן דעם מנין אין קלויז.
מײַנע גאָט-געשטאַלטיקע טאַטע-מאַמע
האָב איך ניט איינמאָל אויף די וועגן אָנגעטראָפן.
דײַן ייִדישער קאָפּ איז נאַקעט און בלויז,
האָב איך געהערט זייער שטראָפן.

דײַן ייִדישער קאָפּ, קינד.

אָ, לאָז אַוועק דײַן ברויט אויפן וואַסער,
די רצונות פון דײַן צובונד,
אין טיפסטן אָפּגרונט וואַרף אַרײַן.
וואַרף. וואָס האָט עס פאַר אַ זינען?
אין פיל טעג אַרום וועסטו עס געפינען.

וועסט עס מוזן געפינען.

איצט זײַנען מײַנע טאַטע-מאַמע באַלויכט.
מײַן קאָפּ איז באַקרוינט.

מיט גרײַז-גרויער ייִדישקייט.

גייט אויף

גייט אויף אין פֿאַרגלויבטן ציטער
פֿון פֿאַרמעטענע גערעכעניש‬ן,
צייכנס פֿון אַ צעשטאָרבן פֿאַרמעג —
פֿינימער פֿון געשוואוירענער ברודערשאַפֿט.
דער גאַנצער טיש איז גוטער שמועס.
אונזער אָלימפּ איז רייך
און לעבעדיק איז זייער בענקשאַפֿט
צו אונז, נאָך אונז.
דאָס לשון אויף זייערע ליפּן
איז קלוג און סודותדיק,
דער גאַנצער טיש איז גוטער שמועס.

אָבער יעדער היט זיין געזאַנג און זיין פּנים.
ווייל דאָ ביי אונז איז שוין אַלץ
צווישנשטאַרב.
קיינער ווייסט ניט וועמענס מאָרגן
וועט פֿאַרצייכענען —
וועמענס לעבעדיקע האַנט.

די טויטע וואַכן איבער די לעבעדיקע
מיט זאָרגעוודיקער, קלאַסישער מורא.
אַ האַנט וואַרפֿט מיט פֿאַרהויל
נעמען אין דער קלפּי.
ווער וועט זיין דער זוכה בגורל —
דאָס לעצטע מויל?

צו אַ חבר וואָס איז אַוועק

א

אַז דו ביסט אַוועק אַ לאַכנדיקער
מיט אַ וואָרטשפּיל אין מויל,
האָסטו פאַר מיר פאַרמענטשלעכט דעם טויט.
האָסט זיך אים אַזוי שטאַרק אָנפאַרטרויט,
זיך געגראַמט מיט אים פּשוט, בדחניש,
ווי אַ גראַם אַ צונזעריקער,
און אָפּגעווישט פון אים דעם גזלנישן גרויל.
ער איז געוואָרן אַ צווישנאונזעריקער.
אַ בריק.
אָט מאַך איך עטלעכע שפּאַן צו דיר,
און שפּאַציר דערווייל
אַ פאַרמוטיטער צוריק.
נאָר ווייסן ווייס איך
אַז האָסט נישט געגרייזט,
וואָס דו האָסט שוין אינגאַנצן אַריבערגעשפּרייזט.

לייען איך דיין איבערלאָז,
שטרעק זיך אוים אויפן גראָז
פון דיין וואָרט, און פאַרחידושט
טראַכט איך —
האָסט זיך קיינמאָל ניט אויסגעיידישט,
אַפילו אויף קיין איין מינוט.
מיר אַלע פראַנטעווען מיט דער וועלט.
נאָר דו האָסט געהאַט מוט
צו זיצן אין דלד אמות פון דיין געצעלט,
באַטליתט און באַתפילינט,
יידיש-פאַרעקשנט און יידיש-פאַרווילנט.

אויף יענער זייט בריק,
שרעקט מיך נאָך אַביסל
אַ משונהדיקער בוים אַ פאַרדאַרטער,
אַ רוף
פון אַן איינציקן, טרויעריקן פויגל.

ביסט אַ געדולדיקער וואַרטער.
אַז כ'וועל אַנלויפן ווי אַמאָל,
אין קאַנאַדע,
ווייס איך אַז וועסט אוודאי וואַרטן
מיט אַ גרייט גלייכוואָרט אויפן חשבון פון אַלטן טויט,
און געבן די הענט אַ שטרעק מיט קראַפט
און זיך באַרימען און ווייזן,
ווי דו האָסט שוין אין אים אַריינגעבלאָזן
אַ פונק יונגשאַפט,
אין דער קורצער צייט,
זינט דו האָסט אונז פאַרלאָזן.

27

ערדענע
רייד

יעקב גלאַטשטיין
פון מיין גאַנצער מי

ב

נישט דערדאַוונט דיינע רייד, אָפּגעפּרעפּלט.
דעם פולן מיין זייערן נישט דערטיפט.
געטרעפלט צו דיר, נישט דערקלערט.
דעם גאָלד-פאַרגאַנג פאַרשפּעטערט.
ס'האָבן טונקעלע טייטשן אויסגעטריפט.

איצט קיניגט די נאַכט איבער דיינע ביינער.
ס'גרוילט דער פחד פון דיין וואָרט.
קיינער פון דיר איז נישט אַליינער,
אויף דעם ברייטן, וויסטן הייליקאָרט.

פון אַ חבר וואָס איז אַוועק

א

אָפּגאָפּלען זיך פון טויט איז שווערער נאָך פון נײַ־געבויר,
פאַרגאָסן, פאַרליימיקט מיט טרויער,
אין אַוועקגעשראָקענער אָפּזונדערונג,
בליט אַ האַרץ מיט אויפסנייאיקער פאַרוואונדערונג.
ס׳קומען דיר צוגיץ אָפּגעשפּאַרטע פאַרמעגנס,
פאַר דעם לאַנגען אונטערוועגנס
און וואַנדער,
פון אַ פײַנלעכן איבעראַנדערש.
אוודאי זײַנען דאָס מצוות פון טואונג און טראַכטן,
זיי האַרטעווען דאָס גאָלד פון דײַן אייביק האַרץ.
ס׳פּולסירט מיט געדענקען און פאַרגעסן,
דורך די זילבערנע פאַרנאַכטן,
פון אומגעציילטע מעת לעתן.

נישט די הספדים וואָס שפּילן־אויף
אייגענע דערשרעקן,

נישט זיי האָבן דעם כח צו דערוועקן
פון לעצטן פאַרזיגל.
ס'ליגט אַן איינגעשרומפּענער חבר אין זיין טויטן־וויגל.
ער האָט גאָרנישט פאַרלוירן.
מיט וויפל טירן און טויערן מען זאָל אים נישט אָפּשליסן,
קאָן אים מער גאָרנישט פאַרדריסן.
אַז אַלץ איז גאַנץ מיט אים.
קיינער וועט דעם גראָטעסקן אוצר זיינעם נישט רירן.
ס'ליגט לעבן אים אַ קליין פּעקל — אומבאַוואַכט,
דער מישמאַש פון אָנגעלערנט,
אָנגעזען, אָנגעלעבט און אָנגעטראַכט.

דער ערשטער סימן פון ניי־געבויר,
איז דאָס געעפנטע אויער,
וואָס דערהערט דעם פאַרבענק
פון אַ חבר,
זיינס אַ וואָרט פון געדענק.
דאָס איז דער כוח וואָס גיט דעם לעצטן ריס,
וואָס דערמאָנט דיך אַרויס פון פאַרגעסעניש.
הויבסט אָן קריגן נייע חושים ווי פליגל.
הערסטו דעם לעבעדיקן חברס קול,
ווערסטו אויסגעלייזט פון טויטן־וויגל.

ב

בויגט איבער מיר אייער געבענטשטן עלנד,
קליינע טאַטע־מאַמע.
איר האָט זיך דערוואַרט —
דורך אַזוי פיל אָפּגעציטערטע תפילות,
וואָס האָבן באַוואַכט
מיין פאַרחלשט לעבן.
אייער שטילע רו
ליגט אומבאַרירט,
ווי אַ געדעקטער טיש.
די מידע, הונגעריקע הענט
פון טאַטן דעם איש־תמים,
שטרעקן זיך צום זונס קיצור־ימים.
די פאַרהאָרעוועטע מאַמע זינגט
און טאַנצט מיר אַנטקעגן.
אָ, בויגט איבער מיר אייערע פרומע שאָטנס.
מאַכט מיר קלאָר דאָס לשון פון טויט.
זעט, ווי כ'האָב אייך צוריקגעבראַכט
אַלץ וואָס איר האָט מיר אָנפאַרטרויט.

ג

לאָמיר זיך דורכטראַכטן, חבר מיינער.
איך בין דיר נאָך נישט בכוח
סודות צו אַנטפּלעקן,
לאָמיר קודם פֿאַרטרייבן די דינע שרעקן,
צווישן לעבעדיקע און טויטע יאָרן.
איך קאָן דיר נישט אַרויסגעבן
דעם סוד פֿון פֿראָטאָפּלאַזם,
אָבער געדענק, זיי נישט מגזם
דאָס לעבן,
און נישט דיין נאָמען,
ווי איך האָב איבערגעטריבן,
און כסדר אָנגעקליבן קווערטלעך ביטערקייט,
ווי מען קלייבט ווילדע שוואָמען.

לעבסט און ווערסט געלעבט
ווייל ווערסט כסדר געשיצט
דורך אַ גרויסער ירושה,
וואָס ליגט איינגעקריצט
ווי אַ זכות אין דיין משפּחה־קרייז.
מען האָט דיך נישט געשיקט נאָך אַ באַווייז,
נאָר נאָך אַ שטיקל צוגאָב־אייגנס.
און ווייסן זאָלסטו אַז דאָס פֿאַרמעגנס,
פֿון ציטערדיקע טאַטע־מאַמע,
אויף יענער וועלט און אויף ד ע ר,
איז מער טרויער ווי פֿרייד.
זיי וואַרטן אויף אַ טרייסט־דימענטל, אַ טרער.
ברענג זיי אַ מתנה דיינס אַ טוּונג,
וואָס איז מיט דיר געקניפּט און געבונדן.

שענער און האַפּטיקער פֿון שענסטן וואָלקן
אויפֿן פֿייערדיקסטן הימל,
איז אַ גוט בלייבעוודיק וואָרט.
נעם אַרונטער די הייטלעך פֿון דיינע אויגן.
לאָז זיך נישט פֿאַרפֿירן,
זע דעם נישט־געשטויגן,
די פֿאַרגעצונג פֿון לופֿט, רויך און קאָלירן.
לערן זיך אויס צו באַשטענדיקן דיין שיינקייט
נישט מיט פֿאַלשע מיראַזשן.
פֿאַראַן אויף דיין וועלט גענוג מיראַזשן פֿון אמת,
וואָס קענען פֿאַרווײַלן,
אַלע דיינע מצוות און עברות בענטש,
מיט גוטסקייט צום מענטש.

בייזע מצוות קענען אויך ווערן —
גיפטיקע פּילן.

ד

נישט אויף דעם אָפּגעהאַקטן לעבן מיינס,
טרויער, חבר מיינער,
נאָר אויף מיין פּשוט וואָרט,
וואָס איז געוואָרן איבערגעשלאָגן.
איך האָב עס שוין כמעט געקענט זאָגן.
נישט נאָר אין לידער, נאָר אַפילו אין רייד.

איך האָב שוין אָט־אָט געקענט רעדן צו מיין ווייב.
איך האָב אויפגעהערט פון הויז צו ווייכן.
איך האָב דערזען די קינדער מיינע,
אָן בילדערישע פאַרגלייכן,
מיט אויגן פון אַ טאַטן.
און געוואָלט האָב איך זאָגן
רייד וואָס ווערן דערזעעוודיק און לויכטן:
אָט זיינען מיר ביידע דאָ,
אין דעם נעכטן, דעם אויפגעטויכטן,
שטיל און פינסטער און נאַקעט און אָפּגעזונדערט.
אַלע מיינע באַהאַלטענישן האָסטו אויסגעדולדיקט.
איך בין דיר דורכגערונען,
דורך דיינע געטרייע הענט;
איצטער ערשט האָב איך זיך אויפגעקליבן,
צווישן אונזערע פיר ווענט.
כ׳קום דיר זאָגן אַ כדאַיִיק וואָרט,
פאַר אַלעמאָל,
אָן אָפּצאָל, אַ באַלוין.

איך האָב זי אַרומגענומען,
און מיין דערשטוין,
האָט אָפּגעהאַקט דאָס וואָרט אויף די ליפּן.

כ׳האָב דערזען מיינע קינדער
נישט ווי ביכער מיט גאָלד־געלייִשטע טאָוולען,
נאָר רולאָזע, אומגעלומפּערטע זוכערס פון יונגער פרייד.
חבר מיינער, זאָל זיך שטאַרקן דיין טרויער און דיין אַבלען.
ווי, איך האָב געזען זייער גאַנג צום משופּעדיקן באַרג.
כ׳בין זיי נאָכגעלאָפן ווי אַ טאַטע.
מיט אַ פול מויל עצות און אַ ניטעדיקן רוף.

אָבער אויך דער שרײַ
איז אײַנגעטויבט געוואָרן אין טונקלעניש.

ה

בין איך געגאַנגען זוכן, זוכן, זוכן.
טריט פון נײַגער, טריט פון ספקות.
טריט פון גלויבן.
אויף אַ פאַרדאַרטן בוים
הענגען געקוואַרטע, ווילדע טרויבן.
איך האָב געקלעטערט.
איך האָב געקלעטערט. איך האָב ווייטאָגדיק געקלעטערט.
איך האָב געציטערט.
די נאַכט-טאָגן זײַנען לאַנג,
זייער שיינקייט ביטערט,
זייער שיינקייט ביטערט,
גליווערט דאָס הארץ מיט געבעט.

מײַן גאָט, דעם סוד פון דײַן צעפלייצטער, צעשטראַלטער גבורה,
פון דײַן קליינער צונעשפּאַרטער גוטסקייט,
אַנטפּלעק, מײַן גאָט,
עפן די אויגן פון אַ טויטן יידישן פּאָעט.
מײַן גאָט.
איך האָב געקלעטערט.

איך האָב דערזען אַן ענגן חדר,
אין דעם חדר אַ שווערער טונקל,
און אין טונקל מיט מתיקות
איין-אַליין,
האָט זיך געזונגען אַ געוויין,
און האָט געטרייסט,
פאַרענטפערט און פאַרגלעט,
אַלע ספיקות, אַלע גלויבנס, אַלע לויבנס,
פון אַ טויטן יידישן פּאָעט.

איך בין געפאַלן אויפן פּנים.
איך האָב גאָרנישט געזען.
מײַן גאָט, איך האָב גאָרנישט געזען,
איך האָב גאָרנישט, גאָרנישט געזען.
מײַן גאָט, איך האָב געקלעטערט איינער אַליין.
געלאָפן פון ווידערקול, פון מתיקותדיקן געוויין.

טרויעריקע חשיבות

די טרויעריקע חשיבות פון דיין צאַנקנדיק וואָרט
ווער וועט אָפּשאַצן?
מיין זון איז פול מיט חשבונות.
ער מעקט און שטעלט
דעם באַשטאַנד פון זיין וועלט.
דיין קרוין איז פאַרבלייט.
די ביטערע צייט האָט עס פאַרטונקלט.
דיינע טרייסטן זיינען פאַרמעקט און פאַרגעלט.

וועט דיין עלטער פאַרוויגן —
אַ נאַכט אָן ניגון?

אין טונקל פון דער וועלט

אין טונקל פון דער וועלט,
זיצט דער משוגענער געזעצקריצער
און האָקט אויס נייע געבאָטן.
אַלע אונזערע געטרייע זאַלסטניטן,
אַלץ וואָס איז אונז געווען פאַרווערט,
אַלץ וואָס איז אונז געווען באַשערט
און וואָס איז אונז געווען פאַרמיטן,
האָבן אָפּגעווישט פילאָטן.

דעם קריצערס דלאָט נעמט גוטס און שלעכטס פאַרמישן.
מיר לעבן דערווייל אויף דעם געבאָט פון צווישן.

פונדאַסניי

ס'הויבט זיך אָן פונדאַסניי.
דער זיגער שטופּט דעם באַזיגטן
אַ ביקס אין האַנט.

ס'גיט אַ קנאַל
און בײדע פאַרלירן דעם פאַרשטאַנד.

די געשיכטע כאַפּט דעם סיגנאַל.
און וואָרט אין וואָרט געטריי
נעמט זי זיך איבערשרײַבן.
זי יאָגט די פּען צו אַ ביטערן פינאַל.
ויהי, ס'איז געווען,
אַז אַלע לענדער זײַנען געוואָרן סדומען.
האָט זיי אָפּגעווישט
אַ מבול פון אַטאָמען.

ליגנס

נישטאָ קיין גרייטערע ליגנס,
ווי די ליגנס וואָס מיט זיי האָבן זיי באַגילדט
אונזערע ערדענע רייד.
דעם טרויער פון אַ קורץ און האַפטיק לעבן
האָבן זיי צוגענאָגלט
און פאַרוואָגלט אויף אַ לענג-און-ברייט.
פאַרשעמט זײַן טויט אויף די געמאַרקן.

פאַרשוועכט דאָס וואַרעמע געלעגער
פון דער געזעטיקטער מוטער,
אין די אָרעמס פון שטאַרקן,
דורכגעציטערטן, דורכגעשטראָמטן צוזאָג.
פאַרליגנערט איר פרייד,
מיט וועקסענער הייליקייט.

יאָרהונדערט

מיר זיינען אַרויס פון די קינדער-שיכלעך.
אונזערע לידער זיינען ניט פון זינגענדיקע ביכלעך.
מיר האָבן קיינמאָל ניט גערעדט קיין געקושטע רייד.
מיר זענען ניט געווען באַטויבט נאָר פאַרוואונדערט.
מיר האָבן דערהערט דאָס קול פון יאָרהונדערט.
מיר האָבן געהערט דאָס קול פון יאָרהונדערט.

סעגרעגאַציע

די ווייסע סקול איז ליכטיק. מיט דריי שוואַרצע פנימלעך,
ווי פון שוואַרצע קעצלעך,
זיינען די שויבן פאַרהויכט.
איז אַריינקוקן דורכן פענסטער געזעצלעך?
דריי שוואַרצע פנימלעך
פלעטשן די נעזלעך אויף די שויבן.
די געזאַנג-לערערין זינגט מיט גלויבן.
דאָס לאַנד פון די פרייע, די בראַווע.

דריי שוואַרצע פנימלעך לאַכן.
זיי זיינען טשיקאַווע, צי האָבן זיי געבראַכן דאָס געזעץ,
און מיט זייערע נייגעריקע, שוואַרצע,
גרויסע טרויבן,
געוואָרפן שטיינער אין די ווייסע שויבן.

וואַריאַציעס אויף אַ טעמע

א

ווער ס׳האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף וועלט,
איך — אויף ייד.
וועט מען אַמאָל מאַכן תיל־תל
פון מיין ליד.
ברענגען ראיות
אַז איך בין געווען פּראָווינציעל
און תחומיק,
ווייל כ׳האָב פאַרלאָרן פון אויג
דעם ברייטן, גויאישן
אַרומיק.

אָבער אַז ס׳וועט אַ יידישער שול־יאַט
אין מיין נאָמען זיך דערמאָנען,

ברענגען פון מיר אַ ציטאַט,
זיך אַרויסהעלפן מיט מיינס אַ שורה,
אין אַ הונדערט יאָר אַרום,
ווען מיינע לעפצן,
וואו איך זאָל נישט שוועבן,
זאָגן ערלעך און פרום:
דאָס הייסט אויפגיין, לעבן,
זיין אומשטערבלעך,
אין דעם קליינעם, ליבן
וויינגאָרטן פון מיין פאָלק.

ב

אין די אלול-טעג האָט מען מיינע רייד
אויף אַ ציטערדיקער וואָג-שאָל געוואויגן.
ס׳זיינען שאַרפע טענות
קעגן מיינע מעשים געפלויגן.
פאַרוואָס קומט אים אַזאַ זכות?
אַן אויסגעדברטער קטיגור
האָט געשפּריצט מיט פאַרדרוס.
זיינע טוואונגען זיינען דאָך פעך-שוואַרץ,
האָט ער רשעותדיק זיך פאַרקייכט און געקריים.
מיין זיידע אברהם האָט ווי תמיד
זיך נישט אָפּגעגעסן ס׳האַרץ.
דאָס אייניקל קען זיין שטעטעלע באַשטיין.
ער האָט געעפנט דאָס שקעטעלע
און דעם קטיגור אַריינגענאָסן אין די רייד.

הכלל רבותי:
ווי-לאַנג איז דער שיעור ציען?
וואָס האָט עס פאַר אַ זין?
אַ פּאַטש אין שטענדער. מיין גמרא-מלמד
גיט אַרויס דעם פסק-דין.
ער ווייסט אַלץ. געהערט, וואודען?
פון מיינע געריבענע שטיק.
אָ, ער קען דעם וואוילן אַנטיק.
אָבער אַ קאָפּ האָט ער אַ שאַרפן
און אַ האַרץ אויך נישט אויף אַרויסצוואַרפן.
און די רייד זיינע — פאַרט גאָטס מתנה.
בכן, קומט ער צו דער מסקנה.
ער נאַראַיעט
אַריינצונעמען צוויי אָפּגעקליבענע

שורות מיינע אין פאיעט.
מ׳טאר נישט זיין אזא אכזר.
קומען קומט אים טאקע שמייסן,
אבער ער האט פארדינט א פיצל ארט אין מחזור.
אויף מיר די עברה און די פארדראסן.
מיין גוטער זיידע האט זיך אזש פון נחת צעגאסן.

מיט פערד ווי די אדלערס
האבן די שורות מיינע
די ימים נוראים אנגעיאגט.
און נאך דעם זעלביקן ראש השנה
האבן יידן מיך געזאגט!
גוואלד, יידן האבן מיך געזאגט!
גוואלד, יידן האבן מיך מיט כוונה געזאגט!
פאר גאנצע מעת-לעתן,
צוויי איינציקע שורות מיינע אין שול געזאגט!

און איך האב מיט א געבראכן הארץ
אין פאליש געהערט,
ווי הויך און קלאר,
יידן האבן זיך מיט מיינע צוויי שורות
אויסגעבעטן א גוט יאר.

ג

גנבע זיך אריין אין סידור,
ווי א בלינדער פאסאזשיר,
פאסט, און אן א ביסן עסן
פאר גאנצע מעת-לעתן,
ביז צום ברעג.
ליג איינגעלייגט אין דיין באהעלטניש.
גיב זיך נישט קיין ריר דעם גאנצן וועג.
און אויב דו וועסט נאר מיט א גלייך ווארט
אריין אין ריכטיקן ארט
און דאס סידורל
מיט יידישער פרייד באשטראלן,
וועט זיין פארפאלן.

דאס סידורל וועט דיך מוזן
אויף אלע אייביקייטן פארטראגן,
און מ׳וועט דיך אויך דאווענען,
דיך אויך זאגן.

ערדענע רייד

מיין געצעלט

נעם מיך אַרום מיט ווערגנדיקער געטרייִשאַפט,
לשון מיינס, ווער מיר אַן אייפערזיכטיק ווייב,
בינד מיך צו צום געצעלט,
לאָז מיך ווערן שטום-לשון פאַר דער וועלט,
אַפילו אין דער בעסטער איבערזעצונג.
זאָלן זיי מיך פאַרטיילן.
פאַרקליין מיך, ביז ניט-דערשעצונג,
מיך אַרט נישט אַז זיי וועלן מיך נישט ציילן.
פאַרשווער מיך, אַ געטרייען,
צו דיר מיט גורלדיקער באַשערטקייט,
אַז ס׳זאָל מיך קיינער פון דיינע אָרעמס נישט באַפרייען.
אמת, איך וועל נישט זיין אוניווערסאַל,
אָבער אַז איך וועל אַוועק,
וועל איך ווערן אַ וואָלקן-זייל
אַ ליכט-שטראַל,
איבער אונזער קליינעם משכן.

אָפּגענאַרטע

פאַר אונדז די פאַרטרויעריקטע,
מיט פאַלשער וואָג און מאָס פון שעה׳ן.
אָפּגענאַרטע, אָפּגעדויעריקטע,
מיט צייט-צווייטן פון געלעכערטע נישטאָען;
ווי אַזוי וועלן זיך ציילן אונדזערע טעג?
אַז דער אָנוווער
פאַרפינצטערט דעם פאַרמעג.

אַ בת־קול

ער האָט זיך אויף דעם ליבן נאָמען ניט אָנגעשפּאַרט,
זיך אויף אים ניט פאַרלאָזט, ניט געוואַרט.
ער האָט זיך פון אים דערווייטערט,
טאָג־טעגלעך געבלאָנדזשעט אַליין,
זיך געלייטערט.
ער האָט ניט געגלויבט אין שכר,
געטאָן גוטס אָן אַ באַלוין דערפאַר.

ניט באַשווערט האָט ער דעם ליבן נאָמען,
מיט זיינע פּרעפלדיקע פאַרלאַנגען.
ער איז געוואָרן ווי אַ פויגל,
וואָס זיינע געזאַנגען
זיינען פאַרן טאָג און פאַר דער צווייג.
געזוכט האָט ער שפּייז
אין שוויים פון דער פריי,
און ניט אין אַ צוגעגרייטער גילדענער שטייג.

ער האָט זיך געעלטערט,
געלעבט אויף קרישקעדיקער חכמה
פון פאַרגאַנגענע דורות.
זיין ברייטהאַרציקע טיר איז געווען אָפן,
אָבער מענטשן האָבן געווייכט פון דעם אַפּיקורס.
אַפילו אין די רגעס פאַרן טויט,
האָט ער ניט געקענט אויסטראַכטן
קיין תפילה און קיין לויבן.

נאָר אַז זיין נשמה איז אַרויף אויבן,
האָט ער דערשפּירט אַ ליכטיקן באַריר.
אַ בת־קול האָט אויסגערופן:
לאָזט אַריין דאָס ווידערשפּעניקע קינד מיינס,
דורך אַ פאַראַדנער טיר.

רעד צו מיר יידיש

רעד צו מיר יידיש, מיין יידיש לאַנד,
און איך וועל צו דיר רעדן עברית ממילא.
אברהם מיט שרהן קומען מיר אַנטקעגן,
פון דער מערת המכפלה.

גאָט העלף, זיידע-באָבעשי.
אברהם גייט שווייגנדיק די גאַס אריבער.
נעם זיך ניט צום הארצן יאַנקעלע,
זאָגט שרה, ער איז מבין כל דבור.

ס'איז אַזוי דאָ אָנגענומען.
אַ מאַנסביל דאַרף יידיש שטומען.
אָבער אַ יידענע פון יידיש-טייטש
האָט אויך עפּעס וואָס צו זאָגן.
זאָג איך דיר גאָט העלף, מיין קינד,
זאָלסט מיר אַלדאָס גוטס פאַרמאָגן.

גליב מיר, יאַנקעלע, ס'וועט קומען אַ צייט,
אין כאַמישאָסער-לאַנד פון ראָזשינקעס און פייגן,
אַז אַלע עברית-קינדער
וועלן אויפהערן יידיש שווייגן.

און אַז זיי וועלן זיך צערעדן,
וועלן זיי, וועט אַ נחת זיין צו הערן,
אַזוי וועט געשען, יאַנקעלע, מיין קינד,
אַ שבועה קען איך דיר שווערן.

דער זיידע אברהם פון יענער זייט גאַס,
ווינקט צו מיר און פאָכעט מיט דער פאַטשיילע.
אָ, רעד צו מיר יידיש, מיין יידיש לאַנד,
און איך וועל צו דיר רעדן עברית ממילא.

41

ערדענע
רייד

יעקב גלאַטשטיין

קינות אויף די נשמות
פון אידישע שטעט

צום צענטן יאָרטאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד

א

נשמות פון יידישע שטעט,
באַהאַלטן אין די פאַרמעטן פון אייביקייט.
וועלן זיי אויפשטיין פון טאָל פון טויט?
וועט אויף זיי אַ בלאָז טאָן די זעאונג פון לעבן?
נאָר דו, מיין גאָט, ווייסט ווי שטאַרק זיי זיינען געווען.
ווייל דו האָסט זיי געבויט מיט דיין פאַרשטאַנדיקער גבורה.
נאָר דו, מיין גאָט, האָסט געוואוסט
ווי שוואַך זיי זיינען געווען,
איידער זיי זיינען אַוועק מיטן רויך.

ב

דו האָסט נישט געשיצט די יידישע שטעט,
זיי נישט פאַרפעסטיקט,

זיינען זיי ווי הייליקע אותיות
אָפּגעשפּרונגען פון לעבן.
איצט הענגען פּסולע נעמען,
אויף ביישטידלען פון וויסטע וועגן.
אַלע גרעניצן פון דיין וועלט זיינען טמא.

ג

קומען די נשמות פון יידישע שטעט
וויינען פאַרן כסא הכבוד.
גאָט ברוך הוא,
זע ווי גרינטלעך חרוב מיר זיינען.
דו האָסט אונדז באַשאַפן אין דיין געשטאַלט.
איצט איז דיין וועלט אַ שטיק גוף,
אַ דומם.
ווי געץ-גלעקער קלינגען איצטער
די נעמען פון שטעט,
וואַרשע, ווילנע, כעלם, לובלין.

ד

אין טאָג ווען כ׳וועל בויען מיין הויז,
אויב פאַרגעסן וועל איך אין די יידישע שטעט
זאָל פאַרשטומט ווערן מיין צונג,
פאַרטרויעריקט ווערן די בויערישע האַנט.
זאָל סיוויי פאַרשטומט ווערן מיין צונג,
און פאַרטרויעריקט ווערן די האַנט וואָס בויט,
גאָטס הויז אויפן באַרג,
אויף אַ פונדאַמענט פון אַזויפיל פאַרגעסעניש.

ה

פאַרוואָגלט דער שלאָף.
דער ניט-דרימלער און ניט-שלאָפער
לאָזט זיך פאַרלייענען די געשטאָרבענע נעמען
פון הייליקע יידישע שטעט.
שמעקט דער זעמל-מעל פון זייער יידישקייט.
ס׳גייט אויף אַ רחמים
וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן פון דער גאַנצער וועלט.
ס׳וויינען טויזנטער טויטע קינדער שירה.

ו

דאָס קינדישסטע, גלויביקסטע פאָלק,
מיט דעם בלוט פון יידישע שטעט
אין די אָדערן.
האָט אין די שרעק-חלומות
פון זיין שווערסטען גלות,
קיינמאָל נישט מורא געהאַט
פאַר אַזויפיל שוידער,
וויפיל די אַרומרינגלנדיקע וועלט
האָט אים אַנטקעגנגעטראָגן.
ווי אַ דערשראָקענע טויב
האָט ער געשטרעקט דעם האלז צום שעכטער.
הייליק, דריימאָל הייליק.
דאָס שוואַכסטע קינד צווישן פעלקער,
מיט דעם בלוט פון יידישע שטעט אין די אָדערן.

ז

הייליק די וועלט, איידער זי צעלעסטערט דיך
און צעשטויבט דיין קיניגרייך.
בלאָז צוריק אַרויף אויף איר
דאָס אַש פון יידישע שטעט-געדעכענישן.
די רו פון איין אָפגעהיטן שבת,
דעם אַראָמאַט פון איין אויסגעבאַקענעם
יידישן יום טוב.
זע, מיט וויפל זעלנערשן כוח,
ס'שטייט אויף אַנטקעגן דיר
אַ ניט-יידישע וועלט,
מיט אַ געפאַנצערטן, געשטרעקטן אָרעם.

ח

אָן פלייש, אָן ביינער, בלויז גייסט,
זאָג נביאות, בן אדם, אויב דו קאָנסט,
אין טאָל פון אומברענג.
אַז אויך דאָס רוחניות
וועט אויפשטיין פון צוזאַמענגעקלאַגטן אַש.
ס'וועט געגענען געזאַנג צו געזאַנג,
רויך צו רויך, בענקשאַפט צו בענקשאַפט,

הייליקייט צו הייליקייט,
און ס'וועלן צוריק אויפשטיין
יידישע שטעט,
אין טאָל פון אַזויפיל
טויט־שאָטנדיקן חורבן.
זאָג נביאות, זאָג נביאות, זאָג נביאות,
ביזן לעצטן אָטעם דיינעם,
אויב דו קאָנסט.

ט

פאַרוואָגלטער רוצח, זיי וויסן,
דו האָסט געבראַכט אויף דער וועלט דיינער,
אויף אַלע אייביקייטן,
די קללה פון אַ טויט האַרץ.
טרויעריקער מערדער,
האָסט אויסגעוואָרצלטביימער, שטאַמען,
אויסגעפליקט משפחות, נעמען,
אָפּגעמעקט גערעכענישן,
פאַרמינערט דאָס געזאַנג פון דער וועלט.

י

רעד זיך נישט איין,
אַז דאָס קען געשענקט ווערן.
רעד זיך נישט איין,
אַז אין שענצטן אַרויפבוי,
קען דאָס שלעכטס פאַרגעסען ווערן.
זע ווי ס'פּנים פון דער וועלט,
איז שוין צעקרומט און מאַלפּעדיק,
הער, ווי מ'פאַרשטייט שוין מער נישט
איינער דעם אַנדערנס לשון.
האָרך, ווי מען בויט
אַלץ העכער און העכער,
דעם טורעם פון חורבן.
קוק זיך איין און זע,
צי האָט דאָס פּנים פון דער וועלט
איין שטריך פון ווייכער יידישקייט.
לייען די ביכער און שטוין,
ווי אויסגעמעקט ס'זיינען
אַלע אותיות פון רחמים,
אַלע אותיות פון ספר.

דערגרייכערס

די דערגרייכערס קומען שטאָלצע פון וועג,
מיט אַ סך זאַק־רויב,
פון כבוד און עשירות.
זייערע קינדער וועלן זיך באָדן אין שמעקעדיקע אוילן.
אַזוי האָט דער גורל באַפוילן.

נאָך זיי קומען געבויגענע בעטלערס
מיט צעריסענע פּיס,
אויסגעשטרעקטע הענט,
מיט פאַרקאָלטנטע האָר באַוואָקסן.
זיי ווערן הייזעריק פון זינגען הללויה,
צו יופּיטערן און זיינע רייכע אָקסן.

די בעטלערס פאַלן און ווערן געלאַטעטע טעפּיכער.
די דערגרייכערס טרעטן איבער די קעפּ פון די שלעפּיכער.
ס'קלינגען די גלאָקן, ס'זינגען אַלע אמונות.
ווען די דערגרייכערס צאָי'ן אויס זייער געפעלשטן מעשר,
פאַר די בעטלערס —
דאָס ביטער־ברויט מיטן שטינקנדיקן וואַסער.

מיט מיין דור

באַגלייטערין מיינע, זיי מיר אָן אָנשפּאַר.
האַלט מיך פעסט. לאָז מיך נישט מאַכן צו־נאַר.
גיב מיר שטאַרקייט אין מיין פאַרמאַטער.
מיר זיצן שוין אין זעלביקן פינצטערן טעאַטער
מיט מיין דור. ס'ווערגט מיך אַ קהלשע טרער.
ס'צעגייען אין מיר און ס'גלעטן
אַלע זייערע זיסע באַנאַליטעטן.
ס'ווערט שווער מיר און וואַרעם.
דער גאַנצער האַרעם פון מיין בענקשאַפט פאַרשווינדט
און צעטריפט זיך ווי אַ ליכטל אין ווינט.

פאַרגלויב מיך

פאַרגלויב מיך מיט דעם קינדישן טייטש
פון האַרציקע תפילות.
יעדער וואָרט איז אַ טויב
וואָס קלייבט קערנער אין שטויב,
צווישן אונז, איידער ס'גיט אַ פלי.
דו אַליין גיב מיר צוריק די נשמה,
אַלע אינדערפרי.

פאַרקניפּ צוריק מיין לעבן מיט דיר,
שרומפּ איין דיין גרויזאַמען אומענדלעך
און מאַך זיך פאַרשטענדלעך,
צום שכל פון אַ קריעת־שמע קינד.
גיב אַ לאַך אַריין אַלע אינדערפרי
אין מיין פענצטער —
און פאַרשווינד.

די שעה

מיין טייערע, די שעה פון דערלייז
הויקערט אונז איין.
מיר האָבן נישט קיין כוח
די נסיונות צו פאַרטראָגן.
מיר עפענען ספרים. מיר גדעדענקען זאָגן.
ס'שווייגן אויך די נביאים מיט פאַרכאַפּטן אָטעם.
ס'בלענדט אונז דער שיין
פון אויפגאַנג און טאָגן.
מ'הערט נישט קיין שעלטן און שטראָפן.

און דו און איך, לאָמיר אונזער מידיקייט באַזיגן
און די גאולה שלימה נישט פאַרשלאָפן.

ראש השנה

מיין גלויבן, מיין אומגלויבן,
אַפילו קיין אַקער לאַנד נישט,
אין גרויסן גבול פון צעשטערן און בויען.
איך בין אָבער קיינמאָל נישט געווען קיין געצנדינער,
נישט מחלל געווען די איבער־נאַטור,
מיט פאַרגלאַצטן פאַנטעאיזם,
מיט גאָט־פאַרקלערן.
אין אַלע פאַרכטיקע טעג,
זאָל עס מיר גערעכנט ווערן.

אויב ביסט אַוועק פון מיר
אין אומברענג, קאַטאַקליזם,
האָב איך דיך צומאָל געזען
דורך דער פּריזם פון מיין האַנט.
מיין אמונה האָט זיך נישט געגליטשט אויף גלאָז.
איך בין קיינמאָל נישט געווען — רעליגיאָז.
כ'ווייס אַלץ נישט ווי מען איז מתפלל,
צו אַ גאָט, וואָס אַ דריטל פון זיין פאָלק איז פאַרטיליקט,
וואָס האָט אונז גלייך באַוויליקט —
אַ ווינקל פון אומרו
מיט אַלע קנייטשן און נייע דאגות.

גיי אַרויס, מיין באָרוויס קינד, אין פעלד שפּאַצירן
און פיר אַריין דאָס נייע יאָר,
אַ קליין קיעלע, אויף אַ זילבערן שטריקל.
זעץ זיך אַוועק מעלקן
ישועות ונחמות פאַר דער וועלט,
און איך וועל טרינקען די פרישע פרייד,
וואָס וועט שוימען איבער דיינע פינגער.

תפילה

דער טייטש פון מיינע שענסטע ווערטער
פאַרנאַרישט מיין תפילה צו דיר.
מיין לויב ווייערכט די לופט מיט געץ־געריך.
כ׳דאַוון צו דיר פון אַ שטומען סידור,
מיין טרויעריקער גאָט.

דאָס מינדסטע בלימל גיט דיר מער נחת,
ווי דער גאַנצער זעקס טאָגיקער באַשאַף.
די אינערציע פון אונזער משחית׳דיק לעבן
איז דיין קלענסטע זאָרג.
גיסט אונז טויזנטער יאָר אויף באַרג
און פאַרהוילסט דיין פנים פון אונז.
די ווענט פון אונזערע הייזער
טריפן מיט שטות.

מיר קאָנען אפילו נישט דעם אלף־בית פון קדושה.
וויפל טויזנטער לעבנס דאַרף מען,
כדי זיך צו דערטראַכטן צום פּוסנבענקעלע פון דיינס אַ שמייכל?
כ׳דאַוון צו דיר פון אַ שטומען סידור,
מיין טרויעריקער גאָט.

ביסט נישט פאַרכטיק. ביסט נישט בייז.
ביסט בלויז ווייט פון אונז,
ווען מיר פאַרשוועכן יעדער רגע לעבן.
וויפל בליץ אייביקייט ס׳איז אַריין אין אונזערע נאָזלעכער,
איז עס מער נישט ווי זיכערער חורבן.
כ׳דאַוון צו דיר פון אַ שטומען סידור,
מיין טרויעריקער גאָט.

קיביאַ

א

כעס, נקמה, רויך.
אַ קליינע מחנה מיט רציחה אין די אויגן,
אָנגעגורט מיט פֿייל און בויגן,
אין נאַכטיקן פֿאַרראַט,
האָבן מיינע ברידער
רחמנות אין זיך אָפּגעשמדט,
און פּסול געמאַכט דעם פֿאַרמעט פֿון מיין לעבן.
גאָט מיינער פֿון געדולדיקן בית־מדרש,
שווער אַזאַ פֿינסטערע העלדישקייט צו פֿאַרגעבן.

ב

מיין פֿאָלק, מיין פֿאָלק פֿון רחמנות,
ייִד פֿון מיין גאַנץ לעבן.
כ׳וועל דיך נישט אַוועקשענקען
פֿאַר די גרעסטע אַרסענאַלן פֿון גבורה.
פֿאָלק פֿון מיין גוטן טאַטן,
אויף פֿרעמדער פּוילישער ערד.
וויפֿל האָסטו מיט מיר איינגעקנעלט גוטסקייט,
פֿון מיינע חדר־יאָרן אָן.
שטאָלץ מיינער, אויסדערוויילטער.
פֿאַרגלותטע פֿעסטקייט.
באַפֿריי זיך נישט פֿון מיינע גערעכטע דלד אמות.
גיי נישט אַוועק אין וועלט־געפֿאַנגשאַפֿט,
מיט בלוטיקע קייטן אויף די הענט.

ג

שונא מיינער, מיין שטאַרקער אָרעם
וועט אויך זיין גערעכט.
פֿאַרשוועכט וועט נישט זיין
דאָס ייִדישע וואָרט.
דאָס אָרט וואו ס׳וועט געלייגט ווערן
דער שלום־שטיין,
וועט זיין פֿעלזן־פֿעסט און ריין.
און אַז מיר וועלן אַלע געפֿאַלענע ציילן,
וועלן מיר די טרויעריקע וואונדן היילן,
מיט רחמים, מיט גלויבן;
אַז אַפֿילו אויפֿן פֿעלד פֿון שלאַכט,
אין דער פֿאַרשעמטער, פֿינסטערער נאַכט,
מוזן אונזערע זין זיין ליכטיקע ייִדן.
נישט קיין אָנפֿאַלערישע רוצחים,
נאָר באַשיצערס, זיגערס, הויך־דערהויבן.

אומבאַשיצט

דער גרויסער טרויער מײַנער
ווערט אַלע נאַכט מײַן שאָטן.
גייט מיר נאָך פֿוס־טריט,
מיט געטרײַשאַפֿט פֿון אַ גלויבן.
ער לעקט מײַנע טריט.
פֿאַרהילט מיר די מעשׂים פֿון טאָג,
מעקט זיי אָפּ ווי נישט געטאָן.
דאָס גוטס און דאָס שלעכטס
אַלצאײנס פֿאַרהילט ער מיר.
און ס׳איז געווען טונקל־טאָג.
געווען פֿרײַטאָג.
אַלץ איז גוט.

שפּעט בײַנאַכט פּליקט ער מיר אויס
אַ גאַנץ בלעטל פֿון מײַן טאָג־בוך,
און שיקט מיך שלאָפֿן,
אָן קריאת שמע,
אויף גאָטס באַראָט.
אַז די נשמה ווערט מיר צוריקגעקערט
פֿריש, אינדערפֿרי,
האָט זי שוין דער טרויער מײַנער
געוואַשן און געפּרעסט.
איך הייב זיך אויף,
נעם שרײַבן מײַנע מעשׂים,
וואָס דער געטרײַער גרויסער טרויער מײַנער
וועט ווידער מעקן.

און איינמאָל אַ יאָר.
באַפֿאַלן מיך אַלע
מײַנע גוטע און שלעכטע מעשׂים
ווי די הינט,
און זיי פּילדערן,
אַזוי און אַזוי און אַזוי,
האָסטו צעטאָן, אַזוי און אַזוי.
שטעל, מעק, זאָג, רוף, גלויב, לייקן.
מײַן גרויער טרויער שנאָרכט.
ער האָט מיר איינמאָל אַ יאָר צוגעזאָגט אַ טאָג,
ווען איך שטיי אומבאַשיצט,
פּנים אל פּנים, מיט דער שווערער, רעוועדיקער פֿרייד
פֿון לעבן.

אין אַ געטאָ

אין אַ געטאָ פון טעג און נעכט
ליגט אונזער אָפּגעראַטעוועט לעבן,
אַלץ וואָס טרעפט אונז,
באַשערט און געגעבן,
איז ייִדיש דורך און דורך.
מיר האַנדלען־דורך די טעג,
מיט לייען און באָרגן,
און דרייען אַריין
די באַנאַכטיקע, דערשראָקענע לאָמפּן
פון אונזערע באַזונדערע זאָרגן.
פּאַרפּאַלן, ייִדישער פּאָעט,
נישט דיר איז באַשערט צו ווערן
אַ פעסטונג פון ציטאַטן.
דעם תנ״ך וואָס זיי האָבן דיר צוריקגעוואָרפן
אַריבער דעם פּאַרקן,
האָב איך שוין לאַנג אויפגעהויבן אַ געשמדטן.
איצט ביזטו שוין ווידער אַליין.

אַליין.

פּאָעט, נעם די שטילסטע ייִדישע רייד,
פּאַרגלויב זיי, פּאַרהייליק אויף דאָס ניי.
אַלע דײַנע מצוות הויערן בײַ דײַנע פיס געטריי,
ווי צוגעטרויטע קעצלעך;
קוקן דיר אין די אויגן

זאָלסט זיי גלעטן און טאָן.
ווייסט גאָרניט ווי ס'שטייט אַלץ אין קאָן.

זאָלסט זיי טאָן.

זיי אָפּגעהיט. די פאַרוויסטונג רופט ווידער.
אַ ווילדער אַקער צעמורשט אַ גרויסע זעט
און געפינט דאָס האַרץ פון אַ סקעלעט.
און טאָמער זאָלסטו דיר איינרעדן
אַז אַ סקעלעט איז אָן אַ האַרץ,
זאָלסטו וויסן, קראַנק יינגל,
דאָס גאַנצע צעגליטע,
צעצונדענע לעבן
אויף יענער זייט פאַרקן,
קאָן דיך נישט שטאַרקן, דערהויבן,
ווייל ס'איז סקעלעטן-האַרץ
מיט דער גאַנצער פרייד,
רחמנות און גלאָקן פון גלויבן.

פּאָעט, וואָס פון דער נאַכט?
אונזער באַפרייאונג איז קליין,
אומבאַוואַכט, אומבאַשיצט.
ווער דער שומר, באַוואַך,
פאַרוואָר —
דאָס בטחונדיקע טיר-און-טויער-געזאַנג
פון — אָן איבעראַיאָר,
וואָס איז אויף תמיד
אין דיינע גלייביקע ביינער איינגעקריצט.

גאָטיס דאָרן

ווער ס׳זאָגט אַז אויף אונדזערע קדושים
האָט זיך אויסגעגאָסן גאָטס צאָרן,
איז אַ לעסטערער און פאַרשווערער.
כ׳האָב געקענט גאָטס פלאַקערדיק פאָלק,
גאָטס וואונדערלעכן דאָרן,
וואָס האָט געשטאָכן די אויגן
פון פעלקער־פאַרברעכער.
געברענט האָט דער דאָרן
און געוואָרן פאַרברענט.

בלאָנדזשעט משה.
אַלץ איז פאַרוויסט, פאַרלענדט,
צעשטערט און פאַרשוויגן.
ער הערט —
גאָטס וויינענדיק קול פון די הויכן.
הוי, ווי געשריגן.
פאַרלאָשענער דאָרן,
מיינע הייליקע רויכן.

קיינער

קיינער קומט שוין מער ניט מיט פריידיקע אויגן,
טויטע מאָרגנס צו באַזונען,
האָט שוין ווער אויף די וועגן
דעם זינגענדיקן נע־ונד געפונען?

דער בוים שטרעקט זיין האַרבסטיקן ציטער,
אַנטקעגן נעכט פון קאַלטן טרויער.
דרימל, מיין לעבן, ס׳קומט בייז געוויטער.
דעכער ווערן דערשראָקענער און גרויער.

דער בכור דיינער

הייבסט אָן ערשט רעכט טועם זיין דיין פּאַטערשאַפט,
ווען די מיטעלע יאָרן באַשנייען דיין געמיט.
דער גרויסער בכור דיינער ליגט אין וויג.
דאָס פאַרקללהטע געביין דיינס לעבט אויף.
דיין טרויער־קלוג לעבן דאַרף זיין דער זיג,
איבער אַ באַשפּיגענעם פּה־נטמן.
לעבסט און זינגסט אים ווי אַמאָל צוקערדיקע קינדער־לידער.
דיין זונס ערשטע גרויע האָר
זיינען לעגענדע־בליצן,
ער ווערט עלטער און מידער.
אַזוי וועסטו איבער אים זיצן,
ביז וועסט אַליין ווערן אַלט און שלאָף,
אָבער וועסט פאַר אים פאַרט איבערקריצן
די פאַרמעקטע ווערטער פון דיין עפּיטאָף.

שטילקייט

די באַשערטע שטילקייט ווי יונגער שניי
ליגט אומבאַטראָטן פאַר אונזער שוועל.
דו דרימלסט. דיין חלום איז אַ קליין ליד
פון טאַנצנדיקע מיידעלעך.
דער טאָג עלטערט נישט נאָר זעטיקט מיט לעבן.
די בייטן פון דרויסן זיינען צעאַקערט מיט ליכט.
כ׳חלום זיך אַריין ווי אַ שפּיל־קאַסטן
אין דיין ליד.

דיינע אויגן עפענען זיך און פאַלן־צו.
דיין שמייכל בווערט זיך דורך,
ווי אַ ניי־געבוירן פלאַטערל,
און טאַנצט אויף דיין שלאָפנדיק פּנים.

55

ערדענע
רייד

יעקב גלאַטשטיין

פאַריאָרטע טעג

האָסט מיר יעדער טאָג פאַריאָרט
און מיר צוזעשפּאָרט אַ לאַנג לעבן.
זאָל איך ביי דיר בעטן פאַרגעבן
וואָס איך האָב אויף אַ גאַנצן גלגול
פאַרשפּעטיקט?
האָסט יעדער טאָג אָנגעזעטיקט,
און מיט קלוגשאַפט
מיר אָפּגעצאָלט,
פאַר אַלץ וואָס איך האָב בידים
צעטאַכליעוועט און צעמאָלט.

אין דיין האַנט טרוי איך מיין רו.
אין דיין גוטער האַנט.

כ'האָב געטיילט מיט דיר דיין נאַכטיק וואָרט
און געזען ווי באַלאַדן דיין פּנים ווערט
מיט חלום, מיט שלאָף.
כ'וואַך אַליין אין קרייז פון מיין שטראָף,
וואָס מוז פאַר אונז ביידן אַן אָרט געפינען.
דיינע גלידער טונקלען,
די נאַכט רעמט איין דיין קאָפּ.

אין דיין האַנט טרוי איך מיין רו.
אין דיין גוטער האַנט.

אָפּשפּאָר

מיט וויפל האַרטע הויטן
ס׳זיינען שוין אַרומגעוואָרנט די וואונדן,
מיט וויפל פאַרקנס
די געשטרעקטע פעלדער פון אייגענע טויטן,
ווערן די וויטאָגן אַלץ אויפגעבונדן
און די צאַמען אַוועקגעשווענקט.
דער צער אונזערער ווערט אומזיסטיקט,
באַמיסטיקט, גראָב צוגעדענקט
מיט דעם פאַרגעסנקייט פון שלעכטע יאָרן.

מיר ווערן פאַרקלעמט אין אַ וועלט,
פון אַלערליי דערפונדענע פלעדערשרעקן.
וואָס-זשע ווילן מיר דערוועקן ?
וואָס גייט אונז אַזוי עקשנותדיק צו געדענקען ?
וואָס פאַרוואָס זאָגן ווילן מיר דורכטראָגן
און טייער פאַרהוילן זייער שכל,
דורך אַזויפיל פאַרהרובטע וואָרן ?
וואָס ווילן מיר באַהאַלטן, אָפּשפּאָרן, פאַרהאָבן ?
וואָסערע מגילות ווילן מיר באַגראָבן ?

דעם סוד פון קליינעם פייער,
פון שטילן ביסל ליכט ;
דעם אומגעריכט פון ערשטן מענטשלעכן געטרוי,
דעם טוי פון אַ קינדערשן שמייכל.

געטרײַע זינד

מײַנע געטרײַע זינד,
איך האָב אײַך קיינמאָל נישט אמת געזינדיקט.
און אײַך קיינמאָל נישט געטאָן,
ווי מען טוט מעשים טובים.
איך האָב אײַך תּמיד אָפּגעפּרעפּלט ווי אַ חוב,
איר האָט מיך קיינמאָל נישט דורכגעדרונגען,
דורכגעגרײַצט ביזן ביין,
ווי מצוות וואָס זײַער זין
פּלאָנטערט אין געדעכעניש
ווי אַ גוטער, וואָניקער פּסוק.

געבענטשט זאָלן זײַן די ליבע אויגן,
וואָס האָבן מיר פאַרמצווהט
שטיקער רוי לעבן, שטיקער גראָז,
וואָס אויף זיי רוט איצטער מײַן קאָפּ
און חלומט שאַרפע חלומות.

באַשערט ביסטו מיר געווען.
געבענטשט ביסטו מיר געווען.

עטלעכע שורות

עטלעכע ציטערדיקע שורות אויף דער דלאָניע.
כ'האָב זיי לאַנג געהאַלטן
און געלאָזט דורכרינען דורך די פינגער —
ווערטערווייז.

די שטאָט האָט מיך אָפּגעדעקט.
געהערט, געזען, געשפּירט,
שטיי איך פאַרשטריקט
אין אַ גרויסער געפאַנגענשאַפט.
וואַרף מיך ניט אַוועק,
אין מיין געפּלעפּטער שרעק.

ס'גאַנצע געזאַנג איז דורכגערינען.
מיין אַליינקייט האָט די גאַס פאַרפרעכט.
די טעלעוויזיע־שויב שפּיגלט אָפּ מיין יעדער וואָרט,
מיט אַ זעץ פון געלעכטער.
די איינזאַמקייט פּאַסט מיר ווי אַן אַלטמאָדיש נאַכטהעמד.
וואַרף מיך ניט אַוועק,
אין מיין געפּלעפּטער שרעק.

אָן געשאַנקען

אָרעם בין איך. כ׳ברענג דיר מער נישט
קיין געשאַנקען צו טראָגן.
כ׳קום צו דיר נאָענט מיט ליידיקע הענט.
די פּסוקים מיט אָפּגעטייטשטע קעפּלעך,
האָב איך לאַנג אַוועקגעוואָרפן.
כ׳ווייס ווי דו האָסט תמיד אָנגעקוואָלן
פון סימבאָלן.

ווי צו טרויעריקע שולן,
צו שוועלן פון גלויבן,
אַזוי שווער איז צוריקצוקומען
צו אַמאָליקע ווערטער.
באַקאַנט זיינען דיר זייערע ערטער.
הערסט זייער ברומען, ווי מיר.
קומסט אַמאָל נאָענט, קוקסט פאַרבענקט
דורך די שויבן.

אָבער דו וואָס רוסט נאָך אין שאָטן פון תנ״כישע ביימער.
אַ זינג מיר קילע טרייסט,
פון אַלץ וואָס געדענקסט, אַלץ וואָס דו ווייסט.

קברים פון חברים

כ׳האָב איך היינט געזען, קברים פון חברים,
דורכן אָפענעם פענסטער פון מיין נייעם פרימאָרגן.
מיט געבויגענער עניוות האָב איך געמאַכט עטלעכע שפּאַן,
צו אייערע גראָזיקע פנימער —
זון־זייגערס וואָס ווייזן
איבערגעשראָקענע צייט.
כ׳האָב געדענקט אייער פרייד.
די פונקען געלעכטער און די שטילערע שעהן ;
אייערע לעבעדיקע הענט,
און די ווערטער וואָס זיינען געווען פייער־פליגן.

דעם טרויער האָט איר געטראָגן
אויף אַלע שפּאַצירן,
און פאַר די פרויען איז עס געוואָרן
צייטיק געלעכטער,
אויף זייערע פריידיקע הענגל־טרויבן.
וויפל מער טריט האָב איך שוין געמאַכט ?
כ׳האָב זיי ניט געמאָסטן.
אָבער כ׳האָב געלעבט אָן גדלות,
תמיד געדענקט אייערע איבערגעשראָקענע שעהן,
און געזאָגט צו זיך :
זיי נישט אַזוי פאַררייסן.
זאָל דיין געלעכטער זיין שטיל.
זאָלן דיינע יאָרן זיין קליינע לאָמטערנס.

דער פּאָעט לעבט

דער פּאָעט לעבט. די יידישע לויה־פייגל שנאַפּן.
דיין געזאַנג איז אַ שמירה קעגן זייער געקלאַג.
די לויה־פייגל וועלן דיך ניט כאַפּן,
היינט אין דיין לעבעדיקן פאַרטאָג.

דער שפּיגל זוניקט דיין געשטאַלט.
ער באַהאַלט דיינע יאָרן מיט אַ פאַרגלעט.
פאַרשניפּס דעם האַלז מיט די שענסטע קאָלירן.
האָב נישט קיין מורא. די יידישע לויה־פייגל וועלן דיך
ניט באַרירן.
זיי וועלן חלילה ניט זאָגן קיין גוט־מאָרגן אַ לעבעדיקן פּאָעט.

זיי שאַרפן שוין די שנאָבלען אויף אַ געקלאַג.
זיי פייפן זיך שוין איין דעם נעקראָלאָג.
ניט צוליב דיר, נאָר כדי מיט דיין טויט צו פאַרקריצן,
זייער אָנלויף פון אַלע זומפּיקע ווינקלען,
פון אַלע אונזערע פאַרשימלטע שטינקלען.

זיי רואיק, לעבעדיקער פּאָעט.
קאָנסט וויינען, לאַכן, זיך רייסן אין איינזאַמקייט די האָר.
די לויה־פייגל וועלן שנאַפּן,
אָבער זיי וועלן דיר, חלילה, ניט ווינטשן קיין לעבעדיק יאָר.

דעם טאטנס שאטן

זיננענדיקע שאַרפֿן

א

דער מעסער־זשאָנגלירער דרימלט,
ס׳זינגען אַלע שאַרפֿן,
מאָרגן וועט ער אַ מידער
מיט די בליציקע קלינגלען זיינע
ווידער מיידן און טרעפֿן,
צילן און וואַרפֿן.

צעעפֿן פֿאַר אים דעם ליכטיקסטן חלום,
מאַל אים אויס, שענק אים,
די טיפֿסטע אָפּגרונטן פֿון שלאָף.
זאָל ער רוען לאַנג —
זיין באַלוין און זיין שטראָף.

האָבן אַלע זיינע ווערטער־שאַרפֿן
געטראָפֿן? —
פֿרעגט דער צעחלומטער מוח
האַלב־פֿאַרשלאָפֿן.
ס׳פֿלעמלט אַ צאַנקנדיקע רשעות
אין קאָפּ פֿון זשאָנגלירער.
איז ער געווען דער געווינער
אָדער פֿאַרלירער?

ב

ווי פֿאַרחלומטע יונגען
האָבן מיר געמאָלקן
די צעפֿייערטע הימלען
פֿון רויך און פֿון וואָלקן.
געשטאַנען פֿאַרגאַפֿט.
ס׳האָט גאָרנישט מיט גאָרנישט
פֿאַר אונדזערע אויגן,
זיך איבערגעשאַפֿט.

ס'האָבן אונדז געזעטיקט
פאַרבן, קאָלירן.
מיר זיינען געווען גרייט צו שטאַרבן
אויף כוואַליעס פון קלאַנגען.
מיר האָבן רוישן מיט רוישן
באַהעפט אין געזאַנגען;
מיר האָבן געבלעקערצט,
געקניט פאַר זון־פאַרגאַנגען.

פאַרגעצטע יאָרהונדערטער
זיינען פאַרלאָפן,
אונדזערע מוחות זיינען וואָכערהייט געשלאָפן.
קלויסטערס האָבן געוויגט זייערע גלעקער.
מיר האָבן געבוקט זיך
פאַר אַלע דערשרעקער.

וויפיל האָט אברם געוואונען — אָן ערך?
ס'איז יעדער קינסטלער
אַ טרויעריקער תרח.

ג

אַלע פאַראַנענע ווערטער,
די אויסגעזאָגטע,
די פאַרשטאַנענע,
ליגן אין זייער צעפלעפטער קלאָרקייט.
די אויסגענאָגטע מיינען זייערע דרימלען.
ס'איז אונדזער וועלט
וואָס לאָזט באַלד אַראָפּ דעם פאָרהאַנג.

אונדזער געזאַנג איז געוואָרן באַטויבונג.
דער טרויער וואָס איז אויף אַ ווייל
געווען אונדזער דערהויבונג,
ווערט צעווײנט אין בורלעסק.

אונדזערע פנימער ווייזן
דעם גראָטעסק,
דעם שרעק
פון דולער פאַרפלאַכונג.
לאָמיר וואָס גיכער אַוועק,
איידער מיר פאַרגייען,
צום פויק און צום טאָץ
פון אַלץ־פאַרלאַכונג.

דעם טאַטנס שאַטן

68

שנייאיקע שניטן

א

שבתדיקע טריט פון טאַטן,
אויסגערעכנטע טריט פון דער מאַמען
ביים איינקויפן —
דאָס זיינען געווען גאַנצע ספרים מיט אינהאַלט.
פון טאָג צו טאָג איז דער טאַטע קליגער געוואָרן מיט אַ וואָרט,
די מאַמע — פאַרשטענדיקער מיט אַ שמייכל.
זייערע ווערטער האָבן זיך ביסלעכווייז
געזאַמלט און געקראָגן מיין.
ווער שמועסט — יאָגן זיך נאָך אַ געל זומער־פייגעלע,
וואַרפן דערויף אַ היטל,
קומען אַהיים אַ פאַרשוויצטער,
כאַפּן אַ טרונק וואַסער,
אַרונטערשווענקען אַ מרוקעדיקע ברכה —
דאָס נעמט דאָך אפשר אַ יאָר
און ס׳איז אַזוי באַלאָדן מיט וואונדער,
אַז ס׳דאַרף נעמען אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך
דאָס איבערדערציילן.

ב

אויב שרייבן פאַר דער אייביקייט
מיינט שרייבן ווי מ׳וואָלט אַליין געווען אייביק,
וואָלט איך זיך פאַרלייגט אויף אַ קליניקייט,
ווידער און אָבעראַמאָל וואָלט איך צוריקגעקומען
צום זעלביקן:
מעסטן אין צייט פון אַ דערוואַקסענעם
די פרייד פון אַ טאָג קינדהייט.
מיך וואָלט נישט געאַרט,
אַז כ׳וואָלט מער ווי דאָס נישט אויפגעקלאָרט,
מער ווי דאָס נישט איבערגעלאָזט.

די זון זעצט זיך.
די שאָטנס פֿון די בערג זײַנען נאָטן פֿון שקיעה.

ג

די פֿאַרשטענדיקע בהמה גיט אַ הייב אויף דעם קאָפּ
און אַ לאָז אַרויס אַ מו
אַז ס׳גיט אַזש אַ שניט בײַם האַרצן.
מו צו אײַך, איר נאַרישע, אייביקע שפּילן.
איר וועט זיך דאָ שפּילן אין מײַן קינדהייט,
וואָס איז אייביק, לאַנג און אויסגעצויגן
ווי דער פֿלאַטער פֿון דאַנען ביז אַהין
פֿון אַ געל זומער-פֿייגעלע.
מו צו אײַך פֿון אַ בינטל בײנער,
מו צו אײַך פֿון מיד פֿלייש.

אָט דאָס נאָר אויפֿקלאָרן
זאָל מיר באַשערט זײַן.
דעם קמצנותדיקן שפּאָר
פֿון שעפֿן אויסרינעוודיקע מינוטן
מיט אַ לעכערדיקער קוואָרט.

ד

שוין באַלד צײַט צו זוכן תּכלית.
שוין באַלד צײַט צו געפֿינען כאַטש עטלעכע ווערטער,
וואָס זאָלן זײַן אַזוי דויערעוודיק,
ווי דער שאָטן פֿון טאַטן
אויף דעם פֿריש-געפֿאַלענעם שניי,
פֿאַרטאָג, ווען ער פֿירט דאָס ייִנגעלע,
מיטן געפֿרוירענעם נעזל און ברענענדיקע אויערן,
אין שול אַרײַן דאַווענען.
אָט דער שאָטן איז געגאַנגען באַזונדער מיט אַזאַ כּוח און אימפּעט,
ווי ער אַליין וואָלט זיך אויך געאײַלט צו השכּמה.

דער שאָטן איז אַרויס פֿון שטאָט,
זיך פֿאַרלוירן הינטער דער ראָגאַטקע,
און געלאָזט ייִנגעלע און טאַטע
שפּאַנען איבער אַזאַ שטח פֿון צײַט,
ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אַנטקעגן שטענדיקייט.

דאָסטאָיעווסקי

70

א

דאָסטאָיעווסקי האָט אַוועקגעשטעלט גאָט
ביי זיך אויפן טיש
ווי אַ פלאַש בראָנפן
און געזשליאָקעט.
ער האָט געמייקעט און געוועריזעט,
זיך אויסגעניכטערט
און ווידער האָט אים געצויגן צו גאָט
ווי צום פלעשל.
אַמאָל ווען דאָסטאָיעווסקי האָט זיך געוואַלגערט אויפן
איז צו אים אַריין אַ זקן.
דער זקן האָט אים, מיט אַ קרעכץ, אויפגעהויבן,
אים אַוועקגעלייגט אויפן הארטן בעט,
אַרונטערגעצויגן די שטיוול פון די שמוציקע פיס,
אַרומגעוואַשן דאָס מויל,
אויסגעקעמט די פאַרקאָלטנטע און פאַרוועריזעטע באָרד,
געגלעט דעם קאַלט-שווייסיקן שטערן.

דאָסטאָיעווסקי האָט געעפנט די טאַטערישע אויגן
און געפרעגט:
ווער ביסטו?
דער אַלטער איז פאַרשוואונדן.
מיט וואַקלדיקע טריט איז ער צו צום שרייב-טיש.
די פלאַש איז געווען ליידיק.
ער האָט אויסגעטרונקען זיין גאָט ביז צום דנאָ.
האָט ער גענומען די פעדער אין האנט
און אָן אויפהער געשריבן.
ער האָט מורא געהאַט אויפצוהייבן דעם קאָפּ
ווייל ער האָט געוואוסט,
אַז דער אַלטער שטייט איבער אים,
וואַכט איבער אים,
מיט זיין גוטער, מענטשלעכער ניכטערקייט.

האָט אים דאָסטאָיעווסקי אויך אַריינגעשריבן אין זיינע ביכער.

ב

דער טרויער פון זיין לעבן
קניפּט אַן אַזויפיל נאָענטשאַפט
מיט אַלץ וואָס טראָגט דעם יאָך פון לעבן.
ער בויגט זיך אָן, הערט זיך איין
צום מינדסטן גרעזל.
פאַרשטייט דעם שטומען ווייטיק פון אַ הונט.
די פאַריאָכטקייט פון מענטש ליגט אויף זיינע אַקסלען.
ער טראָגט די משא מיט געהייליקטן טרויער.

אַלץ שרייבט ער אַריין אין זיינע ביכער,
דעם גאַנצן חשבון פון יסורים,
אַלע טענות און רעכנשאַפטן
פון די שיכורע איובס,
וואָס האָבן גאָרנישט פאַרמאָגט,
און געשלאָגן געוואָרן מיט ירושה׳דיקן צרעת פון לעבן.
אויב בראשית איז באַשאַפונג און זין,
זיינען זיינע ביכער תנ״כן פון תוהו.
ער האָט זיי אַלעמען געגעבן
פון זיין גוטסקייט, פאַרשטאַנדיקייט,
אַלעמען אַרומגעצונדן מיט פייערלעכער משוגעת,
געשיקט דורך טאָפּטשנדיקע וועגן,
באַפוילן זיך איינצובלאָטיקן
און קלעטערן צו גאָט.

נאָר אונדז האָט ער דאָרט אַריינגעשריבן,
מיט אַזויפיל באַזויפטן און פאַרווערזעטן צאָרן.
מיר זיינען אים געווען דער ברענענדיקער דאָרן אין די אויגן.
מיר ווערן נישט פאַרברענט.

מיר זיינען נישט קיין מענטשן נאָר יידן,
וואָס האָבן מקבל געווען דאָס לעבן
אויף אַ סיני פון פאַרשטענדלעכן
און ליכטיקן צער.
ער איז געווען קלוג און גוט צו אַלעמען.
מיר בלויז האָבן אים געמאַכט צו נאַר.

אַ וואָרט

כ׳וועל קומען מיט אַ וואָרט פון פעלד,
ווי אַ זיסע קרייטעכץ,
און איר וועט עס דערקענען,
איר וועט דערפילן דעם טעם —
צפיחית בדבש.
כ׳וועל קומען מיט אַ געפונען וואָרט,
אַן איינציק וואָרט פון מאָרגנדיקער קינדהייט.

איז עס פון חומש,
אָדער פון סאַמע ערשטן טראָף?
צי פון דעמאָלט, ווען מ׳האָט מיך אין טלית
געבראַכט מיט מזל צום דרדקי?
איר וועט עס אַלע דערקענען
און איר וועט זיך זעצן וואַרעמען
אַרום דעם ליכטיקן וואָרט,
וואָס גליט מיט ערשטער, באַזאָרגטער פרייד פון טאַטן,
מיט דער קוים־אַנטוויינטער
וואַרעמקייט פון דער מאַמען.

אַפילו ווען דאָס וועט זיין אַ געוויין,
דער סאַמע ערשטער דערשרעק,
וועט עס אייך זיין באַטעמט צום גומען.
און דערפילן וועט יעדער איינער,
אַז דאָס האָט ער באַזונדער
געקראָגן דאָס וואָרט
אויף אַן אייגענעם סיני.
אויבן איז געשטאַנען דער טאַטע
און פון באַגילדטע פּאַפּירענע בייטלען
געוואָרפן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען
אויף דעם טלית־פאַרהילטן קאָפּ.

דערפילן וועט איר דעם הייוון
פון קינדישער, וואַרעמער אייביקייט,
פון זיכערן שלאָף,
פון ערשט־געעפנטע אויגן.
זיי שיינען גלייך אַריין אין די פענצטערלעך
פון אַ לאַכנדיקער מאַמע
וואָס זאָגט —
אַ גיטער אויפשטאַנד אויף דיר.

73

דעם טאַטנס שאָטן

יעקב גלאַטשטיין

פון מײַן גאַנצער מי

אַמאָל־אַמאָל

א קליינער וואַלד־גאָט איז ער געזעסן
ביי אַן אָזערע און געשפּילט אויף אַ פייפל.
זיינע פיאות זיינען געווען געקרייזלט
און די ציצית מיטן טלית־קטן
האָבן געפלאַטערט אין ווינט.
זיין יאַרמעלקע איז געווען אַביסל פאַררוקט אָן אַ זייט.
די באָרוועסע פּיס
האָט ער געפּלעסקעט אין דער אָזערע
און ער האָט געפייפט.
ער איז געווען אַ קליינער גאָט
און ער האָט נישט מורא געהאַט,
כאָטש ער איז געזעסן איינער אַליין.
און דאָס לידל וואָס ער
האָט זיך פאַרגונען צו פייפן,
איז געווען אַ לויב צו זיין
שטאָלצן, ריינעם יידישן הילוך.
מיטאַמאָל האָט זיך צעפלאַקערט אַ מלחמה,
דאָס געאַרבטע לאַנד זיינס
איז איינס־צוויי פאַרוויסט געוואָרן.
ער האָט אָנגעטאָן אַ געהאַקטע קאַפּאָטע
און אַוועק אין גלות.
פון דעמאָלט אָן איז אַוועק,
(אויב נישט קיין צוויי טויזנט יאָר),
מינדסטנס, אַ קנאַפּער האַלבער יאָרהונדערט.
ער בלאָנדזשעט אַרום אויף דער וועלט
און קען זיך קוים דערמאָנען
אין דעם יידישן טראַכט,
אין יענעם זומערדיקן נאָכמיטאָג,
ווען ער האָט אַזוי האַרצרייסנדיק־שטאָלץ
געשפּילט אויפן פייפל.

אומגעקלאָרטע געזאַנגען

א

כ׳האָב קיינמאָל נישט געזען
ווי דו באָדסט דיינע קינדער.
ווי דו זיצסט איבערן וואַסער,
פאַרוואָרפסט דיין טרויעריקן נעץ
איבער פריילעכע פישלעך.
ווי דו זיצסט איינגעבענקט,
פאַרדרימלט.
כ׳וועל אַמאָל פאַרבייגיין,
דיר געבן די האַנט,
דיר העלפן טראָגן
דעם עול פון דיין היימישער פרייד.

ב

נעכטן, אויפן וועג צו דיר,
האָב איך זיך געראַנגלט מיט דיין פאָטער.
איך בין אים נישט בייגעקומען.
ער האָט מיך געשלאָגן
מיט דעם טרויער פון יונגער אייביקייט,
וואָס וואַקסט נאָך
אַרום לעבעדיקע פענצטער,
ווי אַ קליין, נייגעריק ביימל.

לי־פאָ, וואָס זוכסטו
ביים שוועל פון מיין אייגנס ?
דו, וואָס האָסט קיינמאָל נישט
געבלאָנדזשעט מיט מיר.
כ׳האָב זיך פאַרנומען אויף לינקס.
אַ גאַנץ נאַכט געוואַרט
דו זאָלסט קומען דורך אַלע פאַרצאַמען.

ג

כ׳וועל קומען צו דיר,
ווען דו וועסט לאַכן פון שלאָף,
וועסט אָפדעקן די פאַרשווייגונג
פון דיינע רייד.
וועסט מיך אַריינגעמען אין דיין גאָרטן.
מיר וועלן שפּאַצירן ווי גלייכע.
לי־פאָ וועט זינגען שטאַרק,
די ווערטער וועלן זיין ביימער,
צווישן די בלעטער וועט פלאַטערן
זיין צערטלעכקייט.
דיינע אויגן
וועלן בליצן
ווי קלוגע גלי־פליגן,
פול מיט דאַנקבאַרקייט
פאַר מיין געזאַנג.

ד

אַלע פאַרפומען ווערן מענטשלעכער
באַנאַכט אויפן געלעגער.
די וואַרעמקייט ווערט טרויעריקער
און היימישער.
ס׳נעמען צעגיין די שענסטע ריחות,
ס׳הויבט אָן שמעקן מיט מענטש,
מיט ווילד־פלאַנץ.
דעמאָלט נעמט מען זוכן
מיט בלאָנדזשענדיקע הענט
דאָס אָפּגעאָרישע האַרץ,
וואָס קלאַפּט אומעטום
פון די שלייפן
ביז די שפּיצפינגער פון די פיס.

טאָא פאַרגיט אַלץ,
אויב דאָס בעט ווערט
אַ קליין ענג שטייגל
פאַר געפאַנגענע
און פאַרבענקטע פייגל.

עלטער

דין און דורכזיכטיק
די ליבשאַפט פון עלטערע יאָרן.
באַוועגסט זיך אומזיכער
אויף ליִיב ווי אויף ערד.
מיט רעכענונג נעמסטו די קראַפט דיינע שפּאָרן,
דערשפּירסט דעם שטאָך פון יעדער טאָג, וואָס איז דיר באַשערט.

ס'איז דיר אַ שאָד וואָס האָסט פאַרזען
אַזויפיל זונפאַרגאַנגען.
און בלומען,ביימער און גראָז
קריכן איין אין דיר דאָרניקע געזאַנגען.
טרעטסט אויפן לעבן ווי אויף גלאָז.
שאָטנס קריגן פאַר דיר אַ טיפן באַטייט,
נעמסט אָן אַ קילן שמייכל ווי אַ געשאַנק,
ווערסט קאַרג אויף גאַטס שפע פון צייט.

ביאָגראַפיע

ס'טרויערן־אויף אין מיר זינגנדיקע ערטער,
זיי שטעלן זיך אוים און ווערן ווערטער
פון פאַרצייכנטע מעמואַרן.
שוואַרץ אויף וויים פאַרשריבן,
מיט אַ זיכרון אַ ליכט־געטונקטן.
כ'קען זיך גאָרניט נאַרן.

אַ לעבן צוזאַמענגעשטעלט פון שטיקער געאָגראַפיע.
גאַסן און שטיבער,
לאָמפּן און בעטן,
פּנימער און סילועטן,
זיינען די קאָמאָס און פּונקטן
פון מיין ביאָגראַפיע.

גנעטלעכע צייט

די גרעסטע קללה איז צייט,
צעצויגענע צייט.
נישט די היינט-מאָרגנדיקע,
נאָר די צעאייביקטע צייט,
וואָס דו, מיין גאָט, טראָגסט ווי אַ משא
אויף דיינע פּלייצעס.
די רגעס וואָס רינען לאַנגזאַם,
ווי זאַפט אין גראָב-שטאָמיקעביימער.
דיין נקמה וואָס מוז וואַרטן טויזנט יאָר
אויף אַ טאָג.

די וואָס האָבן פאַרוויסט דיין הויז,
אָוועקגעלאָזט מיט רויך דיינע שטילע שעפסן,
געמאַכט פון דיינע שולן חזירים-שטאַלן,
וועלן הונדערט מאָל שטאַרבן,
איידער ס׳וועט אויפגיין און זיך צעבליען
דיין נקמה,
די אויסגעצייטיקטע, איינגעדולדיקטע נקמה.

איך, אַ קליין מענטשל,
אַ הרף-עין׳דיקס שטיי און שעלט:
שפוך חמתך — די אותו מינוט.
שטרעקסט אוים דיין שטראָפערישע האַנט,
און די גנעטלעכע צייט
לייגט אַרויף אויף איר
אייזערנע שטיקער אייביקייט.

אַלע מיינע רוצחים שטאַרבן רואיק,
אין די אייגענע בעטן,
ס׳באַוויינען זיי קינדער,
אַפילו די ערד נעמט זיי אויף
מיט אַ פאַרצלמטן קרעכץ.

דיין שטראָפערישע האַנט,
אַ שווערער ווייזער,
האָט זיך אָפּגעשטעלט
אויף אַ קרעכצנדיקן, גנעטלעכן זייגער.
דער אומרו איז שטיל.

מען זאָגט אַז דיין צייט קלאַפּט אויך.
אָבער מיר הערן נישט
דעם טיק-טאַק פון דיין אייביקייט.

דעם
טאַטנס
שאָטן

יעקב גלאַטשטיין

פון מיין גאַנצער מי

זיי הייליק

אליעזר גרינבערגן

א

זיי הייליק צו מיר, פאַרכטיקע יידישע נאַכט.
פלעמלדיקע, מוראדיקע נאַכט,
מיט דיינע אַלע פלאַטערדיקע נשמות,
וואָס אַט רירן זיי מיר אָן דעם שטערן
און די שפּיץ־נאָז.

אַזוי קליין און קינדיש
ווער מיר, יידישע זינגנדיקע נאַכט,
מיט אַלע דיינע מתיקותדיקע תפילות
פון קליינע משוררימלעך,
וואָס די אָרעמקייט האָט זיי אויסגעצוואָגן
און אויסגעקעמט,
צו שטיין פאַר גאָט אין נייע
יום־טובדיקע שטיוועלעך.

זינג אין מיר אריין
מיט גרויסע אותיות,
גלויביקע יידישע נאַכט.

מיטן געוויין פון דער ווייבער־שול,
מיט די טרערן פון די זקנים,
וואָס פאַסטן פון זיך אַרויס
דעם לעצטן טראָפּן חיות,
ביז זיי ווערן ליכטיק
און שלאָף ווי מלאכים,
וואָס שטייען פאַר גאָט
אין די קיטלען,
מיט דער אויסגעוויינטער פרייד
פון דערלייזטער
שוין־געשטאָרבנקייט.

ב

על חטא, אויף דער זינד פון מיין גוטסקייט,
מיין צדקות און פרומקייט,
מיין וועלטלעכער שטומקייט,
מיין גלויביקייט,
מיין עניוותדיקער שטויביקייט.
על חטא.

על חטא, אויף מיין נישט וועלן ווי טאָן קיין פליג,
קיין קינד אין אַ וויג,
פאַר נישט דערשטעכן מיטן אמת,
ווי מיט אַ שווערד,
פאַר קריכן אונטער דער ערד
דורך אַלע געפאַרן,
אַבי אָן ווייטיק צו נאַרן,
על חטא.

על חטא, אויף מיין קינדישן געטרויען
פאַלשע, פריינטשאַפטלעכע קלויען,
פאַר נישט וואַרטן אויף לוינען,
נישט צאָלן מיט שלעכטס,
שוינען דעם מענטש
אין יעדער בירגער פון סדום,
פאַר אַוועקלאָזן צענדליקער יאָרן
מיטן פרעמדן שטראָם.
פאַר מיין געאיידלטער חסידישקייט,
פאַר בטחון אין יידישקייט,
על חטא.

כ׳וועל זיך איינגלויבערן

כ׳וועל זיך איינגלויבערן אין דעם שטויבעלע וואונדער,
וואָס פלעקט דעם אויסזיכט אויף צוריק,
אַזוי ווייט ווי דער טונקעלער בליק
קען צוריקחלומען, צוריקזען.
אין דעם אויפגעטויכטן,
אויפגעלויכטן טונקל,
העלט אויף אַ האַלבער
אָפּגעראַטעוועטער שטערן,
וואָס האָט נישט באַוויזן חרוב צו ווערן.
אַ שטיק אויפגעריסענער פּלאַנעט
וואָס האָט אַמאָל געהאַט לעבן,
גרינע שפּע, פּאַשעדיקע זעט.
עדות: מיינע טרערן־פאַרלאָפענע אויגן,
די ווייטע פלאָרא, די בלוט־באַטרויבטע,
אונטער אַ הימל פון אייביקן אונטערגאַנג;
די בלעטער, וואָס וויגן זיך ווי גלעקער,
באַטויבטע, אָן קלאַנג,
אויף פון קיינעם־נישט־געזעענעביימער
אין אַ ליידיקער וועלט.

81

דעם
טאַטנס
שאָטן

פֿון מײַן גאַנצער מי
יעקב גלאַטשטיין

כ׳וועל זיך איינעקשנען,
זיך איינפלאַנצן
אין אַן אייגענער, אינטימער נאַכט,
וואָס איך האָב אינגאַנצן אויסגעטראַכט
און אַרומגעוואַנדערט פון אַלע זייטן.
כ׳וועל געפינען אַן אָרט אין רוים,
ווי אַ פליג די גרוים,
און מיט גוואַלט אַוועקשטעלן דאָרט,
אויף אַלע צייטן
אַ וויג, אַ קינד,
אַריינזינגען אין דעם אַ קול
פון אַ דרימלענדיקן טאַטן,
מיט אַ פּנים אין קול,
מיט ליבשאַפט אין קול,
מיט פאַרהויכטע אויגן,
וואָס שווימען אין קינדס שלעפעריקע אויגן
ווי וואַרעמע לבנות.
און אויפבויען וועל איך אַרום דער וויג אַ יידישע שטאָט
מיט אַ שול, מיט אַ לא ינומדיקן גאָט,
וואָס וואַכט איבער די אָרעמע קראָמען,
איבער יידישן פּחד,
איבער דעם בית עולם,
וואָס איז לעבעדיק אַ גאַנצע נאַכט
מיט פאַרדאַגהטע מתים.

כ׳וועל זיך איינקלאַמערן מיט די לעצטע טעג,
און אויף להכעיס זיי ציילן אין דיר, פאַרגליווערטער עבר,
וואָס האָסט מיך אויסגעלאַכט,
וואָס האָסט אויסגעטראַכט
מיין לעבעדיקע, ריידעוודיקע
יידישע וועלט.
זי איינגעשטיליקט,
און אין מיידאַנעק-וועלדל
מיט עטליכע שאָס פאַרטיליקט.

לידער פון שטילקייט

מיין ברודער מרדכין

אַריינפיר

גיי אַוועק פון זיי. הויב צוריק אָן.
דערוועג זיך צו זיין דערוועגט.
דערוועג זיך צו פאַרשטאַמלען
דיין נאַרישע צעקלאָרטקייט.
גיי, דינג זיך אָן אויף דער לער
מיט דיינע לידער.
האָסט שוין אויסגעגראָבן גענוג נאַרן-גאָלד.
שאַרפער, שניידיקער, ווידערשטאַנד, וואו ביסטו?
יונג-מעסערדיקער צו-להכעיס.
דיין דור האָט דיר אָנגעטאָן אַ יאַרמעלקע,
וואָס פאַלט דיר איבער די אויערן,
און האָט דיך אויסגעלערנט
צו ריידן הייליקע דברים בטלים.

אַזויפיל ליכט

ס'שטראָמט אַזויפיל ליכט פון שטילקייט
איבערגענוג צו באַלייכטן דעם טרויעריקן וועג
צוריק צו צוזאַמענדיקער יונגשאַפט,
ווען די עלטסטע דיינע
זיינען אויך געווען יונג אין דיר
און געלעבט מיט דיר
אַ גאַנצע, צעזונגענע, אייביקע קינדשאַפט.
נאָך אָט-דער יונגשאַפט בענקסטו,
נאָך דער אַרומגערינגלטער, געפאַנגענער,

פאַרשטייגלטער,
נאָך דער אַלטגעזעסענער.
די יונגשאַפט פון אַ קלוגן אַלף,
וואָס האָט אויפסניי, פאַר דיר,
געפונען זיין אָרט אין סידור,
זיין ליכטיקן טייטש אין חומש.

געדענק איך נאָך

געדענק איך נאָך דעם אַריינגעדרייטן טייטש
פון ווערטער, דעם פאַרדרימלטן מיין
פון צוזאַמענגעפלויגענע אותיות,
פון אויפגעשראָקענע פייגעלעך,
צוזאַמענגעשנאָבלט אין שלאָף,
וואָס האָבן געחלומט פון מלאכים;
פון נשמהלעך וואָס האָבן זיך געוואַשן
מיט ווייסע שמאַטקעלעך
אין פולע גלעזער וואַסער
ביי פאַרדעקטע שפּיגלען;
פון רייד וואָס האָבן געזוכט פרייד,
אין הייזער וואו דער טרויער
איז געגאַנגען אין זאָקן אויף שפּיצפינגער.

ביסט געוואָקסן

ביסט געוואָקסן אויף דער דלאָניע
פון טאַטע-מאַמע.
ווען דו ביסט געווען,
זיינען זיי שוין געווען,
מיט זייער ליבשאַפט,
וואָס האָט אַרומגעזונגען
דעם צוקאָפּנס דיינעם,
מיט פאַרשלעפּערטע לידער.
זייערע יאָרן זיינען געווען
אַריינגעציילטע רענדלעך
אין דיינע טעג און נעכט.
דעם זיידנס באָרד,
דער גלעטנדיקער פוך,
האָט פריילעך געמאַכט דיין פּנים,

דעם טאַטנס שאָטן

ווי אַ לאַכנדיק מעשהלע
און געגעבען באַוואָרעניש און האַפט
צו אָפּגעציטערטע טעג,
געמאָזלטע, פאַרקייכטע, פאַרטיפּוסטע,
און פאַרגלייזטע ווי די אייגלעך
ביי אַ מיד און שוואַך שוועלבעלע,
וואָס וויל פאַרשלאָפן היינט ביינאַכט
דעם גאַנצן רויטן מאָרגן
אין פענצטער.

מעסט אוים

גיי, מעסט אוים אין צייט
די דאָזיקע באַוואָרנטע יונגשאַפט,
די אויסגעצויגענע אין זמנים,
פון שלאַקס-רעגנס, שנייען,
און ערשט אויסגערייפטע באַרנעס און קערשן,
אין חדר-זמנים, אין ימים טובים.
בלויז מיט אַ טונקעלער לאַמטערנע
פון כמעט געשטאָרבענער שטילקייט,
קענסטו צוריקשפּאַנען אָן מורא
צו זוכן אַ שפּור פון יונגשאַפט,
איינגעיאָרנט אין אַן עדה,
וואָס זאָגט אמן יעדערמאָל,
ווען דו עפנסט די אויגן,
צו מאַכן אַ ברכה אויף אַ נייעם טאָג.

דער מיין פון דיין קינדשאַפט

דאָס וואָס איז נאָך אַפילו
רעכט קיין לשון נישט געווען.
נאָר בליץ פון אויג, פון האַרץ.
דאָס וואָס צדיקים פון אַלע פעלקער
און אַלע אומות
רעדן אפשר אויף יענער וועלט,
אין איבערגעזעצטער,
אין איבערגעליכטיקטער אומשטערבלעכקייט —
דאָס איז געווען דער מיין פון דיין קינדשאַפט,
פון דיין יונגער, קינדישער אייביקייט.

זאָלסט בענקען

נישט נאָך דער יונגשאַפט,
וואָס וואַקסט און קריגט כוח
צו שלאָגן דאָס לעבן,
זאָלסטו בענקען,
נאָר נאָך דער קינדשאַפט,
וואָס איז אַ פעדערל פון אַ גרינעם פויגל,
גרין און גאָלדיק,
און אַ שטיק געלעכטער
אויף דער דלאָניע
פון יונגע טאַטע־מאַמע.
צינד אָן אַ קנויט שטילקייט
און באַלייכט דיין
פאַרצווייגטע פינצטערניש.

אָנגעוואוירן

אָנגעוואוירן האָסטו דיין מלכות
פון אייביקער קינדשאַפט.
נישט טויט, נישט צייט,
נישט ימים און מדבריות,
האָבן פאַרטונקלט די קרוינען
פון דיינע יונגע טעג,
וואָס האָבן געלעבט אין דיר,
זיך געיונגט ווען דו האָסט זיך געעלטערט.
דער פאַרטיליקער פון דיין שטאָט
האָט אויך פאַרטיליקט דיין וויג,
דורכגעשאָסן דעם טאַטנס האַרץ
און געטראָפן אַ גאַנצע וועלט
מיט יידן — אין האַרץ פון דיין יונגשאַפט.
ווי לאַנג ס'זאָל דיר נישט באַשערט זיין
זיך צו עלטערן,
זיינען אַלע דיינע יאָרן געקעפט.
זיי וועלן קומען געעלטערט
צו אַ הייל פון שטילקייט,
זיך איינמויערן,
זיך איינגליווערן,
אין אַ באַזונדערער, נישט־געטרייסטער,
פאַרלאָשענער שטילקייט.

אינמיטן וועג

שטילט אַ ביסל איַין דעם פויקן־מאַרש,
ביז וואַנען מיר — דער דור המדבר — וועלן אויסשטאַרבן,
זייט געדולדיק צו אונז.
פאַרלאַנגזאַמט אייַערע טריט,
זאָל מען מיינען אַז מיר וועלן אויך אָנקומען.
מיר וועלן נישט דערגרייכן.
מיר קענען נישט דערגרייכן.
דער וועג צו פאַרגעסנדיקער פרייד איז לאַנג.

אַז מיר וועלן פאַלן הייבט אונדז אויף,
טראָגט אונדז ווי הייליקע ספרים פון טרויער.
אויב מיר וועלן שטאַרבן,
באַגראָבט אונדז אינמיטן וועג,
ווי שטיקער פאַרמעט.
און טאָמער וועט איר אונדז פּוגע בכבוד זיין,
זאָל אייַך נישט גערעכנט ווערן,
דור פון זינגענדיקער עקשנות.

טאָמער וועלן מיר בלייבן אַליין,
וועט די נאַכט פאַלן אויף אונדזערע ביינער
און פאַרהוילן אונדזערע קברים.
און אַז אונדזערע קברים וועלן אָפּגעמעקט ווערן,
וועט איר ווערן אַ פאָלק
פון פאַריתומטער פרייד,
אָן פאָטערלעכן, צערטלעכן טרויער.
ווייל אונדזער טרויער איז נישט נאָר צערטלעך,
נאָר אויך קרעפטיק.

פאָרט אַ ייִד

פאָרט אַ ייד קיין ארץ ישראל,
וויינען אין אים אַלע פריידן.
וואָס נענטער ער קומט צום טויער,
פאַרגינט ער זיך נישט דאָס לעבן.
גוואַלד און סטייטש !
וויינען אין אים אַלע פריידן.

דער ייד איז אַ פליט.
זיין ווייב האָט מען פאַרפייניקט,
איין קינד פאַרברענט,
אַ צווייט קינד איז געשטאָרבן פון געשווילעכץ.
גוואַלד און סטייטש,
וויינען אין אים אַלע פריידן.

מיטאַמאָל וואַקסט אויס אַ פייערדיקער גיבור
מיט אַ געשטרעקטער שווערד,
כ׳וועל דיך צעפּערטלען אויפן אָרט,
אויב וועסט נישט זינגען מיט אַלע ביינער.
גוואַלד און סטייטש,
אוי טאַטע-פאָטער.
וויינען אין אים אַלע פריידן.

ווייגט דער גיבור און ער לייגט די שווערד אין שייד,
און ביידע טאַנצן וויינענדיק דורכן טויער.

משה רבינו

משה רבינו וואָס איז אין לאַנד ניט אַריין
האָט זיך דערוואָרט אויף אַ גרויסער זכיה.
ווער פירט דאָס גאַנצע טויטע יידישע פאָלק
אין צוגעזאָגטן לאַנד אַריין?
משה רבינו.
ער, דער פאַסטעך פון זיין שווערם שאָף,
האָט זיך אויפגעהויבן פון אַ לאַנגן שלאָף.
ווער זאַמלט איצט איין
דאָס גאַנצע טויטע פאָלק פון אַלע עקן וועלט?
משה רבינו.

דאָס לאַנד איז קליין.
אָבער פאַר זיי שטרעקט זיך דאָס הייליקע לאַנד
און ווערט גרעסער און ברייטער.
ווער פירט איצט געטריי די טויטע יידן?
משה רבינו.

און דו, לעבעדיקער יהושע בן נון,
גיי אַוועק אָן אַ זייט.
מאַך אַ וואָרע, שטעל אַפּ די זון.
פאַרהאַלט די צייט.
לאָז אַריין די טויטע יידן.
ווער ציילט די טויטע אידן,
צי ס'פעלט חלילה נישט איינער?
משה רבינו.

מיין טאַטע פאַרמאַכט ס'משניות,
נעמט די מאַמע ביי דער האַנט,
און פאַרנייגנדיק זיך מעשה קאַוואַליער,
זאָגט ער:
„ייטע ראַכעשי, מיר גייען אין יידישן לאַנד"
און ביידע גיבן אַ ליכטיקן וואונק צו מיר —
און דו, חכם עתיק, האָסט נישט געגלייבט.

ביי דער מאַמען לייכטן קלוגע טרערן.
זעסט שוין, אַפילו ס'ווייבערישע טייטש־חומש
מוז מקוים ווערן.

האָסט גאָרנישט אַוועקגעבענקט

האָסט קיינמאָל גאָרנישט אַוועקגעבענקט,
דײַנע חלומות האָסטו אויפֿגעמאָנט,
האָסט זיי קיינמאָל נישט אַוועקגעשענקט.
ס'האָט דײַן האַפּטיקע בענקשאַפֿט
דיך נישט געלאָזט ווײַנען צו זעט,
דער טרויער איז פֿאַר דיר נישט געוואָרן
קיין פֿינצטערער הינער־פּלעט.

אויף אַלע דײַנע וואָגלדיקע
הין און צוריקן,
ביסטו שטענדיק געווען דער בויער
פֿון חומש'דיקע בריקן.
האָסט געבויט דײַנע ניסים ווי אַן אַרכיטעקט,
געלייגט דײַנע ציגל מיט גלויבן.
אָפּגעשטויבט אַ ספֿר
און זיך געזעצט
אויף אַ שבֿעה־בענקלע — לעבן.

ס'איז נישט קיין פֿאַרבלענדעניש,
קיין צויבער.
גיסט אַ פּלאַטער מיט דער פּאַטשיילע
און ס'שפּרינגט אַנטקעגן דעם גלויבער
די הייל פֿון מכפּלה.
אויף די וועגן שפּאַנט אַבֿרהם
צווישן פֿרייַנטלעכע היתים.
פֿון ערשטע, שטאָלצע טריט,
דערהערסטו דאָס געזאַנג,
דערשפּירסטו דעם ריטם.

בויסט דײַן חלום מיט אַ פּלאַן.
ס'טאַנצט דיר אַנטקעגן די ערד פֿון כּנען.
ביסט נישט קיין אומזיסטיקער בענקער,
אַ געדענקער ביסטו.
בויגסט זיך אַן, דערקענסט די ערטער,
צייכנסט זיי מיט היים אַרום.
שיקסט אַרויס דײַן רוף
צום האַרטן, פֿרעמדן אומעטום.

שמשון

די פאָרשנדיקע נאַכט פאַרשטייט אים שוין.
ער — די לאַנגע נאַכט אויך שוין באַלד.
מיט ציטער הערט זיך איין שמשון,
ווי מיט זאָרגעוודיקע הענט
נעמט די פינצטערניש אים אַרום.
ס'וואַקסט זיין יונגע בלינדשאַפט ווי אַ בלום.
באַלד וועט זי זיך צעבליען
אין זיינע גלידער
און ווערן צייטיק.
ס'וועלן ליכטיק ווערן הענט
און פיס און מוח,
און באַטייטיק
מיט פאַרטיפטער און קרעפטיקער
זעעוודיקייט.
די טמאים טאַנצן. זיי זינגען,
זיי מיינען זיי האָבן אָפּגעווישט אים.
אָבער דגון ווייסט זיין בראָך,
ער וויינט,
ס'איז די לעצטע נאַכט פון די פלישתים.

אָנהויב

א

זאָלן מיר אפשר אָנהויבן קליין און וויגלדיק
מיט אַ קליין פאָלק?
מיד בײדע פאַרוואָגלטע צווישן פעלקער.
ערד־אַרבעטער וועלן זיך בוקן צו דיר.
וועסט לעבן אויף קרבנות
פון אָנגעברענטן מעל.
איך וועל אַרומגיין און זאָגן פאָלקישע חכמות
וואָס וועלן פאַרבלייבן אין אונזערע גרענעצן,
אָבער ס׳מינדסטע קינד וועט מיך
באַגריסן מיט גוט־מאָרגן.

דעם טאַטנס שאָטן

זאָלן מיר אפשרביידע גיין אַהיים
און צוריק אָנהויבן קליין פון סאַמע אָנהויב?

מעכטיקער יהוה, וואָס ביסט זיך צעוואָקסן
איבער זיבן הימלען און קאָנטינענטן
און ביסט געוואָרן אַ שטאָלענער וועלט-גאָט,
מיט גרויסע קירכעס און סינאַגאָגעס.
האָסט פאַרלאָזן דאָס פעלד, דעם שטאַל,
איך — די ענגע ליבשאַפט פון מיין פאָלק —
ווי, מיר זיינען ביידע געוואָרן אוניווערסאַל.
קום צוריק, ליבער גאָט, צו אַ פיצל לאַנד.
ווער אונדזערער אינגאַנצן.
איך וועל אויך אַרומגיין און זאָגן היימישע רייד,
וואָס מ׳וועט זיי שמועסן אין די שטיבער.
מיר וועלן ביידע זיין פראָווינציעל —
דער גאָט און דער פאָעט —
און ס׳וועט אונז אפשר זיין ליבער.

וועסט אָנהויבן פון קליינעם אמת,
נישט צוזאָגן קיין זיבן גליקן.
וועסט געדענקען דעם מענטש,
זיין פלייש, זיין ביין, זיינע חסרונות,
דעם ווייַן וואָס דערפרייט ס׳האַרץ פון מענטש,
די פרייד פון לייב.
וועסט אים ליב האָבן אין די רגעס
ווען זיין האַרץ וועט דאַוונען צו דיר מיט גלויבן.
דערווייטערט וועסטו זיין פון בלוט, האַק, מאָרד,
וועסט ליבערשט זיין דער דערגרייכטער גאָט פון מנין,
איידער דער מעכטיקער גאָט פון גזלנים.
וועסט קומען נענטער צו אונז
און מיר וועלן אָנהויבן צו שפינען
נייע מענטשלעכע דינים,
גילטיק פאַר דיר, פאַר אונז.

זאָלן מיר אפשר אָנהויבן וויגלדיק און קליין
און וואַקסן מיט די גרענעצן
פון אַ געבענטשט לאַנד?
קינדער וועלן לאַכן מיט פרייד אונדז אַנטקעגן,
ווייל מיר וועלן זיין אָרעם און אמת,
דיין געטלעכע ברכה וועט זיין פונקט גענוג
פאַר אַ רואיק און גוט פאָלק.

מיין אייגן וואָרט וועט ווערן
דער וואָרעמער נחת פון אַ משפחה.
דיינע נאָז-לעכער וועלן שמעקן
דעם סולת פון אַ פאָלק,
וואָס האָדעוועט זיין גאָט
מיט אַלדאָסגוטס.
מיך וועט מען אויך קאָרמען און צערטלען ווי אַ קינד.
און איך וועל פאַרוויגט ווערן
אין אַן ענג-באַקוועמער באַרימטקייט.
און קיינער וועט אויסער די גרענעצן
נישט הערן —
נישט דיין נאָמען און נישט מיינעם.

זאָלן מיר אפשרביידע גיין אַהיים?
זאָלן מיר אפשר ביידע, געשלאָגענע, גיין אַהיים?

ב

אתה בחרתנו.
דו האָסט אונדז אויסגעקליבן.
מ׳האָט אונדז ביידע פאַרשריגן פאַר גרויס,
כדי מ׳זאָל אונדז צעשטויבן און צעשפּרייטן
און מאַכן אויס.
דיך האָט מען אויסגעשטערנט איבער אַ גאַנצער וועלט.
ווי קומען צו דיר גרויסע פעלקער?
ביסט שטיל און נחתדיק
און אינגאַנצן אַן אונדזעריקער.
פאַרוואָס האָסטו פאַרלאָזט דיין משכן,
דיין קליין געצעלט,
און אַוועק צו ווערן דער גאָט פון אַ וועלט?
זיינען מיר געוואָרן דיינע זינדיקע קינדער,
די זיילן-שאָקלער, וועלטן-צינדער.
דאָס ביסטו פריער פון אונדז געוואָרן אַ יידישער אינטער-
נאַציאָנאַל.
מיר זיינען דיר נאָכגעגאַנגען אין דער וועלט,
קראַנק געוואָרן מיט דיין וועלט.
ראַטעווע זיך און קום מיט די עולים
צוריק צו אַ קליין לאַנד,
ווער ווידער דער יידישער גאָט.

געזאַנגען

א

ס'וואַרעמט זיך מיין אַלטע ערד.
ס'טריפן אויף איר זוניקע טראָפּנס.
ס'ווערט מיין אַלטע ערד מיר
אַ הייליקער צוקאָפּנס.
מיט מיין לייב וואָס איז צעפּייניקט
ליג איך און האָרך,
ווי ס'ווערט יעדער שפּאַן פאַרמייניקט.
איך דער מצבה-קריצער,
ווער אַ פאַרמאָגער, אַ גוט-באַזיצער.
זיי זאָגן לאַנד, זיי זאָגן גערטנער,
זיי זאָגן שיפן, פאַבריקן, עראָפּלאַנען.
און אַפילו ווען ס'איז נישט מיינס אינגאַנצן,
איז יש לי — אַלץ צו מיר פאַראַנען.

ב

נישט קיין טרוקענע ביינער,
נאָר צעבראָכענע שערבלעך,
עפן אויף די טויערן
און מאַך אונדז אומשטערבלעך.

ס׳אייביקן ערטער
אונטער געדולדיקע גראָזן,
מיר קומען מיט שרעקעווודיקע
אויערן פון האָזן.
אויב נישט אונדזער לעבן,
זאָל דאָ איינגעזאַמלט ווערן אונדזער שטאַרבן.
מיר קומען דאָ אַרבן תנ״כישע קברים.

ג

ס׳איז אויף אונדז געפאַלן דער שטויב
פון אומזיסטקייט.
אונדזערע לונגען זיינען פאַרלעדערט פון טרויער.
מיר זיינען געווען דער שטאָטישער אויסדויער.
אונדזער פאַרהאַרטעוועט לייב
דער אָפּקלייב נאָכן מבול.
נעם אונדז אַריין פאַרוויין.
מיר ווילן זיך מערן.
געוואָגלט האָבן מיר לאַנג
מיט דעם הבל־צייכן אויפן שטערן,
ביז מיר זיינען געוואָרן ריזן־זין.
מיר קומען מיט איין פאַרלאַנג.
לאָז אונדז אָטעמען דעם טוי
פון דיין אימפּעטיקן, גאַסטפריינטלעכן בוי.
מיר ווילן טראָגן דעם שטיין און ציגל
מיט געזאַנג.

ד

ווייסטו ווי ס׳שמעקן די יונגעביינדלעך
פון ערשט־געבוירענע קינדער ?
קענסטו דעם פרימאָרגן־אַראָמאַט
פון פריש געבעקס ?
אַזוי שמעקט די יונגע יידישע געשיכטע.
באַ׳טעמט איז יעדער ניי־געשריבן בלאַט.
און דו ביסט דאָ אין יעדער וואָרט,
ביסט יונג מיט אַ יוגנט
וואָס האָסט אויסגעווייִנט מיט דיינע אויגן.
ווי פייל פון בויגן איז דיין עלטער פאַרפלויגן.
איצט טרינקסטו דעם כוס פון טרייסט.
מ׳רופט דיך אויף,
מ׳לאָזט דיך שרייבן אַן אות.

יעמוד! פאַרגעסט אַפילו ווי דו הייסט.
מאַכסט אַ ברכה איבער דיין יוגנט,
וואָס איז יונג ווי די יידישע געשיכטע.

ה

ווער וואָלט איצט געהאַט די העזה
צו זאָגן אַז אין דעם פריידיקן פאַרטאָגן,
פלאַקערט דער גאָט פון שפינאָזע?
אַ ירושלימער יינגעלע
מיט לאַנגע, אויסגעצוואָגענע פיאות,
מיט קלוגע, פרומע אויגן,
ווייזט מיט פרייד אויפ'ן הימל.
זיין פנים וואָס איז גאָטפאַרכטיק,
איז באַלויכטן פון דער מאָרגנדיקער שעה.
זעסט, ער איז נישט ווייט,
נישט דאָרטיק.
אונדזער גאָט איז דאָ.

ו

צווישן אַלע פליטים פון נויט און פון מאַטקייט,
וועלן קומען די לעצטע,
די פליטים פון זאַטקייט.
זיי וועלן קומען זיך צערן
ביזן יידישן ביין.
זיי וועלן זיין די אַפוואַרטערס
וואָס וועלן האַנדלען מיט פאַרשטאַנד.
זיי וועלן שיקן מרגלים אין יידישן לאַנד.
און ביז מ'וועט זיי נישט ברענגען
שוואַרץ אויף ווייס פון דאָרטן אַ שריפט,
אַז דער מילך און האָניק האָט זיך שוין צעטריפט —
וועלן זיי וואַרטן.

ז

דער יתום וועט אַקערן,
די אלמנה וועט שפינען,
דעם אָרעמאַנס קול וועט זיין געלעכטער.
דעם משפט וועט שטענדיג געווינען דער גערעכטער.
קיינער וועט זיין חבר נישט דריקן,

ניִשט באַצווינגען.
אינמיטן מאַרק וועט זיצן
דער פּאָעט און זינגען.
ליידיק ארומגיין וועלן
נביאים און שטראָפערס.
זיי וועלן עסן צו זעט
און ווערן נאָכמיטאָג-שלאָפערס.
ס׳וועט זיי פארוויגן
דער ניגון פון האַמער,
די פריייד פון דער זעג.
אָ, דאָס וועט געשען אין אונדזערע אייגענע טעג.

ח

דיין זיידע איז געווען יידל מיטן פידל,
דו ביסט אַ ווירטואָז,
האָסט געראָטעוועט דיין סטראַדיוואַריוס
מיט דיין יידישער נאָז.
און כאָטש מיר האָבן יידישע פידעלעך,
דרייצן אויפן טוץ,
וועט נאָך אַ פידעלע
קומען אונדז צונוץ.
מישאַ-טאָשאַ-יאַשאַ
קלוג און שיין און געראָטן.
ניִשט אַזוי די לאַנגע נאָז,
ווי פון שרעק דער לאַנגער שאָטן.
ניִשט אַזוי דער סטראַדיוואַריוס,
ווי אונדזער דודס פידעלע,
ניִשט אַזוי דער נאָמען פון אַ רוס,
ווי ס׳ציענדיקע האַרץ פון אַ יידעלע.

ט

כ׳קען ניִשט גוט די געאָגראַפיע פון דיינע ערטער,
זיי זיינען אין מיר פאַרפּלאָנטעט מיט זינגענדיקע ווערטער.
מיין אָנגעסטראַיעט אויער
איז אַ קפיצת הדרך.
דעם מינדסטן שאָרך דיינעם דערהער איך.
מיט אַ קאַפּיטל תהילים
קען איך דיך גלייך דערגרייכן.
דיינע בערג ווי די טאַנצנדיקע ווידערס,
ווי שאָף דיינע הייכן.

דער גוטער ייד בענשט

ער לענט אָן דעם טרויעריקן קאָפּ אויף דער האַנט
און ער פאַרבענשט זיין זאַטקייט.
ס׳טונקלען מיט מאַטקייט די פייכטע שוואַרצאַפּלען,
ס׳זינגען באַטעמטע ווערטער
און שטייגן צו אַלץ העכערע שטאַפּלען.
יעדער פאַרנאַכטיקע קרישקע
וויל אַז דער דרימלענדיקער ייד
זאָל זי דערקוויקן.
דער ייד בענשט דעם פריינטלעכן טיש
און גיט אים תיקון.

גרויע האָר לעשן דעם פלאַקער
פון דער רויטער באָרד.
דער גוטער ייד הינקט,
ער איז קרום,
אָבער ס׳האָט נאָך די וועלט נישט געזען
אַזאַ שטאָלצן בעל מום.
ער נעמט פלוצים שפּאַצירן איבערן חדר,
מיט אַ טאַנצנדיקער לאָמקייט,
ווי ער וואָלט מיט׳ן פעלער זיינעם,
געוואָרן שטראַלנדיקער, העלער,
עפּעס מער און עפּעס העכער
ווי יעדער איינער.
געבענשט מיט ליכטיקן ניסיון,
צו לויבן גאָט פאַר דעם טראָפּ
אויף זיין גאַנג.
פאַר דעם קנייטש אין גוף,
צו טראָגן אין קאָפּ
דאָס ליכטיקע געזאַנג,
דעם טיפן טייטש דערפון,
דעם רוף צו הייכן.
מיט אָט דעם קרומען פוס
צו קענען קלעטערן מאַיעסטעטיש ווי אַ קעניג
און אַלץ דערגרייכן.

מעקלערס

טייערע יידישע קינדער,
האַרציקע ברידער און שוועסטער,
ליבע אַפּאָלאָגעטן.
הערט אויף צו מעקלערן
צווישן אונדז און זיי.
ס׳רייסט אייך נעבעך ס׳האַרץ,
וואָס מ׳רודפט אונדז ווייל מיר זיינען דאָ.
איר האָט אַזעלכע טייערע רפואות אויף צו פאַרשווינדן.
איר וואָס זענט שוין באַלד נישטאָ,
ציטערט נעבעך אַז מ׳קען אייך צוריקשטויסן
און מיט אונדז, חלילה, פאַרבינדן.

טייערע יידישע קינדער.
עסט זיך נישט אָפּ ס׳האַרץ.
פּוצט אונדז נישט אָפּ די קאַפּאָטע.
שטופּט אונדז נישט צום יויזל.
רימט נישט אונדזער סחורה,
לאָזט אונדז איבער,
און גייט צו אַלדע שוואַרצע יאָר,
אין די אָרעמס פון אייער אייגענער
פינצטערער מורא.

די לודמירער מויד קומט צוריק
פון וויסטן וואָגל

צו רחל קאָרן

ניִשט פלייש פון פלייש און ביין פון ביין.
כ׳בין דאָס ווייב פון אייער געוויין.
אין גרעסטע סכנות האָב איך באַהאַלטן,
די טרייסטנדיקע עצבות פון אייערע געשטאַלטן.

ממעמקים האָב איך געזונגען
צו אַלע מיינע גוטע, ליבע, נאָנטע,
אָבער פאַרכטיקער האָט מיין געזאַנג געקלונגען
צו אייך די זעקס-און-דרייסיק אומבאַקאַנטע.

ראַטעווע מיך פאַר זיי, זיי פאַר מיר.
כ׳האָב קיינמאָל פאַר זיך אַליין ניִשט געבעטן.
האַלט גאַנץ די טרויעריקע משפחה
פון זינגענדיקע שטאַפּעטן.

דעם טאַטנס שאָטן

דורך די אָפּגרונטיקסטע מוראס
האָב איך געוואָגלט,
מיט מיינע טייטש-חומש ספר תורהס.
פּחדים זיינען געווען מיינע נעכט,
יללות מיינע טעג.
מיינע שעה׳ען פאַרשוועכטע טרערן.
ס׳האָט נישט איינמאָל דער לודמירער מויד געצויגן
אַ טשיסטע מויד צו ווערן.

נאָר איר, טייערע גוטע יידן,
אייערם אַ פּסוק, אַ זאָג, אַ גלייכווערטל,
האָבן מיין נשמה נישט געלאָזט פאַרמידן,
יידישע רייד האָבן מיך ווי גוטע מלאכים באַוואַכט,
געהערט האָב איך אייערע דאַוונענדיקע מיילער טאָג ווי נאַכט.
עקשנותדיק האָב איך אייך צו מיין מוח צוגעדענקט,
און דורך די שווערסטע ענוים האָב איך אייערע פּנימ׳ער
אויסגעטראַכט, אויסגעבענקט.

ס׳פינצטערט אַזוי פיל נאַכט אויף אייערע פאַרלאָשענע קרוינען.
זינגען לאָמיר אינאיינעם אַ שטילן, חסידישן ניגון.
טאַטעניו געטרייער, ווער וועט אונדז פאַר אונדזערע צער
באַלוינען ?

פאַרגעלטער פאַרמעט אייערע געשטאַלטן,
אויף אייערע פּנימ׳ער פלאַטערן אותיות,
פליענדיקע ווערטער וואָס האָבן ביים לעבן מיך דערהאַלטן.
לאָמיר איינפּאַקן ס׳ביסל יידישע אָרעמקייט
און ברענגען גאָטס פאַרטייטשטע ווערטער,
צו די האַרציקסטע אַמעראַצים.
צו די פאַרוואָרפנסטע יידישע ערטער ;
לאָמיר פאָרן פאַמעלעך אין אַן אַלט-פרענקישער בויד,
אַלע גוטע יידן צוזאַמען מיט דער לודמירער מויד.

נאָך שקיעה. אייערע באַשטריימלטע קעפּ
זיינען שלאָפנדיקע פינצטערע קרוינען.
די אַלטע פּנימער אייערע זיינען איצט
אי אימהדיקער, אי שענער.
אין מיינע אויגן איז פאַרשפּיגלט
אייער צער, אייער מינדסט ליד.
זאָלן וואָגלען באַזאַמען די בעסטע,
די טרויעריקסטע יידישע מענער.
ס׳וועט זיי באַגלייטן די זינגענדיקע ליבשאַפט
פון אַ ווייבערישן גוטן ייד.

וואונדערלעכע קלייניקייטן

פֿאַראַן קלייניקייטן, אייביקע, געטרייע,
וואָס באַלייכטן אונדזער ערדישן הימל.
זיי זיינען די טרייביקע כוחות,
דער געווימל און געווידעם.
דורך זיי ווערט געפּראָכפּערט און געמערט
אונדזער פרייד,
טרויעריקער דער טרויער.
נישט נאָר זיינען זיי דער באַראָמעטער פון דויער,
פון אַלץ וואָס באַוועגט זיך אין לעבטויט —
די שפּיזלדיקע חכמה פון געטער,

נאָר דאָס טעגלעכע ברויט זיינען זיי
פון קלוגע, פייפלדיקע פּאָסטעכער,
וואָס קענען אויסנוויייניק אַלע לידער,
פון דעם אויסגעשטערנטן אומעטום,
פון דעם טרויעריקן אַד אינפיניטום —
אייביקייט.

אויך איך ווייס און קען זיי
די אַלע וואונדערלעכע קלייניקייטן,
די טייערע חן־גריבעלעך,
פון דער אומפאַרענדלעכער מענטשלעכער נאַטור,
פון איר צעאַדלערטער בענקשאַפט
און איר אַרונטער צו דער שטשור.
פאַר מיר ליגט איצט די מאַפּע פון אַלע וואוילע גענעראַליזאַציעס.
חשק, זינד, ווייב, דיינס, יענעמס.
די ליבע מיט אירע אַלע צעשפּילטע וואַריאַציעס.
צעפּייניקטע פרייד, דערלויבטע פאַרבאָטן,
מיסטעריען פון ווייטיק,
צעחיהטע אינטימקייט,
וואָס שווייגט, זוכט, שנאַפּט, שפּירט.
פון מענטש וואָס דעשיפרירט דעם קערפּער־שריפט,
די גופאַגליפן פון יונגשאַפט.

ס'ליגט פאַר מיר די מאַפּע
מיט אַלע צעשפּילקעטע סטראַטעגישע פּונקטן,
מיט דער שטענדיקער מלחמה קעגן זיך אַליין,
מיט די אילוזאָרישע אַרמאַדעס
ביי די אייגענע שוועלן,
וואָס רוקן זיך אין ערגעץ נישט.
ס'פּלאָנטערן די פּאַראַלעלן.
ליבשאַפט — שנאה, לעבן — טויט,
יונגשאַפט — אַלטקייט, טרויער — פרייד,
פאַרברעכן — שטראָף, רשע — צדיק.
אַזוי פּשוט קאָדיפיצירט דאָס לעבן.
באַרג און טאָל.
אַזוי רואיק צעמאַפּעט מיט אינדזעלעך,
שטראָמען און קעגנשטראָמען,
אַזוי פּאַסטאָראַל.
ס'קלינגען אַלע גלעקער פון אייביקייט.
דאָס אַלץ איז אוניווערסאַל.
דאָס זיינען די מעלקנדיקע אייטערס
פון דער מענשלעכער היפּאָפּאָטאַם,
דאָס איז ס'אייביקע, דאָס נישט־וועלקנדיקע
פון אונדזער שטאַם.

כ'האָב דאָס אַלץ באַנומען
און געוואוסט דעם באַטייט.
אָבער אויסגעקליבען האָב איך דאָס סאַמע פאַרגענגלעכע —
דעם פּחד פון אונדזער צייט,
דאָס אויסגעשריגענע געזאַנג
פון אונדזער צוזאַמענפאַרגאַנג.

אַנטפּלעקונג

גאָט אַנטפּלעקט זיך צו אונדז אין אַ פאַרשטענדלעכער ראַם.
אין דער ליבשאַפט פון זאַטע שעפסן,
אין דער גוטסקייט פון אַ יודזשין דעבסן,
אין דער בליציקייט פון אַן אומגעריכטן גראַם.
גאָט זוכט זיך שוין אָפּ זיין ראַם.

פאַרשרייב איך די דאָזיקע אַפאָריזמען
און זינג זיי אויס ווי אַ פרומען פּזמון,
ביז כ׳דערשפּיר דעם מיין דערפון, דעם טעם.
גאָט אַנטפּלעקט זיך צו אונדז אין אַ גילדענער ראַם.

דער אָוונט שניידט מיט דער קילקייט פון שטאָל
און גראָבט־אויף די נאַכט ווי זי וואָלט געווען שוואַרצערד.
פאַר די אויגן אַקערט זיך אויף אַ טאָל פון פינצטערניש
מיט ליכטיקע פעדעם.
אויף דעם הימל וואָלקענען דרימלענדיקע הינער.
ס׳בליצן גיכע רעטענישן פייערפליגן.
כ׳קוק אויף אַלץ מיט אויגן פון אַ דאַנקבאַרן געצנדינער.
כ׳בין שטיל. ס׳לויטערט זיך אין מיר אַ ניגון:
ס׳איז אָן דיר אַלץ געווענדט.
אָן דער גוטסקייט פון דיינע קילע הענט.

כ׳גיי און מיך באַגלייט אַן עכאָ פון טריט.
נאָר מיין אייגן קול הערט מען ניט.
כ׳קום צו אַ שייד־וועג און זאָג:
דאָ וועל איך אַנטקעגנדרימלען דעם טאָג.
כ׳ליג און האָרך.
ס׳איז צו־פינצטער אַפילו פאַר אַן אַנטפּלעקונג.
אפשר וועל איך דערהערן אַ געטלעכן שאָרך,
דורך נאַכט און דערשרעקונג.

אַ קול רופט פון אַן אָפּגעמעקט פענצטער.
קום אַהיים. קום גיך.
כ׳וואַרט. נישט פאַרזאַם.
דאָס געטרייע קול ציטערט.
גאָט זוכט זיך שוין אָפּ זיין ראַם.
אַ לאָמפּ ווי אַ ליכטיקער גלאָק שניידט די פינצטערניש.

ווּיפיל קריסט

ווּיפיל קריסט קען איך עס ווערן, משטיינס געזאָגט?
ווּיפיל רחמנות ליגט דען אין מיין רשות
און וואָס קען איך פאַרגעבן?
זאָל זיין, כ׳קען זיך וואַרפן מיט ווייכע קרישקעס
אויפן חשבון פון אַ פּיצל לעבן.
אָבער וואָס איז מכוח דער געטלעכער פאַרטיליקונג?
האָב איך דען פון זיי געקראָגן היתר און באַווּיליקונג?
קען איך זיין דער פאַררעטער
פון דעם ברענענדיקן דאָרן פון טויט?

אַלע מיינע פאָטשערס האָבן געפּאַטשט מיינע ביידע באַקן.
ס׳האָבן קיינמאָל קאָזאַקן נישט געגעבן די געלעגנהייט
אַ משניות־ייד צו ווערן אַ באַק־אויפשטעלער.
ווּיפיל ייד קען איך אין זיך אָפּשמדן, משטיינס געזאָגט?
אַ כזית. אַזוּיפיל רחמנות
קען מען נאָך ביי מיר אויסבעטלען
פאַר די קינדער פון מיינע מצורעדיקע שונאים.
אָט דעם כזית מיטלייד — נעם ביי מיר צו, פאַרטייל אים.
אָבער פאַרשאָטן נישט מיין האַרץ
מיט אַ רחמנותדיקן צלם.

אַ זונטיק איבער ניו יאָרק

בלויז קלויסטערס קענען זיין אַזוי רואיק,
ווי ס׳זיינען איצט ליכטיק מיט רו די הייזער.
די הייזער האָבן נישט קיין גלעקער
אָבער די פענצטער זינגען שטיל.
בלויז קלויסטער-כאָרן
קענען זינגען אַזוי רואיק
צו אַ פאַרחלשטן גאָט
וואָס האָט אַפילו פאַרגעבן זיינע פייניקער.

ווי טויזענטער ווייסע רויזן
וואָלטן געעפנט די פיסקלעך,
אַזוי בליען און שמעקן איצט די שטיינער פון די הייזער
אין דעם האַרבסטיקן פרעסטל.
מען אָטעמט טיף אַריין
מויער און שטאָל,
ווי אַ קרעפטיקע און מחיהדיקע בוים-שטאַמיקייט
פון אַ פאַרוואַלדיקטער שטאָט.

ס׳זונטיקט איבער ניו יאָרק אַ פרייד
פון אַ קינדיש גלויבן.
יעדער באַזונדערער בלאָק
ווערט פאַרגאַרטנט, פאַרדאָרפישט
און אַרומגעזוימט מיט בלוי
וואָס איז טויאיק.
פון די הויך-צעגאַרנטע הייזער האָט זיך אָפגעטאָן
זייער געבויטער און בייזער צעקלעטער.
זיי רוען ווי געשאַפענע וואונדערס,
ווי גאָט וואָלט באַשאַפן
נים נאָר די וועלט,
נאָר אויך זיי —

די ריזיקע לעבט מיט די גילדענע קנויטן,
שוין מיט די שאָטנס חסד וואָס רוען אויף זיי.

ווי זיכער ס'זיינען קלויסטערס,
(ווייל ס'איז זיי קיינמאָל נישט באַפּאַלן
קיין איבערשרעק פון פּאָגראָמען,)
אַזוי פאַרפּלאַנצט און פאַרוואָרצלט
שטייען די אַלטע מויערן.

די לופט איז באַטעמט מיט דעם אַראָמאַט
פון דער שטאָטישער ערד,
וואָס שמעקט איצט ווי האַרבסטיקער ווייַן
פון אַ צוגעפוילטער טרויב.
און אַלץ וואָס האָט אײַנדערוואָכן
געעיפּושט מיט אַלט-אייזן, געזאָלין און געלט,
שמעקט איצט ווי גראָז,
וואָס די שאַרף פון האַרבסטיקן פרעסטל
האָט נאָר וואָס אָנגעשניטן.

כ'גיי אַרום צווישן די גוטמוטיקע פויערים פון דער שטאָט
און שטיל איין אין זיך
אַלע מיינע געשרייען.
ס'ליאַרעמט צו מיר פון ווייטן
מיין גרויסשטאָטישע שול,
אָבער כ'גיי אָפּ פון איר עטלעכע תחום-זונטיק.

כ'שווייג מיט דער פאַרלעגנקייט פון אַ גאַסט,
אַז עס שמייכלען צו מיר
צערטלעכע אויגן און זון-ראַזירטע פּנימער.
כ'טראָג זיי אַנטקעגן אַ שטילן זונטיק
ווי אַ בוקעט.
מ'רעדט צו מיר
און מיינע אייגענע רייד קלינגען
ווי ציטערדיקע גלעקלעך.
די קריסטלעכע שטאָט רוט
און מיינע אַלע אומגליקן דרימלען אומגעדולדיק.
כ'קום צוריק צו מיין איינזאַמער שול.
זי שטייט איצט אויך איינגעזונטיקט אין שרעק.

מאָרגן וועלן אודזערע וואונדן
ווידער גוואַלדעווען,
אָבער די קולות פון דער שטאָט
וועלן זיי אַריבערשרייען.

107

דעם
טאָטנס
שאָטן

יעקב גלאַטשטיין
פון מיין גאַנצער מי

שלמה אבן־גבירול

ווי דערנידריקט, ווי קליין, ווי געבויגן,
דער זינגער פון צאָלן און שטאַפּלען.
די שכינה וואָס האָט תמיד געוואַרעמט
מיינע שוואַרצאַפּלען
איז פאַרפרוירן.
עפן נישט קיין פאַראַדנע טויערן,
נאָר אַ קליין טירל.
זאָל ווי אַ געשלאָגענער הונט
אַריינקריכן שלמה אבן־גבירול.

דעם טאַטנס שאָטן

וויפיל מאָל נאַכט אין דער איינציקער שעה.
אַזויפיל חשכות איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ,
וויפיל ס׳אַשיקט איצט אין מיין מוח.
הלוואי וואָלט איך געקענט זיך פאַרשטעלן,
בעת איך שטיי און לעק דיינע שוועלן,
גאָלדמאַכט, האָבאַלץ, נגיד.
איינגעשרומפן פון הונגער איז מיין מאָגן,
אויסגעדאָרט מיין מאַרך.
פאַרקוויטיקט גאָטס פורעם
און מיינע געזאַנגען.
מיינע הענט וואָס האָבן גאָטס לויטערקייט און פּראַכט
ערשט געקענט דערלאַנגען
זענען אוממאַכטיק.

באַלד וועט אויף מיר פאַלן אַ נאַרן-מיצל.
ס׳וועט זיך עפענען אַ קאַרגע טיר,
דער גביר וועט אַ הירושע טאָן מיט אַ וויצל,
מיך איבערראַשן מיט זיין נייסטן חיבור — אַ רעטעניש.
איך וועל אויף אים אָנשטעלן אויגן
פול מיט תמעוואַטער בעטעניש.

גוף מיינער, לאַסט פון אַלע לאַסטן,
זינגענדיקע געדערים,
פאַרקרענקטער בויך מיינער,
שוין צייט צו קענען לייטיש פאַסטן.
שר פון ליד, באַפעל, פאַרוועך אים
צו מאַכן אַזאַ קאַצענעם געראָדער.
דלות, ברודער מיינער, ווער מיין מלכותדיקע קרוין.
נויט מיינע, העננג רחבותדיק אויף מיר
ווי תכריכים.
פּאָעט, הער אויף פויזן, קריכן,
זאָל דיין לוין זיין ווין פון ליד,
זאָל עס ווערן דיין געטראַנק,
קרעפטיקן און נערן
דיין פאַר׳חלשטן געדאַנק.

דריי לידער פון שונאים

א. פּראָפּאַגאַנדיסטן

זיי שרייבן פּאַמפלעטן, די היינטיקע בלעמס,
זיכערן זיך אַז גאָט זאָל זיי נישט באַפעלן צו בענטשן,
זיי לערנען פרום די „זקני ציון״ ווי תהילימס,
און קענען אייזליש ריידן צו מענטשן.

זייערע אַלדי חרמות און אַלדי שעלטן,
גייען לאַנגזאַם אויף ווי גיפטיקע זאָמען.
ווי שיין זיינען, יעקב, דיינע געצעלטן,
ווערן שלאָג־רייד פאַר פּאָגראָמען.

ב. וואויל־דערצויגענע

זיי האָבן וואונדערלעכע זיטן,
האָבן רחמנות אויף העלפאַנטן און פליגן.
דער טרויער פון קינדער אין די וויגן
נעמט זיי דורך — די איידעלע אַנטיסעמיטן.

זיי וויינען ביי בעטהאָווענס קוואַרטעטן.
פאַרצייכענען און גערענקען מאָראַלישע זאָגן.
העלפן דעם ברודער אַן עול צו טראָגן.
האָבן ליב פרויען־קעפ צו גלעטן.

זיי זיינען שלאַנק און ציטעריק ווי אַ ליד,
ווערן זינגעוודיק אין זונפאַרגאַנגען.
נאָר טאָמער דערזעען זיי אַ ייד,
ווערן זיי פלוצים אָראַנגוטאַנגען.

ג. דער פּראָפעסאָר

ווי וואויל ער האָט מיך איבערצייגט,
ער האָט אַ רעכט מיך צו פיינטן,
ער האָט פלינק געבלעטערט די געשיכטע
פון מיינע נעכטנס און היינטן.

ער האָט מיך געביסן מיט לאָגיק,
באַוויזן מיין אומווערט צווישן פעלקער,
באַשווערט זיינען מיר מיט גאָלד און וואָגיק
מיט רויב — מיר, די פּאַראַזיטן און מעלקער.

ער האָט אויסגעזען משוגע־קלוג,
זיין דיפּלאָמירטער שטערן האָט זיך אָנגעצונדן,
אַרויסגעלייגט אויפן טעלער אונדזער יודאַס־באַטרוג
און געזיפּצט אויף די געטלעכע וואונדן.

ער איז געווען גוט ווי אַ לאָם,
באַריידעוודיק, הכריש, אויף וואָרט נישט קאַרג,
מיר איינגעגעבן דעם וויסטן סם,
האָניקדיק, ווי די דרשה אויפן באַרג.

גאָט פון מיינע אבות

שכל'דיקער גאָט פון מיינע אבות,
דו מיט דעם יידישן קאָפּ אויף די פּלייצעס,
געווען אמאָל אַ מחיה צו פאַרברענגען מיט דיר
אַ שעה אין בית מדרש.
דיינע גלייכווערטלעך, דיין מגידות
דיינע ליכטיקע פּשט'לעך,
דיין שמחה מיט יעדער וואָרט אין דער תורה.

אמת, ס'האָט פון דיר נישט געטריפט
מיט גוטסקייט.
ביסט נישט געווען קיין צו גרינגער פאַרגעבער.
טאָמער האָט מען דיך דערצערנט,
האָט מען עס גלייך דערקענט אין דיינע נאָזלעכער.

נאָר ביסט פאָרט געווען אַ צוגעלאָזענער,
האָסט פון זיך נישט צופיל געבלאָזן,
ביסט געגאַנגען אויף חתונות און בריתן,
הנאה געהאַט פון יידישע שמחות,
און געווען אָן אבל ביי יידישע לויות.

מ'האָט פאַרשפּאָרט לויפן פון דיר,
כדי דיך צו זוכן אויף קרומע וועגן.
ס'איז דיר גאָרנישט אָפּגעקומען
אַז מ'האָט אין דיר געלייקנט.
אַז מ'האָט דיך פאַרדאַווּנט מיט גלויבן,
האָט מען דיר אויך נישט געמאַכט קיין מענטליק.

סיי ווי האָבן יידן אָן זייער גאָט
געהאַט אַ פּנים פון חוזק.

דעם טאַטנס שאָטן

אַז מ'האָט דיך פֿון אונדז אָפּגעגאַלט,
זײַנען מיר אַרומגעגאַנגען ווי ייִנגלישע ייִדן,
ווי קאָמעדיאַנטשיקעס.

ביסט נישט געווען מי יודע
וואָס פֿאַר אַן איבערגעשפּיצטער גאָט.
מ'האָט זיך נישט באַדאַרפֿט דערלערנען צו דיר.
אַ ייִד האָט זיך אויפֿגעהויבן אינדערפֿרי,
געעפֿנט די אויגן,
געזאָגט אַ ייִדיש וואָרט —
האָט ער גלײַך געהערט דײַן קרעכץ.

ס'איז געווען פֿרײלעכער מיט דעם קרעכץ.
אָט — אַ ייִד קרעכצט, זײַן גאָט קרעכצט.
דער פֿרימאָרגן קרעכצט.
די הימלען קרעכצן שירה צו גאָט.

שכּלדיקער גאָט פֿון מײַנע אבֿות,
מ'זוכט דיך איצט אָרום,
מ'פֿאַריאָגט דיך ווײַט אַוועק
און מען זוכט דיך.
מ'פֿלײַסט זיך דיך צו פֿאַנגען
מיט גאָט־זוכערישע ווענטקעס,
כּדי ס'זאָל דיך שווער זײַן צו געפֿינען.

און דו ביסט אַ פֿאַריאָגטער, אַ דערווײַטערטער.
וואַנדערסט אַרום אונטערוועגנס,
זוכסט אַ ייִדיש פּנים,
אַ ייִדישע האַנט וואָס זאָל געבן שלום:
שלום עליכם, ייִדישער גאָט.

דו וועסט אָפּגעבן שלום,
ענטפֿערן מיט אַ קרעכץ,
מיט יענעם ייִדיש־געטלעכן קרעכץ,
מיט יענעם באַטעמטן היימישן קרעכץ,
וואָס נאָר אַ ייִד האָט אין אים געקענט הערן
דעם גאַנצן באַשייד אויף אַלע האַרבע קשיות.

אַזוי ווײַט איז אונדז געגעבן געוואָרן צו וויסן —
ביזן קרעכץ.
ווײַטער איז אומזיסט די טירחה.
טאָמער האָסטו באַנומען אַלע פֿריידן,
מיט דעם געטלעכן קרעכץ,
האָסטו זוכה געווען צו זען דאָס לויטערע פּנים פֿון לעבן,
האָסטו שוין ממלא דערזען — גאָט.

דאָס טרויעריקע געוועלב

די ערשטע צו ווערן סקעפּטיזירט,
זיינען געוועזן די עקשנותדיקע וועכטער.
די וואָס האָבן אַמאָל פאַרפירט
דורות גאַנצע מיט פריידיקן געלעכטער,
און באַגילדט די שרעקעוודיקסטע שויבן
מיט פרומען, פאַרנאַכטיקן גלויבן.

דאָס געוועלב, וואו מ'פלעגט
מיט ריוח פאַרדינען,
שטייט איצטער מיט אָפּגעלאָזטע גאַרדינען,
פאַרמאַכט אויף די שטאַבעס,
געשמידט, געשלאָסן
אינמיטן די וואָכיקע מאַרקן —
אַ געפאַנגענער שבת.
אַרום איז אַלץ פאַרצאַמט,
פאַרפּאַרקנט, פאַרדראַטנט.
ס'מעלדן זיך אַפילו נישט די יורשים.
זיי וואַלגערן זיך ערגעץ פאַרשיכורט, פאַרקאַרטנט.

דורך דער נאַכט זאַמלט זיך ביסלעכווייז אַן עולם,
וואָס זינגט אומאויפהערלעך
דאָס געזאַנג
פון אונטערגאַנג און דרימלעניש
מיט אַ פריידיק געוויין.
פּלוצים גיט עמעצער שטאַלץ
אַ צעשפּאַלט די נאַכט,
ווי מ'שפּאַלט אַ שייטל האָלץ
מיט אַ האַק פון איבערשרעק.
אַ רוח אין אייער פוילער שימלעניש!
אַהוי און אַהאַ, ס'וועט נישט אונטערגיין!

דער ליכטיקער נאַר

שוין לאַנג נישט געזען
דעם ליכטיקן נאַר,
וואָס באַצווינגט ווי אַ האָר
די שטומע, פאַרפינצטערטע חכמים.
שוין לאַנג נישט געזען
דעם פאַרגלויבטן און געבענטשטן תּם.

נאָר אָט איז ער אַרויס פון אונדזער שטאָם
אַ דורכגעברענטער סאַלאַמאַנדער.
דער הייליקער וואַגלער
איז געקומען צו אונדז
פון אַ ווייטן געפייניקטן וואַנדער,
אַראָפּגעטרייסלט דעם נע-ונדיקן שטויב
און געזונגען מיט דבקות
אַ, אַני מאמין, איך גלויב!
איך גלויב און איך גלויב.

העי, ווער ביסטו, דו?
ווער איז געקומען שטערן
פון חכמים די פינצטערע רו?
ווער איז געקומען זייען גלויביקע קערנער?
מיטאַמאָל האָבן אַלע דערזען,
ווי ס'לייכטן אויף זיין קאָפּ,
משה'ס פאַרנאַרישטע, גלויביקע,
שטראַלנדיקע הערנער.

דער גוטער ייד טענהט זיך אוים

יונגערמאַן, לאָמיר אָננעמען — ביסט גערעכט,
איז טאַקע שוין מאַכן מיר דעם חשבון.
ווילסטו דוקא כ׳זאָל דיר איצטער קלאָר זאָגן
דעם טעם פון מיין פירוש המילות?
וואָס דאַנק איך אים און פאַרוואָס?
פאַר וואָסערע מעשים טובים?
מיינסט, אַז עפּעס האָט געטראָפן מיטן סידורל,
מיטן תהילימל, מיטן דאַווענען און בענטשן?
נו, גוט, יונגערמאַן, האַלטן מיר ביי בענטשן.

איז אַזוי די מעשה:
אויב דו מיינסט, אַט כאַפּ איך
און ווער זיין אַדוואָקאַט, —
האָסטו במחילה אַ גרויסן טעות.
אויף דעם וואָס ער האָט דערלויבט בימינו,
איז נישטאָ קיין פאַרענטפער.
און אויב ס׳שטעקט אפילו אין דעם אַ טיפער סוד,
זאָג איך, אַז פאַר דעם טיפסטן געטלעכן סוד
טאָר אויך אַזוי אַ פאָלק נישט אָפּגיין אין בלוט.
דער חשבון שטימט נישט.
צי דאַרפן דען אַזוי פיל פאַרפייניקטע יידן
ליידן דאָס גרעסטע געטלעכע רעטעניש?
נו, גוט, יונגערמאַן, האַלטן מיר ביי רעטעניש.

אָבער פון דער אַנדער זייט,
וואָס זשע זאָל איך טאָן?
יונגערמאַן, לויט דיין שכל קומט אויס,
כ׳דאַרף אפשר ווערן זיין קטיגור?
אַ פראָקוראָר גאָר! גוואַלד ס׳כאַפּט מיך ממש אָן אַ שוידער.

איך אים — וועל זעצן אויף דער באַנק,
איך אים — אָנקלאָגן.
איך אים — פאַרקלאָגן.
פאַר וועמען? פאַרן אמתן ונתנה תוקף.
ניין, יונגערמאַן, דאָס וועסטו ביי מיר נישט פועלן.
איך בין טאַקע נישט זיין ווינקל־אַדוואָקאַט,
אָבער אוודאי און אוודאי נישט זיין פּראָקוראָר.
נישט פאַר מיינע כוחות.
מוחל אַזעלכע קליענטן,
מוחל אַזעלכע פּראָצעסן,
נו, גוט, יונגערמאַן, האַלטן מיר ביי פּראָצעסן.

האָב איך אַ פּראַקטישערן אויסוועג.
כ׳דאַוון, כ׳בענטש,
כ׳לערן אַ בלאַט גמרא,
אָבער אַלץ ברוגזערהייט.
וואָס קען איך דאָ אָנווערן?
אַמאָל גיב איך זיך אַ צעוויג, אַ צעזינג,
מיטן ניגון, צו פאַרגעסן די צרות,
די פרעגענישן, די אָפּפרעגענישן,
די תירוצים, נעבעך,
וואָס זיינען נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי.
אָבער אַ זיפץ צעשניידט מיר דאָס האַרץ.
רבונו של עולם,
האָב איך דאָך אַ רעכט אויף מיין ברוגז.
איך בין אַ בשר ודם.
געטלעכע סודות זיינען פאַר די הימלען,
און איך באַוויין מיינע מיליאָנען טויטע
אויף דער ערד.
נאָר מער נישט,
מיין זיידע האָט געדאַוונט,
מיין טאַטע האָט געבענטשט —
בענטש איך אויך.
אָבער כ׳ליג אין דעם אריין אַזוי פיל תרעומות,
אַזויפעל האַרציקע פאַרדרוסן,
אַז קיין גרויס הנאה פון מיין בענטשן
קען מען דאָרטן, אויבן, נישט האָבן.
ניין, וואָס אמת איז אמת, מיטן גאַנצן האַרצן בענטשן
קען איך אויך נישט.

איז גוט, יונגערמאַן, נעם זיך גוט אינזיינען.
מיטן גאַנצן האַרצן בענטשן
קען איך אויך נישט.

דעם
טאַטנס
שאַטן

יידישקייט

נאָך יענע שבת-לעכט, וואָס פלעמלען
אין דיין זיכרון,
און זיינען שוין באַלד געוואָרן צוקאַפּנס-ליכטער,
ביי אַ וויינענדיקער נשמה,
בענקסטו אפשר, יידישער דיכטער?
פאַרגעס, זיי זיינען נישט מער,
ווי טריפנדיקער רחמנות.
אַ וויטיק צוצוקוקן ווי פון יידישקייט
איז געוואָרן נישט מער ווי חזנות,
און אויסגעטריקנט איז דער קוואַל
פון גאַנצן ליכטיקן ריטואַל.

זאָל פון יידישקייט ווערן
בלויז אַ פאָלקס-ליד,
וואָס גיט אַ כאַפּ ביים הארצן
און גיסט אָן מיט וואַרעמען האָניק
פון דערמאָנונג די געדערעם?
ליבערשט נעם אַזאַ יום טוב און פאַרשטער אים.
דו, יידישער דיכטער, וואָס ביסט געוואָרן די בין,
און שטעלסט-צו דעם האָניק-מאַרגאַרין,
וואָס איז מוציא מיט געזאַנג.

נישט מער ווי אַ משורר ביסטו,
וואָס איז יוצא פאַר זיך
מיט אַן אָמן אין כאָר פון אונטערגאַנג.
מיר האָבן זיך צופיל פאַרלאָזט אויפן זיכרון,
ביז ס'האָט טראָפּנווייז פון אונדז
אַלץ אויסגעדענקט.
איצט זיינען מיר פאַרבענקט
נאָך אַ זמרל, נאָך אַ גראָם,
נאָך אַן אויסגעוועפּטן טעם.
אַרום אונדזערע קעפּ דרייען מיר אַלע
אַ כפרה-האָן,
אָבער דער געפּרעפּלטער תוכן
גייט אונדז מער נישט אָן.

בענקשאַפט-יידישקייט איז אַ וויג-ליד פאַר זקנים,
וואָס טשקאָיען איינגעוויקטע חלה.
זאָלן מיר צושטעלן די ווייכע קרישקעס,
די ווערטער אויסגעלעבטע און הוילע,
מיר וואָס האָבן געחלומט
פון אַ נייער אנשי כנסת הגדולה?

דאָ ליגן

דאָ ליגן
די אַלע וואָס האָבן גערעדט,
די אַלע וואָס האָבן געשטאַמלט,
אַלע וואָס האָבן געשוויגן,
דאָ זײַנען זיי אײַנגעזאַמלט.

אַפילו
זייער שטערבלעכקײט איז פאַרגענגלעך.
די קריצונגען זײַנען פאַרשטענדלעך
און קלאָר,
בלויז פאַר איין דור פון ליבשאַפט.
דער טרויער שלאָפט דאָ אין אַ שלאַנגען־נעסט
און אויך ער פאַרגעסט, פאַרגעסט.

ניין,
קיינער פון זיי האָט נישט געמאַכט קיין רושם,
אָבער אין זייער שלאָף זײַנען אַלע
קדושים פון לעבן.
די וואָס האָבן געלעבט ווי שאָף אין שפּאָט,
צי ווי פּאַרטיזאַנען אין באַהאַלטענעם
פאַרמעסט קעגן גאָט.
אַפילו
די קליגסטע האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם תּוכן,
זיי האָבן זיך אויפגעלייזט ווי רויכן.

טעג
גייען אויף ווי אייביקייט איבער ביינער.
פאַר קינדער — דערמאָנונג,
פאַר קינדס־קינד קוים אַן אָנונג,
אומפאַרשטענדלעכער, אומהיימלעכער פּחד.
הויב אויף אַ גרעזל,
גיי גיך אַרום פונדאַנען.
זוך אַ לעבעדיקן מענטש און הייס אים
גלויבן אין תּחית המתים.

דער נביא יחזקאל

ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך.
יחזקאל, ט"ז, ו'

אויף דעם נביא יחזקאל איז אַן אימה,
ווי אַ שווערער צודעק, געפאַלן אַ תרדמה.
און אויפגעכאַפּט האָט ער זיך פון שווערן שלאָפן.
מיט אַ חזיון פון צוויי סמכ'ן
און צוויי תו'ן.
די סמכ'ן האָבן זיך געצווילינגט,
ווי ס'וואָלט זיי איינס צום אַנדערן ציען,
די תו'ן זיינען געווען די שומרים,
אַז די סמכ'ן זאָלן זיך נישט צעפליען.

דער נאָכמיטאָג איז געווען אַ ברענענדיקער.
יחזקאל איז געלעגן ביי אַ סאַזשלקע,
אונטער אַ בוים.
זיינע טייערע אויערן האָבן זיך איינגעהערט.
זיין ליב מויל האָט זיך געקוויקט מיט באָטעמטע ווערטער.
ער איז געלעגן און געוואַרט אויפן נס.
די ווערטער זאָלן זיך נעמען קייטלען אין רייד,
קלוגע רייד.
ווי לאַנג קען אַ פאָלק לעבן מיט טרויער?
נאָכן טרויער מוז קומען מעשימדיקע פרייד.
זאָל דאָס פאָלק אויסטאָן דעם חורבן-זאַק
און זיין קלוג אין בבל מיט דער חכמה פון ירושלים.

אונטער דער גליענדיקער זון האָבן זיך געטוליעט און געוואַרעמט
די ערשט-געבאָרענע סמכ'ן,
ווי קליינע קעצלעך.

דעם טאַטנס שאָטן

פון שטראַלנדיקע ייִדן
יעקב גלאַטשטיין

די תּו׳ן האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן וואַך.
יחזקאלס האַרץ האָט געקוואָלן פון פרייד.
נישט נאָר וואָס זיין צונג איז געווען איינס מיט לשון,
נאָר וואָס זיין פאָלק האָט אים געלאָזן
אַזעלכע זעטיקע ווערטער.

אַ מחיהדיק ווינטל האָט פאַר אים
צעשפּילט אַזאַ חזיון:
אַ ווילדער ייִד זיצט אין מדבר,
ער האָט נאָר־וואָס אויסגענאָגט די ביינדלעך
פון אַ געבראָטן לעמל.
זיין טראָגנדיק ווייב ליגט לעבן אים און שנאָרכט.
ער האָרכט זיך צו צום טענצלען
פון אַלץ וואָס ווימלט.
דרימל־הייטלעך פאַר׳חלומען אים די אויגן.
דער פייל און בויגן פאַלט אים אַרויס פון די הענט.
אָבער שלעפעריקערהייט איז דער ייִד עוסק
אין מאַכן ווערטער.

קלוג איז דער ווילדער ייִד.
זיינע דרימלענדיקע ווערטער
זיינען געשניצט מיט חכמה.
ער האָט שוין באַלד ווערטער פאַר חיות,
פאַר פייגל, עטליכע ביימער,
פאַרן הימל און אַפילו פאַר גאָט,
אויף וועמען ער טראָגט אַ רוגז,
ווייל ער וואָלקנט זיך אין באַהעלטעניש.
דער נביא יחזקאל האָט געלאַכט,
ווען ער האָט געזען ווי דער ווילדער ייִד
האָט אַ בים געטאָן זיין ווייב,
זי אויפגעוועקט פון שלאָף
און איר געוויזן אַן אָקאַרשט־געמייסטרעוועט וואָרט,
וואָס איז געווען בויגעוודיק און קלוג.

דער ווילדער ייִד האָט גענומען די צוויי סמכ׳ן
מיט די צוויי תּו׳ן
און זיי צעשטעלט ווי אַ מזיק,
און געזאָגט — מתבוסטת.
ער האָט געוויזן זיין ווייב,
ווי ס׳וואָרט צאַפּלט, לעבט, אָטעמט,
זינגט און לייגט זיך אויף דער צונג.
יחזקאל האָט זיך געפרייט מיט׳ן שבלדיקן לשון,
וואָס דער ווילדער ייִד האָט אים געלאָזן בירושה.

דעם
טאַטנס
שאָטן

זים מדבר-פלייש פון טייטלען
איז דאָס וואָרט געווען צום גומען,
ער איז געבליבן זיצן געזעטיקט,
גענערט פון קלוגן צוזאַמענשטעל,
פון דער פאַרטאָפּלונג,
פון דעם רויש וואָס ס'וואָרט האָט געווינטלט.
ערשט איצט איז אויף אים געפאַלן די אמתע אימה.
די שווערע תרדמה וואָס שטיקט אוים ווערטער מיט מיין,
האָט אים צעוויגט יעדער אבר.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט
האָט אין אים געלויטערט אַ געדאַנק,
און זיין דאַרשט איז געווען געשטילט,
ווי ער וואָלט געזופּט אַ קיל און וואַניק געטראַנק.
דאָס וואָרט פון כנען, פון אמורי און פון חת,
איז געלעגען פאַרוואַרלאָזט אין ערשט-געבורט
און מיט בלוט באַפלעקט.
יחזקאלן איז אַנטפּלעקט געוואָרן,
נישט נאָר געבורט,
נאָר ברית פון לשון.

די אָפּגאָפּלונג,
די אַרומוואַשונג,
די אָפּשווענקונג, באַזאַלבונג און באַצירונג.
ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך.
דער נביא יחזקאל האָט געוויגט
ס'באַטעמטע לשון אויף די ליפּן.
ואמר לך בדמיך,
עליך, בדמיך,
בדמיך, עליך,
בדמיך חיי.

דער געדאַנק האָט אים געטאָן אַ ברי.
דער וואונדערלעכער זאַג
האָט אים אַ שלאַג געטאָן אין פּנים,
ווי אַ גרוים ליכט.
בדמיך חיי.
יחזקאל האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן דעם געדאַנק,
פון אַ נישט-געוויקלט עופעלע
מיט אַ ניט-אָפּגעשניטענעם נאַפּל,
וואָס וואַלגערט זיך אין בלוט.
בדמיך חיי.

ער האָט דערשפּירט אַז ס׳איז נאָך צו פרי
אָפּצולאָזן דעם בראשית-געדאַנק.
די כנענישע ווערטער,
די ווערטער פון אמורי און חת,
ליגן פאַרוואָרלאָזט.
פאַרטריקנט, פאַרקוואַרט.
יחזקאל האָט נאָכאַמאָל אַ זינג געטאָן.
ואמר לך בדמיך חיי.

און ביסט געוואַקסן,
און ביסט גרויס געוואָרן,
און האָסט געלעבט.
אַלע טויטן אונדזערע
מוזן באַשלענגלט ווערן מיט אָדערן,
מיט הויט אויף ביינער,
מיט פלייש, מיט בלוט אין די אָדערן-צווייגלעך.

ווי היפּנדיקע פייגל האָבן פאַר אים געטאַנצט
די סמכ׳ן און תו׳ן, זיך געבוקט אין אַלע זייטן,
זיך צעגאַנגען און זיך ווידער צעשטעלט
אין אַ מתבוססת —
אַ וואונדער-וועלט פון שפּילנדיקע אותיות
וואָס האָבן אָנגעבויגן די שנאָבלען
און געטרונקען פון דער סאַזשלקע.

ס׳האָט אַ בלאָז געטאָן
אַ קיל ווינטל צווישן די גראָזן.
יחזקאל האָט נאָך אַלץ געמורמלט
עליך, בדמיך, בדמיך, עליך;
און געלאַכט וואָס אים איז אַנטפּלעקט געוואָרן
ס׳געבורט פון לשון,
נאָכדעם ווי דער פאָטער דער אמורי
און די מוטער פון חת,
האָבן עס אַ ווייענדיקס
אַוועקגעוואָרפן אין בלוט-געבורט.

און ס׳האָט זיך איינגעקלעפּט,
איינגעפלעקט, איינגעוואַלגערט,
איינגעווייקט, איינגעפּעסטיקט,
אין בלוט — חיי.
ואמר לך און איך האָב דיר נאָכאַמאָל
און נאָכאַמאָל געזאָגט.
בדמיך חיי.

מיין טאַטע־מאַמע שפּראַך

דער בליץ־לאָמפּ פון טאַטנס גיטוואָך,
נאָך די לעצטע פאַרשאָטנטע רגעס
פון הייליקן שבתדיקן ברומען —
איז פאַר מיר יידיש.
דער ערשטער אויסגעבענקטער שטערן,
דער מאַמעס באַגלייטנדיקע טרערן
צום ליבן האַרציקן שבת וואָס גייט אַוועק
און צו דער ליבער וואָך וואָס טוט קומען —
צו געזונט, צום לעבן, צו מזל,
צו ברכה און צו אַ גוטער פּרנסה.

די זאַרגעוודיקע הענט פון דער מאַמעס
גאָט פון אברהם,
וואָס האָבן אויף דער פולער וואָך
אַרונטערגענומען די אייזערנע שטאַבעס
פון דער קליידער־קראָם.
דעם טאַטנס צעפלאַקערט קול,
וואָס האָט אָפּגעשיידט שטילע הייליקייט
פון דער ריידעוודיקער הייליקייט פון חול.
זיין הבדלה איז געווען דער קידוש
אויף אַ גאַנצער וואָך
פון לעבעדיקן, טומלדיקן
און וואַרעמען יידיש.

געזאַנגיקער ניגון פון מיין חומש מיט רש״י,
פון מיין גמרא־טייטש,
ליד פון אַלע מיינע פּשטלעך און תנועות,
פלאַם־פייער פון די גרויסע מלמדים מיינע,
פון מיינע פאַרהערערס,
ברענענדיקע אמונה אין אַ בעסערער וועלט,
אויך פון מיינע לייקענערס און אויפקלערערס.
דאָס גאַנצע מלכות־חסידיש
ביסטו געווען, מיין טאַטע־מאַמע יידיש.
האָסט זיך אַזוי פראַסט געזאָגט מיט דעם בעל שם,
ביסט געווען דער איידעלער חבר
פון דעם פאַרבענקטן בראַצלאַווער.
ווי קען איך פעלשן אין דיר?
ביסט מיר נישט בלויז קיין מוטער־שפּראַך,
קיין שפּראַך פון וויגל,
נאָר דער זיגל פון אַלע מיינע געדעכענישן.
שותפות־שפּראַך פון מיין פאָלקס־כהונה,
לשון פון זיין אָרעמער, פאַרהאָרעוועטער חיונה.
פּאַטערלעכער גיטוואַך אונדזערער, בליץ־לאָמפּ פון אונדזער לעבן,
נישט אַנדערש, ס׳האָט אונדז דער מאַמעס
גאָט פון אברהם
דיך פאַר אַ טרייסט געגעבן.

בערנאַרד שאָו שרייבט אַ בריוו

ב׳האָב געמיינט אַז דאָ כאָטש מעג מען אויפהערן זיין אַ גלויבער
ווייל מ׳ווערט לאָזן זען און באַנעמען,
אָבער מיין באַגלייטער, דער פרומער גאָטלויבער,
לייגט מיך אַלץ אָפּ אויף שפּעטער.
ער באַפעלט: העכער קלעטער!
און וואָס מער איך קלעטער,
אַלץ מער נעמען וואַקסן און זיך כפלען
מיינע איינגעוואָרצלטע צווייפלען.
ווער ווייס, ווי הויך וועל איך נאָך דאַרפן שטייגן
אַז כ׳זאָל זיך איבערצייגן.

קלוגע רייד זיינען דאָ זעלטענע רענדלעך.
קיינער נעמט זיך נישט די מי דעם שכל צו שאַרפן.
הומאָר און סאַטירע זיינען אומפאַרשטענדלעך.
דער טויט איז פּאַסיוו און באַלעבאַטיש.
מ׳טרעפט אויף די וועגן אַלערליי פאַרשוינען,
וואָס גרימפלען פלעגמאַטיש אויף האַרפן
און האַלטן אין איין לויבן דעם באַשעפער.
שווער צום טויט זיך צוגעוואוינען.

גילדענער טראָף

אונדזער גילדענער טראָף
האָט געהאַט אַלע זיבן חנען.
מיר זײַנען געקומען אײַננעמען די וועלט
מיט אײַנזילביקער פרייד.
ס׳איז געווען דעמאָלט, ווען אַלע אַלטע
זײַנען שוין אַלט געווען
און מיר זײַנען אַנגעלאָפן
מיט פאַקלען פון דעראָבערונג.

הײַנט זײַנען שוין די אַלטע
קעניגלעכע זקנים
און מיר זײַנען אַלע
די באַזיגטע יעוונוכן,
די אויסשרײַערס, אחשתרנים
און לויב-קוריערן.
מיר האָבן זיך אַליין אָפּגעהאַקט די פינגער
און ליגן אונטער די טיש,
קלײַבן קרישקעס און בײַנדלעך
פון אַן אַלטער וועלט.

אין וועג

כ׳בין מיט מורא אָפּגעשטאַנען,
ווען כ׳האָב געזען
ווי אויסגערעכנט גרויס דו ביזט געוואָרן.
ווי דו האָסט פאַרטאַכלעוועט אין וועג,
די וואונדערלעכע קליינקייטן אונדזערע ;
געוואָרפן אין בלאָטע
קמיעות פון אונדזער איינזאַמקייט.

כ׳האָב דיר נאָכגעשיקט שרעטעלעך און לאָרעלייען,
זיי זאָלן דיר די נשמה אַרויסזינגען
מיט דערמאָנונגען
פון אונדזער געבענטשטער באָרוועסקייט,
פון אונדזער וואוילער קנאַפּקייט,
אונדזער ברויט און זאַלץ.
דו ביסט שוין אָבער געווען קעניג
פון אַן ערב רב,
און האָסט געקעפּט אַלע מיינע שליחים.

אַ פֿאָטער צו זיין זון

מיין קינד, כ׳האָב געפירט דיינע בלינדע פינגער
איבער יידישן שריפט ווי איבער ברעיל.
כ׳האָב דיר איינגעגעבן,
בגנבה, עס-לעפלען יידישקייט.
האָסט זיך געקרומט
ווי ס׳וואָלט געווען ריצנאייל.
האָסט קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען וואָס כ׳בין געווען אויסן.
מיין קינד, כ׳האָב דיר געשטעלט פּאָקן,
צו באַוואָרענען דיך קעגן דרויסן.

כ׳האָב דיך טאָג-איין-טאָג-אויס געיידישט.
געשניטן דיין לייב מיט ליבשאַפט, מיט צובונד.
האָסט זיך תמיד געחידושט
ווי אַ טאַטע קען זיין אַזאַ אכזר,
ווי ער קען דעם קינדס וואונד
מאַכן וואונדיקער און רויער.
מיין קינד, כ׳האָב דיר איינגעגעבן
האַפּט און יידישן דויער.

איצט בלאָנדזשעסטו אַוועק.
ס׳האָט דיך די פרעמד פאַרשלעפּט.
ס׳ציט דיך צום באַרג,
ס׳רופט דיך דער טאָל.
אַנטלויפסט. דעם טאַטנס תורה איז אויסגעוועפּט.
אָבער אַלע דיינע פאַרבענקטע איברים
שרייען שמע ישראל.

129

דעם
טאַטנס
שאָטן

יעקב גלאַטשטיין

דעם
טאַטנס
שאָטן

אַ גאַנץ לעבן

דו פאַרשטייסט נישט אַז אַ גאַנץ לעבן
האָב איך געאַרבעט פאַר דיר;
נאָך מער ווי יעקב אבינו האָב איך געקנעכט.
איצט ברענג איך דיר מיינע חלומות,
פון די פאַריאָכטע און שלאָפלאָזע נעכט.
מיין גבורה פון אויסדויער,
דעם טרויער און ס׳פאַרבלאָנדזשעטע געזאַנג
פון איינזאַמע, פאַרפירערישע ווידערקולן.
געצאָלט, געצאָלט און קיינמאָל נישט געקאָנט זיך אויסצאָלן.
ביסט געוואָקסן און געבענקט נאָך מיין וואָרט.
פאַר דיר אַליין האָב איך עס געהאַלטן יונג,
אויף אַ פאַרוואַלדיקט אָרט.
געקרעפטיקט עס מיט אַראָמאַטן
פון האַרבסטיקע בלעטער.
איצט זיצסטו קעגנאיבער מיר,
ווי קעגן אַ גוטן פעטער.
זעסט אויס מיד, פאַרעלטערט און זעטיק.
איך העלף דיר מאַכן דיין אַריפמעטיק.

צען מאָל אַזוי יונג

כ׳בין אפשר צען מאָל אַזוי יונג ווי דו,
די גאַנצע יונגשאַפט דיינע
קען אַריין צו מיר אין בוזעם-קעשענע.
דער באַזאָרגטער חן קנייטשט דעם שטערן.
די פאָרזיכטיקע פרייד דיינע
טראָגט אַ וואַרעמע פאַטשיילע.

ווי טרויעריק ס׳איז אין קרייז
פון דיינע אויסגערעכנטע יאָרן.
כ׳פאַרשווענד אַרום דיר
אַן אוצר פון טעג.
דו עלטערסט זיך אַנטקעגן מיר
מיט אַרומגעפּאַנצערטער צניעות
אין אַ מצווה-טענצל.
ברענסט ווי אַ פרום חלבן ליכטל
און טריפסט צו גאָט און צו לייט.

פריינט

א

אַז גאָט האָט מיך געלאָזט אָן שאָף און אָן רינדער,
איז קיין איין פריינט
מיך טרייסטן נישט געקומען.
איך בין אַליין געבליבן. מיין אייגן שטומען
האָט מיך שיר נישט געגעבן אַ דערוורג.
מיינע פריינט זיינען אַוועק זומערן אין די געבערג.

כ׳וועל נתפעל פון מיינע געטרייע פריינט.
איך באַוואונדער זייערע קיזל-הערצער,
זייער זאַטן, רואיקן שלאָף,
זייער געציקלטן רחמנות,
זייער לעמפערט-פריינטשאַפט.
כ׳האָב הנאה צו באַריידן
מיינע טייערע פריינט,
וואָס דאָס מינדסטע ווינטל האָט זיי פאַרווישט.

מיינע שונאים טשעפּע איך נישט.

ב

ווען פּאַגאַניני האָט אויסגעליידיקט זיין שופלאָד
און בערליאָז געשענקט זיינע גאָלדענע דוקאַטן,
האָט ער געוויינט.
ס׳גלויבט דער הונגעריקער נישט דעם זאַטן,
ס׳האָט דער זאַטער כוח צו זיין אַ פריינט.
אַז ער פאַרדייעט זיין רייכן מאָלצייט,
קאָן ער רחמנות האָבן אויף אָרעמע לייט.

מיינע זאַטע פריינט שטאַמען פון גרויס יחוס.
זייער עלטער-עלטער זיידע איז געווען דער בלוטיקער האָמער.
דערזעען זיי אַ פריינט אין נויט —
שרייבן זיי אָן אַ גרויסע טרער,
און גיבן זיך אַ כאַפּ ביים גזלנישן האַרץ.
ווערט די מערדערלעכע טרער אומשטערבלעך.
דער פריינט דאַרט איין פון שעה צו שעה,
ביז מען לייגט אים אויף די אויגן שערבלעך.

ווען חברה פּיראַטן זיינען זיכער אַז דער פריינט איז נישטאָ,
אַז ער קען שוין נישט אַ ריר טאָן מיט אַן אבר,
דערלאַנגען די עלאָקווענטע מערדערס אַן עלעגאַנטן קלאָג,
וואַרפן גראַציעז לאָפּעטעס אויפן קבר.
זאָגן קדיש און שרייבן אַ נעקראָלאָג.

גע שטאַלטן

כ׳זוך איך איצט אויף אַלע וועגן,
מיאוסע געשטאַלטן.
כ׳ווייס, ס׳האָט גאָט אין אייך באַהאַלטן
אַ באַשייד, אַן ענטפער אויף פרעגן.
כ׳זוך צו פאַרטייטשן דעם סוד.
דעם קרומען שריפט פון גאָט.

זי איז געווען טרויעריק מיאוס.
כ׳האָב געזען אירע גראָבע, קרומע פיס.
איר קרעציק און באַוואָקסן פּנים.
געזען זיין ערלעכע האַנט אין אירער.
זיין נייגעריקן שטערן,
זיינע בלינדע אויגן,
זיינע הייזעריקע לידער.
דעם גאָס פון זיינע טרערן.
ס׳האָט אין מיר אויפגעציטערט אַ דערווידער.
כ׳האָב זיך אָפּגעקערט,
ווי צו געבן אַ פאַרוויש
דאָס מאַן־ווייב פאַרזעעניש.
מיטאַמאָל איז מיר קלאָר געוואָרן,
ס׳האָט זיך צו מיר באַוויזן אַ מענטשלעכער ברענענדיקער דאָרן
און איך האָב נישט געזען.
גיי איך צוריק צום אורוואַלד.
כ׳שטאַם פון שיינע אַפּן.
אין זיין געשטאַלט
האָט גאָט׳ס האַנט מיך נישט באַשאַפן.

133

דעם
טאַטנס
שאָטן

יעקב גלאַטשטיין
פון מיין גאַנצער מי

צען לידער

א

דריי איבערגעניצעוועטע נשמות
זיצן אויף גילדענע צווייגן,
רוכערן, וואַרטן און שווייגן.
פונוווייטנס גרימפּלען נודנע האַרפן.
זיי זיינען גרייט. מען זאָל זיי אַזוי נישט באַדאַרפן,
ווי מ׳קען זיי יעדער רגע טאָן אַ רוף
אַרייַנצוקריכן אין אַ קליינעם גוף,
פאַר ווידערגעבוירן און ווידערפאַרדערבלעכקייט.
זיי זיינען טויט-מיד פון דעם שפּיל,
וואָס איז דאָס, משטיינס געזאָגט, פאַר אן אומשטערבלעכקייט ?
וואָס איז דער ציל פון דעם אַלעם ?
אויך אין דעם דאָזיקן אומלאַנד
איז פאַראַן ווייניק שכל און קנאַפּ פאַרשטאַנד.

ב

דער האַלדז פון אמונה איז לויטער.
דאָס געזאַנג איז אייביק.

די מוזיק איז היפּנאַטיש
אַזוי זינגט אַ מענטש אַ טויטער,
וואָס איז פאַרגעביק.
ער האָט שוין לאַנג מוחל געווען זײַן גאָט
פאַר אַלע ערדישע צרות.
די לעצטע רגע איז כאַאָטיש.
אָבער נאָכדעם ווערט אַלץ קלאָר.
פאַרלאָשן איז דער פלאַקער פון שטאָט,
אַפילו דאָס לשון פון תפילות ווערט אומפאַרשטענדלעך.
אַלע ליגנס ווערן וואָר.
אַלע פּינטעלעך — גרוי און אומענדלעך.

ג

דרײַ גאָט־זוכערס גייען איבער די וועגן,
פאַרדאַוועענען די פעלדער מיט דעם טוי פון זייערע רייד.
פּלוצים גיט איינער אַ געשריי:
— מיר האָבן אים מיט ליגנס דערצערנט.
ס'איז שוא ושקר. ס'איז נוסח.
לאָמיר פריער אַרויסלעסטערן פון זיך
אַלץ וואָס מ'האָט אונדז געלערנט.

ד

מיר האָבן אויפגעבויט פאַקולטעטן,
אָבער ניט פאַר דער וויסנשאַפט פון גאָט.
צו אים קומען מיר ווי קינדער־פּאָעטן,
דורך פאַרכישופטע טויערן פון געבאָט.
אַפילו די קליגסטע לײַט זײַנען געצן־דינער,
אַז זיי ריידן וועגן גאָטס פאַרשטאַנד.
ווען גאָט זאָל זײַן בלויז דאָס וואָס מיר ווייסן,
וואָלט ער נישט געקענט פירן דאָס מינדסטע לאַנד.

ה

גאָט, ביסט עניוותדיק דאָ אין אַלץ;
פלאַטערסט שטיל איבערן עלנדן רוים.
ביסט אומבאַרימעריש גרויס און מאַכטיק.
וואָלסט גערן געווען ס'מינדסטע פייגעלע אויף אַ בוים,
אָן געזאַנג אין שווייגנדיקן ליבן האַלדז,
אַרומגעוואָלקנט און פאַרנאַכטיק.

ו

פליגעלע, פלאַטער געזונטערהייט.
זיי זיך אַ קליין מלכל איבער אַ וואונק לעבן.
וואָס איז דיר צוגעקאַרגט, געגעבן.
דער מלך מלכי המלכים
האָט הנאה ווי דו שפּילסט זיך,
ווי דו דרימלסט.
ווי דו גלוסט, ווי דו הימלסט,
ווי דו וויינסט פון חרטה,
ווי דו ווערסט טרויעריק,
ווען דו פאַרקריכסט אין בלאָטע.
שאַלט און וואַלט איבער דעם שטחל דיינס.
טו נישט צופיל תשובה ווען דו ביסט זינדיק.
נאָך אַ ציטער־פלאַטער
און דו ביסט פאַרשווינדיק.

ז

דאָס איז מער נישט קיין היים.
דאָ וועל איך היניען.
כ'וועל גיין אַליין,
אָן געוויין, אָן געזאַנג.
פאַר מיין ברוגז מיט גאָט
דאַרף איך נישט קיין מנין.
פון גלויבן ביז לויבן איז פאָלג מיך אַ גאַנג.
כ'גלויב, נאָר איך לויב נישט.
ווען מ'וואָלט דיינע פינף יאָר
אַזוי פאַרפינצטערט און באַרויבט,
וואָלסטו אויך נישט געלויבט.

ח

די אַפּאָסטאָלן פון ווילדער קדושה
קענען פאַרגלעטן די ערגסטע געטלעכע זינד
מיט ספר־באַנאַליטעטן.
זיי קענען פאַרבלענדן די אויגן
מיט דעם שענסטן רעגנבויגן
נאָך דעם בלוטיקסטן מבול.
זיי דאַרפן אַליין גאָרנישט זאָגן.
זיי כאַפּן אַ פּאָר אויף גאָטס פייערוואָגן.

ס'איז זיי גרינגער מיט הייליקע רייד.
זיך אָנשפּאַרן אין גאָטס ליכטיקער פרייד
און זיך אַפילו נישט פאַרברענען די פינגער
איז אוודאי כדאי.
ווען איז דאָס געררדט געוואָרן,
אַז ס'האַרץ איז דערביי.

ט

אויב ס'איז אמת אַז די באַמבע פון הידראָגען
קען אין איין הרף עין געבן אַ פאַרברען
דעם גאַנצן אוניווערז,
קאָן דאָך עמעץ זיין אַזוי פערוווערז און פרעגן:
וואו זשע וועט אַהינקומען גאָטס אַלמאַכטיקייט,
אין אַזאַ טאָטאַלער, וויסטער באַנאַבטיקייט?
און וואָס וועט די באַמבע חרוב מאַכן?
די וועלט? דעם טאָג מיט דער נאַכט?
צי אויך אַלץ וואָס מיר האָבן
אויסגעחלומט און אויסגעטראַכט?
און אויב אַלץ וואָס מיר האָבן אויסגעטראַכט
קען אַזוי לייכט פאַרשווינדן,
איז עס טאַקע געווען געמאַכט פון שטרוי,
אַז מיר אַליין האָבן עס געקענט אונטערצינדן?

י

די צעצונדענע ריזן־קנויטן
פון די הימל־גרייכערס,
ברענען פרום מיט גלויבן.
די רויטן פון די שויבן זיינען קיל.
דער טייך איז שטאַליק,
פאַרגליווערט און דאָרפיש.
די האַרפעס פון די בריקן
ציטערן און שפּילן.
גאָט איז נאָענט, אַנטראָפּאָמאָרפיש.
ס'דרימלט זיין ווילן.
אַלץ וואָס שאַרף איז, קלוג,
ווערט מיט שטוינונג פאַרנאַרישט.
יעדער באַקאַנט שטאָטיש ווינקל
ווערט עקזאָטיש.
יעדער קראָם פאַרלעגנדארישט.

אפשר דו

וואָס איז דער מקור?
די שטוב? דאָס געצעלט? די וועלט?
אפשר גאָר דו.
דו, דו, אַלע מאָל דו,
אומעטום דו.

כ'האָב דיך נעכטן געזען אויפגיין
ווי אַ קליינע האַנט אויף אַ צעפלאַמט שטיקל הימל.
און כ'האָב דיך באַנומען,
ווייל ביסט געווען נאָך קלענער פון מיר.
די האַנט איז געווען אַ האַנט פון אַ ווייב,
די האַנט פון אַ גלעט,
די האַנט אויף אַ שטיל, קליין בעט.

כ׳בין געפֿאַלן אויפֿן פּנים.
כ׳האָב דיך באַנומען.
כ׳האָב געדאַוונט ווערטער
וואָס זיינען געווען זיס צו דיין גומען.
כ׳האָב דיך באַנומען.

וואָס איז דער מקור?
פֿאַרשטייאיקייט.
ביסט אויפֿגעגאַנגען ווי אַן איינציקער
ליכטיקער אות אין מיר,
כ׳האָב דיך געלייענט
מיט יעדער באַריר.
כ׳צי אַרונטער די שיך,
כ׳צי אַרונטער די קליידער.
די מיידלשע ערד וואָס אויף איר איך טרעט,
מיט אַזוי פֿיל געטריישאַפֿט,
מיט אַזוי פֿיל זעט,
איז הייליק.

וואָס איז דער מקור?
ביסט הייליק, אויב נישט דריי מאָל,
ביסטו יעדער באַזונדער מאָל הייליק.
ווייל דו האָסט אַלע מאָל געברענט
פֿאַר מיר ווי אַ דאָרן
און ביסט שיר נישט אַליין פֿאַרברענט געוואָרן.
אַ טרויעריקער, פֿאַרשטענדיקער גאָט,
צווישן מיר און דיר,
ווי אַ לעמפּל, וואָס דרייט זיך אַריין,
טונקעלער און טונקעלער.
ער בייזערט זיך נישט
און טראַכט נישט פֿון שטראָף,
נאָר איז אַ געטלעכער שאָטן
איבער אונדזער אומרואיקן שלאָף.

דריי יונגע מיידלעך

דריי יונגע מיידלעך מיט אויפגעשראָקענע,
גרויסע שוואַרצאַפּלען,
זיצן צוזאַמענגעטוליעט אין סאָבוויי
און פּלאַפּלען.
זיי זעען אוים צוגעלעגן, איבערגערייפטע.
די אָנגעשטייפטע וויעס,
די באַשריבענע ברעמען־וועגן,
מאַכן זיי לעגענדאַריש מיאוס.
דער אָנגעמאַסקעטער געל,
דורכגעפלעקט מיט רויט,
אַנטפּלעקט אַ מראה,
ווי ביי אַ טויטן פיש
הינטערן אויער.

141

דעם
טאַטנס
שאָטן

יעקב גלאַטשטיין
פון מיין גאַנצער מי

די אַרויפגעמויערטע פּנימער
זײַנען האַרט.
די ווערטער זייערע — איבערגעקייט.
קיין איינע פון זיי קוקט נישט אין מײַן זײַט.
מ׳שטייט שוין מיט מיר נישט אַפילו
אין אויג־שדוכים.
דאַנקען גאָט,
ס׳קריכן מיר שוין נישט אין קאָפּ
קיין ראָמאַנען.
אַ לויב, וואָס כ׳בין שוין העט פאַרפאָרן,
און כ׳דאַרף נישט קומען
צו אַזעלכע יוגנט־פאַנטאַנען
אָפּצופרישן מײַנע קילע יאָרן.

די דריי יונגע מיידלעך פּלאַפּלען,
זיי דערציילן זיך פון קאָמיקס די שפּאַסן.
ביז זיי הויבן זיך אויף,
טאַנצען אָפּ אויף זייערע ריזיקאַלישע אָפּצאַסן,
מיט לאַנגע, באָרוועסע פיס,
ווי געניטע שטריק־גייער.
איך באַגלייט זיי אָן אַ גריס
מיט מידע בליקן,
וואָס גיבן גאָר נישט קיין באַריר,
בלײַבן אין ערגעץ נישט הענגען.
כ׳באַשיץ זיי גלײַכגילטיק ביז צו דער טיר,
אָן באַדויער.
כ׳וויל ביי זיי גאָרנישט רויבן.

אָן אומפאַרייטלעך קול רוימט מיר איין אין אויער:
מיטליעריקער פוקס,
געדענקסט אפשר די מעשה מיט די זויערע טרויבן?

אַ געצעלט

כ׳האָב זיך אויפגעשטעלט אַ שטיקל אָנהאַלט —
אַ לייוונט געצעלט,
און געגומען דאָרט אריינבויען
מיין פאַרטונקלטע וועלט.
וויט פון דער צעליכטיקטער שטאָט,

האָב איך באַזאַלצן מיין ברויט מיט גאָט.
זי איז געקומען צו מיר
טיילן די נזירות פון מיין מיטליעריקייט.
איר מידע שטילקייט איז נישט געווען קיין שטעריקייט.
זי האָט נישט גערעדט, נאָר געטראַכט צו מיר.
שטיל און מיד געטראַכט צו מיר.
אָפט האָב איך געפירט אַ ליכטיקן וויכוח
מיט איר געדאַנק.
און ס׳האָבן מיינע ליפּן קוים-קוים
געשמייכלט מיט געזאַנג.

גאַנץ איז דיין גוף — אַ וואַרעמער קנויל,
וואָס טויג דיר דער טערפקער טעם
פון גאָט אין דיין מויל?
אויב גאָט איז אַ חיוב
פאַר די געשלאָגענע איברים פון אַן איוב,
אויב גאָט איז אַ חיוב?
זאָג, וויפיל תשובה ביסטו שולדיק
פאַר דיין וויטיק?
וואָס נעמסטו אויף זיך דעם עול
פון אַ סימבאָל?
זאָג, וויפיל האָסטו געלעסטערט,
אַז דו זאָלסט זיך ביטשן מיט גלויבן?
גלויבסטו שוין נישט אין מיר?
צאַנק איך דען נישט צוזאַמען מיט דיר
אין באַהעפטנדיקער שטילקייט?

דעם טאַטנס שאַטן

איך גלויב נישט, נאָר כ'פיל די זאַלציקייט
פון גאָט אין אַלע מיינע גלידער.
ס'איז נישט די געטריישאַפט פון אַ געשלאָגענעם הונט.
אפשר מענטשלעכע בענקשאַפט.
נישט קיין פרומע אונטערטעניקייט,
נישט קיין פרומע ווידערשפעניקייט,
נאָר בענקשאַפט נאָך זין.
פאַרשטייט עס אַזוי — בענקשאַפט.
ס'איז נישט קיין פּחד,
אַפילו נישט קיין באַוואָרעניש.
אפשר בענקשאַפט נאָך קלאָרעניש.
אוודאי ביסטו דאָ און ס'איז דאָ דיין מידיקייט,
וואָס איז נאָך שיין ווי יעדער רגע פון לעבן.
אָבער ביסטו דען האָפט פאַר זיך?
מיין נישט אַז איך בין אַ סימבאָל.
איך ב י ן געשטאָרבן מיליאָנען מאָל,
איך בין געפּייניקט געוואָרן,
ביז ס'איז פון מיר אויסגעפּייניקט געוואָרן
יעדער ביסל אינטימקייט.
און אויב באַזונדער האָב איך נישט געהאַט קיין שייכות
מיט אייביקייט,
נישט אין מיין צער
און נישט אין מיינע ציטערדיקע פאַרגעניגנס,
בין איך דאָך איצט אַליין פאַר זיך —
חורבן.

דערפאַר איז נישט שייך,
גלויבן אָדער לעסטערן.
איך אַליין בין אומשטערבלעכער חורבן.
גלויב אין מיר, לעסטער מיך,
אויב דו ווילסט.
איך בין דאָ און וועל זיין.
דערפאַר איז מיין טעגלעך ברויט
באַטעמט מיט גאָט.
דער אייביקער חורבן איז געטלעך.
די גרויסע צעשטערונג
איז אַזוי אייביק ווי באַשאַף.

זי דרימלט מיר אַנטקעגן
מיט די שלעפעריקע רייצן
פון שטילער מידיקייט.

האַרבעריק

פון גאָט צו דער נאַטור איז אַ קאַצנשפּרונג.
זיצט מען אין פֿאַרגוילעמטער פֿרייד און מ׳דינט
צו דער שטילקייט געכפּלט אויף אונטערגאַנג.
מ׳איז שוין מער נישט יונג.
איז גוט אַרײַנצושטאַרבן טראָפּנווײַז אין אַזאַ געזאַנג.

מיט געצנדינערישן פּחד האַלט איצט אײַן דעם אָטעם
אַ מענטש וואָס ליגט אויסגעשטרעקט אויפֿן גראָז.
ס׳דרימלט זיך איצט די שטאָט אים
מיט אירע טוריזנטער פֿענצטער-קאַנדעלאַברעס,
מיט איר צעשטויבטן גאָלד אויף אויפֿגעשטוינטע מויערן.
ס׳גליען פֿײַערשריפֿטן דעם קאָפּ פֿון אַ באַרג.
דער מענטש איז שוין באַלד בלינד,
אָבער ער הערט נאָך אַלץ
די רינענדיקע שטילקייט מיט די אויערן.

אַ קוימיק ווינטל גיט אַ בלאָז
ס׳צעטונקלען זיך אַלע פֿאַרבן.
און אַלץ וואָס האָט נאָר-וואָס געליכטיקט,
נעמט גוט און פֿרום איצט שטאַרבן.
דער מענטש צעגייט.
זײַן גוף האָט אויסגעצאַנקט.
ער איז שוין אײַנגאַנצן רויך.
בלויז אַ טראַציקייט אין אים באַשטייט,
וואונדיקט, ברענט און ווערט אײַנגעטיפֿט.
ער דאַנקט דער פֿאַרנאַכטיקער שעה,
וואָס האָט אים אין דער פֿאַרטונקלונג אַרײַנגעטריפֿט.

ער איז ניט-אויסגעטיילטער פֿינצטער,
מינדסטער שאָטן איז ער,
וואָס גלויבט פֿרום אין גאָרנישט,
ווי אַ פֿאַרנאַכטיקע קו,
וואָס דינט צו פֿאַרגראָזטער רו
און ווערט אײַנגעחלומט אין דעם האַרבעריק
פֿון אוונטיקער מוזיק.

דער גנב

דאָס בעט, דער מאַן,
קינדער אין די וויגן.
דו צווישן זיי,
אַ פאַרבלאָנדזשעטער ניגון.
ס׳זיינען לייביק דיינע זאַכן,
אומרואיק די שיך.
די ווינקעלעך פון הויז
זינגען דיך.
ס׳בענקט נאָך דיין באַריר
ס׳פאַרחלומטע געשיר.
טעלער און גלעזער
לויבן דיינע הענט.
אַ צעשראָקן פנים
שאָטנט די ווענט.

דורך דער אָפענער טיר
איז דער גנב געקומען;
אַ ציטעריקע האַנט
האָט אים אַריינגענומען.
דאָס מויל איז אָפן,
דאָס וואָרט דערשטוינט,
מיט וואַרעמע שטראָפן
ווערט דער גנב באַלוינט.
דער גנב פאַלט צו
צום ריינסטן בריליאַנט —
אַ בליץ פון די אויגן —
ער פאַרלירט דעם פאַרשטאַנד.

אויף אַ גאַס

א

אויף אַ גאַס פון דער שענערער וועלט,
האָב איך געזען הונגעריקע אין אַ ריי.
מ׳האָט געטיילט איבערפלוס פון זאַטקייט.
זײַנען זיי געשטאַנען און געוואַרט,
צו צוויי און צו דריי.
בלעכענע פּנימער,
אָפּגעמעקטע פון מאַטקייט.

ס׳איז געווען יום־טוב.
די איבערגעפרעסענע שטאָט
האָט נישט פאַרגעסן גאָט צו דאַנקען
און וואַרפן אין די לעבעדיקע מיסטקאַסטנס
גוטסקייט־געשאַנקען.

הונדערטער מענער,
פאַרבעטלערט, געבויגן,
איין פרוי צווישן זיי,
מיט אונטערגעשלאָגענע, גלעזערנע אויגן,
איז געווען די איינציקע ראַזשינקע
אין דעם צרהדיקן קוכן,
מיט איר מענערשן ווײַט־שפּײַ
און גוט־גענוסחטע שעלטערישע פליוכן.
זי איז געווען זייער ביסל ווײַבערישע פרייד.
די באַזיגטע אַרמיי האָט געלאַכט
פון אירע סאָלדאַטישע רייד.

אַ ווינקל פון דער בעסערער וועלט.
אַ לאַנגער פוילנדיקער פּאַרקן,
אַ מענטשלעכער הונגער־פּלאַקאַט.

די שטאָט איז געווען איבערגעפּרעסן, זאַט.
דער שוואַכער האָט נישט געזען
דעם זעלבסטצופרידענעם שטאַרקן.
די צוגעוואָרפענע אַנאָנימע מאַלצייטן
זײַנען געווען וואוילטאַט,
מענטשלעכע דערהויבונג.
אויף דער גאַס פון דער שענערער וועלט
האָבן געקלונגען דאַנק־גלעקער
פון גלויבונג.

ב

צוזאַמען זײַנען זיי פאַרגליווערטע טעמפּקייט.
זיי זײַנען די מאָבּיליזירטע פאַרשעמטקייט
פון דער אויסגעשטרעקטער האַנט,
וואָס האָט שוין לאַנג אַנגעוואוירן
די שטאָלצע, אײַנגעפּויסטיקטע פרייד,
פון דעם קינד וואָס ווערט געבוירן
אָן פאַרמעגנס,
אָבער מיט אַלע תּביעות
אויף אַ חלק מענטשלעך אייגנס.

באַזונדער זײַנען זיי
די באַזונדערסטע מענטשן אויף דער וועלט.
זייערע פּנימער זײַנען ביאָגראַפיעס,
זייערע קעפּ דערפינדערישע אויסטראַכטונג.
הינטער דער מאַסקע פון בעטלערס
ווינקט דורכגעטריבענע פאַראַכטונג
צו די אומצאָליקע זעלביקייט־פאָטאָגראַפיעס,
וואָס דער עלעקטרישער וועק־זייגער פון שטאָט
האָט זיי אַלעמען אויפגעשראָקן, פאַרענלעכט,
גלאַטראַזירט און אַנטמענלעכט.

אַפילו אין קליידונג
זײַנען זיי די איינציקע
פאַרבליבענע וואַריאַציעס.
אין אַ גרויסשטאָט
פון אַנטוערישע רעגימענטאַציעס,
זײַנען זיי די פרײַסטע שמאַטע־אַריסטאָקראַטן.
זיי האָבן נאָך דעם מוט צו זײַן ענלעך
צו טאָלסטאָיען, יעזוסן, סאָקראַטן.

צוויי

די הייליקע ברודערשאַפט פון דער נאַכט
זאַלבט זיי נישט מער. שלאָף־רייד ציטערן.
אַ באַזונדערער חלום האַלבט זיי.
פון צוזאַמען זיינען זיי איצטער — צוויי.
באַלד וועט איינער פון זיי די שטילקייט פאַרביטערן
מיט אַ יעמערלעך געשריי.

קום מיט מיר

קום מיט מיר און איך וועל דיר ווייזן,
אַ גאַס וואו אויף די טראָטואַרן
בליט אַ גאַנצער תנ״ך,
און די מענטשן זיינען אַלע אבות
נאָר זיי פאַרקויפן מציאות
מיט אַן אייזערן געדולד,
וואָס קיין פאַסטעך האָט קיינמאָל נישט פאַרמאָגט.

גיב אַ קוק, זע, אַ העלד.
ער רעדט צו אַ פרוי,
וואָס דינגט אים אַרויס די נשמה.
אָבער ער האָט אַ הויז־געזינד,
פאַרלירט ער נישט דעם חיונה־שמייכל.
זע ווי זיי שפּאַלטן דעם ים־סוף
מיט אַ פרנסה־שטעקן,
ביז טיפער געבויגענער זיידעשאַפט.
זיי גייען שטאָלצע אַריבער
מיט די וועגעלעך, אָן געזאַנג.

עולם הבא

ס׳האָבן שונאים גענומען פאַרשעלטן
אַלע מיינע דריי הונדערט און צען וועלטן.
אַז כ׳וועל קומען מאָנען מיין חלק עולם הבא,
וועל איך דאָרט טרעפן אַ שעלטנדיקע זשאַבע.

ביז אַ גוטער צדיק וועט זיך אויף מיר מרחם זיין
און מיר פאַרדינגען אַן אַלקער אַ קאַלטן,
און עטלעכע אייביקייטן, וועל איך זיך
פון דער זשאַבע אויסבאַהאַלטן.

אַרומגעשימלט

די געשמאַקע אידישע קללות פון אונדזער יונגער גאַס,
די געזייערטע און געכריינטע,
די איינגעפעפּלטע און געשטעלטע,
די מוטערלעכע, די נישט-געמיינטע,
די אונטערוועלטישע, מאַרק-זיצערישע,
באַלעגאַליש-צעשעלטע,
וואָס האָבן פאַרוואוילערט,
פאַרשאַרפט אונדזער צונג,
ווען זי איז נאָך לעבעדיק געווען און יונג,
זיינען איצטער אַרומגעשימלט,
אַרומגעהימלט מיט לויטער הייליקייט.
דאָס יידישע מויל איז געכשרט מיט הייסע געוויינער.
אונדזערע קינדער שפּילן זיך אויף שטום-לשון.
יידישע ווערטער זיינען טרויעריקע איידלשטיינער,
וואָס ליגן אין שאַכטלעך שטויב פאַרלאָשן.

פאַרעקשנט

אַז אַ מענטש איז פאַרעקשנט
קען ער לעבן כמעט מיט גאָרנישט,
זיך באַנוגענען מיט קנאַפּ
מיט אַ שטיק פון זיך.

כ׳האָב אים אַמאָל געקענט, אַ שטאָלצן,
אויף הויכע פיס.
היינט פירט מען אים אויף אַ וועגעלע,
מיט ליידיקע הויזן־אַרבל.
אָבער שטאָלץ זיינען נאָך זיינע ברילן
און שטרענג דער באַפעל
צום מענטש וואָס פירט דאָס וועגעלע.
ער האָט זיך איינגעשרומפּן
און באַשלאָסן צו לעבן אויף אַ העלפט.
נאָך אַלעמען זיינען פיס בלויז אַ באַקוועמלעכקייט,
אָבער דאָס פאַסקודנע לעבן
איז שטאַרקער פון פיס.

רעדט נישט צו אים פון איובן,
ער פייפט אויף אים
און פילאָזאָפירט נישט.

דער אָנזאָגער

דער אָנזאָגער קומט פאַרטאָג
אָן אָפּגעשלימענער,
פון הינט אַ צעביסענער.
דער אָנזאָגער איז שטום.
ער וואַשט ביים קוואַל די וואונדן,
וואָס ער האָט גיך פאַרבונדן
און קוקט זיך אַרום.
זיין שליחות איז פרייד,
אין די טרויעריקסטע פאַרטאָגן
אָן רייד אָנצוזאָגן.

די גאָס איז טויט, אַ משוגענע מויד,
זיצט אויף אַ פאָס
און ווערט צעזעצט פון געלעכטער.
ס'דרימלט אָן אַלטער, טויבער וועכטער
ביי אַ צעפלינדערטע הויז.
דער אָנזאָגער קען אים נישט דערוועקן.
די משוגענע מויד עפנט ס'מויל און שעלט.
דער אָנזאָגער לויפט,
אָבער ס'יאָגן אים נאָך די שרעקן
פון אַ טויטער וועלט.

151

דעם
טאַטנס
שאָטן

פֿון מײַן גאַנצער מי
יעקב גלאַטשטיין

יאָרצייט־ליד: מ. ל. האַלפּערן

ס'האָבן אָראָפּגעזונגען פון דיר די זעלטנסטע קראָוואַטן.
מיט דיר איז אַוועק אַן אָרנאַמענט.
האָסט געלעבט מיט אילוזיעס פון מעצענאַטן.
דיין געמיט און וואָרט אַלכעמיע
איז געווען אַ פרעמדע ירושה,
וואָס האָסט געלייגט דערויף דיינע קרעפטיקע הענט
און עס פאַראייגנט.
מיט דיר זיינען מיר געווען באַהעמיע.
דיין זיצן אין קאַפע איז געווען שענסטער סטיל.
דאָס שאַרפע אויג איבער דער רעכטער בריל
האָט געהאַט אַ וועלפישן חן.
דאָס לינקע אויג איז געווען מילד, געטריי.
דאָס וואָס האָסט נישט געקאָנט פאַרשטיין,
נישט דערלערנט — האָסטו דערשנאַפּט
און געצערנט אויף לערנעריי.

ביסט געווען מלך פון אַ יידישער מלוכה,
גאַנץ אַן יידישע שרעקן.
האָסט זיי געטריבן פון זיך מיט אַ גויעשן שטעקן,
וואָס האָסט ווי אַ צעפּטער געהיט.
אין מלחמה מיט יידישע פּראָבלעמען
וואָס פאַרטריפן און פאַרשעמען דאָס געמיט,
ביסטו קיינמאָל נישט געפאַלן קיין דערשעפּטער.
דיין פרייד האָט איבער דיר
טאָג־טעגלעך געפלאַטערט,
ווי די גרייטע האַק פון גיליאָטינע.
האָסט געמאַכט אַ גרויסשטאָטישע מינע,
אַז דער גרייז־גרויער פּאָעט
איז אַן אויפגעלעבטער —
ווי ס'וואָלט געווען אַ טרויעריקער שפּיל.

אָבער אויג אויף אויג מיט זיך
האָסטו געוואוסט,
אַז די האַק וועט טרעפן אין ציל.
און אין אַ פרימאָרגן
וועסטו פאַלן אַ געקעפּטער.

קום נענטער

אָט אַזוי ווי דו שטייסט און גייסט,
באַקליידט און באַשוכט,
אַן אָפּגעגעסענער צו דער זעט,
וואָס האָסט די קלענסטע טעלערלעך הונגער
קיינמאָל נישט פאַרזוכט,
מיט דער פאַפירענער קרוין פון דערפאָלג,
וואָס ס'האָט דיר דאָס מזל אָפּגעטאָן אַ שפּיצל
און עס דיר אָנגעטאָן — אַ נאַרן מיצל
אויפ'ן גאַנצן לעבן.
זע ווי ס'ווערן הויל דיינע רייד.
ס'וועט קומען אַ צייט,
וועסט הונגערן נאָך דעם ביסל גאַל
פון דורכפאַל,
נאָך דער טרויעריקער ביטערקייט,
וואָס איז אַלקאָהאָליש,
ווען ס'ווייכן פון דיר מענטשן,
ווען מען מוז שטיין אַ דערשלאָגענער אין פּאַליש,
און מ'לאָזט אַפילו נישט צו נאָענט צו גאָט.

וויפל שיינקייט פאַרמאָגט אַ געחלומטער בוים?
קום נענטער צום שטומען לאַנדשאַפט.
גיב אים האַפט
מיט דיינס אַן אוּנטיק וואָרט,
אין שייטער פון צעצונדענעם פאַרגאַנג
וואַרף די טרויעריקע לעצטלעך
פון דיין געזאַנג.

אויפסניי

וועסט קומען און איבערשאַצן דיין קינדהייט,
די קליינע פאַרעקשנטע אויערן און אויגן.
וועסט אויפהערן איינוויגן דיינע יאָרן.
צום ערשטן מאָל וועסטו אויסטאָן
דעם פעלץ פון ירושה.
האָב גאָר קיין מורא נישט,
קיינער וועט ביי דיר נישט צונעמען
וואָס איז דיינס.
וועסט בלויז אָנהייבן פונדאָסניי,
פון סאַמע ערשטן ווייטיק,
פון איינשניידן אין דיר
די ליבשאַפט פון דיין שבט
מיט ווייטיק.

וועסט קומען און נאָך פאַרן ערשטן שטערן
וועסטו צינדן הבדלה אויפן וואָרט.
און אויב מ׳האָט עס פאַרפרומט
אויפן באַרג סיני,
וועסטו עס ברענגען אין שטוב,
און אויף דער פולער וואָך
וועסטו עס טועם זיין,
ווי מ׳איז טועם אַ פרישן בייגל.

און אַ באַרוועסער אברהם,
מיט לאַנגע, אומגעלומפּערטע פּיס,
וועסטו דווקא שפּאַנען
און שפּאַנען,
דורך פאַרגעצטע געטער,
צו דיינע אייגענע צווייפלען,
וואָס וועלן ביי דיר ווערן —
איין ליכטיקער ספק.

וועסט זיך אויפכאַפּן צום ערשטן מאָל
אין די אָרעמס פון דיין איינגעשלעפערטער באַשערטקייט,
און זען אַז וויפיל ס׳איז אין איר דאָ
פון דיין ריפּ,
איז אין איר אויך דאָ אַ באַזונדער לעבן,
אַ דערוויטערטס, אַ פאַרהויכטער שפּיגל,
וואָס שפּיגלט דיך, ווען דו גייסט אַרוים פאַרצוקן,
ווען דו ברילסט,
ווען דו טוסט אומפאַרשטענדלעכע טואונגען,
ווען דו ליגסט אַריינגעדרייט
און קענסט לויכטן,
זילבערדיק לויכטן אין דער פינצטער,
חלומען אין די אָרעמס
פון דיין געדולדיקן, וואַרעמען בליי־אַפּלייטער.

וועסט אַמאָל קומען סדרן
און זאָגן — דאָס האָט מען דיר געזאָגט
און דאָס האָט מען אין דיר אַריינגעזונגען.
דיינע פאַרעקשנטע אויערן און אויגן
וועלן אויפגיין,
ווי ס׳גייען אויף פאַרפרוירענע איברים.
און דו וועסט דערפילן
אַז זיי געהערן נישט נאָר צום גוף,
נאָר צו דיין מוח;
דיינע פאַר׳מוח׳טע אויגן און אויערן
וועלן הערן און טראַכטן,
זען און טראַכטן.
און אין דיין הויז וועלן קומען
דריי מלאכים דיך בענטשן.
און דו וועסט זיי געבן עסן און טרינקען,
און זיי וועלן מוזן עסן און טרינקען,
ווייל אַזוי גיך ווי זיי וועלן אַריבער דיין שוועל
וועלן זיי ווערן מענטשן.

דעם
טאַטנס
שאָטן

ווי פלאַטערלעך

ווי פלאַטערלעך צום פייער
זיינען געפלויגן קולבאַק, בערגעלסאָן און מאַרקיש,
זיי האָבן מיט גוואַלט געבראַכט
וויינענדיקע יידישע אותיות
צום שמד-שטיין.
די טויף-עקדה האָט געפלאַקערט,
די אותיות האָבן געשריגן:
ראַטעוועט אונדז,
רייזען, לייוויק, אָפּאַטאָשו, גלאַטשטיין.
די פרומע אותיות זיינען זיך צעפלויגן.
געבונדענע אויפן פאַרלאָשענעם שטיין,
זיינען געבליבן ליגן
קולבאַק, בערגעלסאָן און מאַרקיש
מיט אויסגעברענטע אויגן.

פאַרגעסן

כ׳בין שוין באַלד דערפאָרן צו אַמעראַצעס
דורך שטעגן פון פאַרגעסן.
פאַרטושט יוגנט-לערנונגען.
כ׳פאַרשטיי שוין נישט וואָס אַ זאַץ איז
אין אַ סך טונקעלע ביכער,
וואָס די צייט האָט אָפּגעמעקט, אויפגעפרעסן.

אַלץ קלענער ווערט פון מיינע ווערטער די צאָל.
כ׳האַלט שוין באַלד ביים פרומען ישובניקס
אָפּגעשפּאָרטן שמע ישראל.

דער בראצלאווער
צו זײַן סופֿר

דער בראַצלאַווער צו זיין סופר

א

נתן, דאַוואַי היינט נישט טראַכטן.
האָסט שוין אַמאָל געזען אַזאַ וועלט
מיט אַזויפיל לויטערע פּראַכטן?
כ׳וועל דיר דערלאַנגען אַ פּראַסק,
אויב וועסט היינט אויסקוועטשן אַ געדאַנק.
קראַנק ביסטו היינט צו לעבן?
לעב מיט אַלע דיינע אברים
און אָטעם זון ווי אַ פליג.
לאָמיר נעמען גיין אויף קעריק,
לאָמיר אַוועקטראַכטן אונדזער גאַנץ פאַרמעגן,
און צעטרענצלען אונדזערע רעיונות אויף די וועגן.
לאָמיר ווערן הייליקע פויערימלעך,
מיט הייליקע קי אויף אַ הייליקער פּאַשע.
לאָמיר עסן קאַשע מיט מילך,
לאָמיר רויכערן שטינקנדיקע פייקעס
און דערציילן בייקעס פון שרעטעלעך,
לאָמיר זינגען לידלעך —

דיי־דאַנע־דיי, דיי־דאַנע־דיי.
הוילע לידלעך אָן ווערטער,
דיי־דאַנע־דיי.

כ'זע ס'איז שוין אויפגעגאַנגען אַ כמאַרעלע
אויף דיין שטערן.
וועסט כאַפּן ביי מיר אַ פּליק אין פּרעסער,
טאָמער נעמסטו קלערן.
היינט וועסטו מוזן פאַרשליסן
דעם טראַכטער הינטער שלעסער.
היינט זיינען מיר זינגנדיקע תמ'עלעך
און מיר קענען קיין צוויי נישט ציילן.
איז כאַפּ זשע נאָר —
ווי וואונדערלעך דאָס איז,
איינס — אחד.
איינס און באַזונדער איינס
איז אַלץ אחד,
און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אחד.
הער נאָר ווי פּשוט,
ווי אַליין, ווי שיין, ווי טרויעריק־שיין,
איינס — אחד.

גרעזעלע זינג,
בינעלע זום,
גלעט די בלום,
וואָלקענדל רעגן,
פריש־אויף די וועגן.
טרינק אָן די ערד.

נתן, באַלד פאַלט צו די נאַכט,
לאָמיר שלאָפן אומגע'חלומ'ט און אומגעטראַכט
ווי די פויערימלעך.
לאָמיר היינט אוועקלייגן די לייטער
און לאָמיר נישט הימלעווען,
אַראָפּ און אַרויף, אַרויף און אַראָפּ.
זאָלן מלאכים קלעטערן
לאָמיר כאַפּן אַ כראָפּ און אַ שנאָרך
און זיך אויפכאַפּן אַנטקעגן אַ צעפלאַמטן מזרח
מיט דעם געזאַנג —
דיי־דאַנע־דיי, דיי־דאַנע־דיי.

כ'וועל דיר ברעכן אַ ביין
אויב וועסט דאָס ניגונ'דל נישט פאַרשטיין.
טאָמער וועסטו עפּעס דערלייגן, אַ וואָרט אָדער אַפילו אַן אות,

ס'וועט מוזן זיין אַזוי פּשוט ווי דאָס —
דיי־דאַנע־דיי.

ב

פֿאַראַן אַזעלכע שטייגער לייט,
וואָס טראַכטן אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך
און דער קאָפּ ווערט ביי זיי הייליק,
אָבער דער גאַנצער גוף בלייבט שטויב פון שטויבן.
זיין קוקן אַריין אין אַ ספר
און די אויגן גלאָצן באַלד אַרויף אויבן,
אָבער די פיסלעך מיט די הענטלעך
זיינען נאָך ביי זיי עפר ואפר,
און איבערן גאַרטל
און אונטער דעם צווישנשייד,
ווערט אַלץ טרף און טרפ'ער.
זיי לערנען זיך אויס שיינע ווערטער,
זיי זיינען עולה־רגל צו די הייליקסטע ערטער.
נאָר זאָל קומען אַ נדבה בעטן אַ מענטש אַ פאַרשמאַכטער,
בלייבט זייער האַנט פאַרמאַכט
און ס'האַרץ פאַרמאַכטער.
דעם קאָפּ האָבן זיי מרחיק געווען פונם שכל,
און ס'אָרימע מוח'ל רודערט אַזש מיט די גלגלים,
נאָר ס'פּיצעלאַנטשיקל מענטשל ווערט פאַרפאַלן
אויף עולם ועד.

דערימאָך, זאָג איך דיר, נתן,
טראַכטן איז ווי נאָטן צו געזאַנגען,
און די געזאַנגען וואוינען אין לב.
זע, אַז ס'האַרץ זאָל טראַכטן לויטער,
וועט ממילא דער קאָפּ אויפהערן צו טשאַדען.
פיינט האָב איך דעם גוטן יידן,
דעם כלומר'שטן ידען,
וואָס פאַרטריפט די אותיות פון ספרים
מיט נעצער'דיקע טראַכטרייען.
נעם אַ ליכט און באַלייכט דעם בראשית,
ברא האָט באַשאַפן.
בראשית האָט באַשאַפן.
גוואַלד, נתן, וואָס איז דאָ שייך צו טראַכטן.
לאָמיר גיין באַזאַמען אין רעגנס און אין שנייען,
אין זונען און אין קעלטן.
און לאָמיר זינגען —
בראשית האָט באַשאַפן וועלטן.

ג

אָט ווי איך דערצייל דיר, אַזוי האָט עס פּאַסירט.
כעלות, ווען איך האָב מיטן וואַלד שפּאַצירט,
זע איך ווי דער מאָרגן גייט אויף אינדערקרום
און די גאַנצע יצירה איז ברוגז׳לעך־שטום.
די ביימער שטעלן זיך מיט די זייטשעמויכלס צו מיר.
די פייגל הערן מיין גוטמאָרגן און גיבן זיך נישט קיין ריר.
אַ העזל קוקט מיך אָן ווי א יידענע אַ מרשעת,
און דער טרונקוואַסער אין קוועלכל זאָגט מיר מיט כעס:
נחמן, מוחל, מאַך איבער מיר היינט נישט קיין ברכה.
און די בלומען לאָזן נעבעך אַרויס אַ פינצטערע געסראָכע.
און אַלץ וואָס איך טראַכט ווערט פאַרפּלאָנטערט און פאַרצווייגט,
און אַלץ וואָס איך זאָג ווערט פאַרשטילט און פאַרשווייגט.
כאַפּ זשע, ליבערשט, די פּיס אויף די פּלייצעס און טראָג זיך אָפּ.
נחמן, וואָס טויג עס, אַז די גאַנצע וועלט איז ברוגז.

ווייס איך דאָך, אַז די וועלט איז צו אַ מענטש געגליכן.
ווייל אַלץ וואָס וואַקסט און אַלץ וואָס פליט,
און אַלץ וואָס טוט קריכן וויל נעבעך זיין.
גיב איך זיך אַזוי אַ זאָג אויף קאַטאָוועס:
וואָס איז דען די וועלט?
אַן איינבילדעניש, אַ פאַרבלענדעניש.
אַ רגע׳דיקע פאַרבייאיקייט,
אַן אויסגעטראַכטע נישטזייאיקייט.
און אַזויערנאָך האָב איך דער גאַנצער יצירה
דערלאַנגט אין דער זיבעטער ריפּ.
אַן אַלטער בוים האָט געטאָן אַ כליפּ.
ס׳האָט מיר טאַקע גלייך פאַרקלעמט ביים האַרץ.
אָבער ס׳איז געגאַנגען אַ גאַנג.
מיט אַ כוח אַ פאַרבאָרגענעם
האָט דער גאַנצער וואַלד גענומען זיין
און זיך מאָרגענען.
די ביימער האָבן צוריק אויסגעדרייט די פּנים׳ער צו מיר.
די פייגל האָבן געטשווירשערט.
דאָס העזל האָט זיך צעשמייכלט.
דער טרונקוואַסער אין קוועלכל האָט זיך געבעטן מיט האַרץ:
נחמן, מאַך אַ ברכה איבער מיר.
און די בלומען האָבן זיך געגעבן אַ צעבלי
ווי אין גאָרטן עדן.
אַ קראָ האָט זיך צעלאַכט ווי אַ קינד.
און דער גאַנצער ברוגז האָט געטאָן אַ פאַרשווינד.
און איך האָב ווייניקע לופט געשעפּט,

און אַלץ האָט געלאַבט און אַלץ האָט געלעבט.
און ס'האָט זיך צעטראָגן אַ פריידיקער געשריי.
ווער איז אַ פאַרבלענדעניש?
ווער איז נישטאָ.
מיר זיינען דאָ, דאָ, דאָ.

און אָט אַזוי האָט אַ ברוגז'ע וועלט
זיך צעמאַרגנט, צעשטראַלט און צעהעלט.
און ס'איז געוואָרן אַ קוויטשעריי,
אַ געשרייעריי, אַ טשוויטשעריי פון קולי־קולות.
מיר זיינען דאָדאָדאָ.
מיר זיינען דאָדאָדאָ.
אַז איך האָב זיך שוין אויך
אַוועקגעשטעלט אינמיטן וואַלד
און מיין קול האָט זיך ווי א שופר צעשאַלט.
וועלט, איך שווער דיר ביי דער מאָרגן־שעה,
וועלט, דו ביסט דאָ.

ד

כ'האָב זיך דערהונגערט,
ביז צום טעם פון ברויט מיט פוטער
און גופיק טראַכטן.
כ'בין געגאַנגען און מיין גוף איז געגאַנגען מיט מיר,
און ס'איז נישט געווען קיין איין געדאַנק,
וואָס האָט נישט דורכגעשטראַלט מיין הויט־און־ביינער.
כ'האָב געקלעטערט און מיינע פיס האָבן געקלעטערט מיט מיר,
און איטלעכע מחשבה האָט געגליט
מיט וווּנדערלעכער וואַכיקייט.
און אַז ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט,
האָב איך זיך דערהונגערט ביז פיסנע ברויט
און געטראַכט האָב איך מיט פרייד
איינסיק אין דער פינצטערניש,
באַזונדערע פשוט'קייטן וואָס שלעפערן איין,
און וואָס טאָמער זיינען זיי הייליק,
פאַרהייליקן זיי און פאַרדרימלען
פיס און הענט און קאָפּ.

און היינט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אַ הונגעריקער
און אויפן ניכטערן מאָגן האָב איך אָנגעהויבן
פון סאַמע גאָרנישט,
און דער טאָג איז אויך געוואַקסן
פון כמעט־גאָרנישט, פון שוואַרץ און קוים־קוים בלוי.

און איך האָב מיינע טונקעלע גלידער
באַפוילן: יהי אור.
און מירביידע האָבן געקראָגן ליכטיקע פליגל,
איך און דער טאָג,
און ביידע זיינען מיר געוואָרן איינס
און ביידע האָבן מיר געדאַוונט אויפן קול —
ווי גוט זיינען דיינע געצעלטן.

ה

אַמאָל דאַכט זיך מיר, כ׳האָב עס אַלץ אויף דער האַנט,
און מיטאַמאָל גיט זיך עס אַ פאַרהויל און אַ פאַרמאַך.
פאַרשטייסט, נתן, מיר איז פּלא גאָר אַ סך.
כ׳וויל דאָס מויל נישט צוזאַמענפירן מיטן אייגענעם אויער.
מיר וואַרפן אויף דעם בן אדם אַרויף אַ דרימלעניש.
מען ווייזט אים די ערד אונטן
און העט־אויבן אַ פאַרכטיק הימלעניש.
אָבער אינצווישן איז דאָך אויך עפּעס פאַראַן.
כ׳ווייס, מען רופט דאָס, דוכט זיך, לעבן.
ערגעץ גלוסט אַ פרוי און ס׳פּריידיקט
פון וואַרימער באַהעלטעניש דאָס אָפּ׳קול פון אַ מאַן,
נאָר טאָמער נעמט זיך עס אַזוי אין מיר וועבן,
באַפאַלט מיך אַ פּחד און איך זאָג:
זעסט יענעם שקאָץ, יענעם געדאַנק,
שלאָג אים מכות רצח, יאָג אים, פאַרטרייב.

נתן, פאַרשרייב.

למשל, נעם דעם יצר טוב — אַ שיינער מחותן, אַן אַנגעלייגטער גאַסט.
לעבט אויף גוטע קעסט, מיט אַן אויסגעפּאַשעט בייכל פון מצוות.
אָבער אַ צער איז מיר אויף דעם יצר פון שלעכטס.
פרומע אידעלעך טרייבן אים נעבעך האַלדז און נאַקן.
ער פּאַסט ביי זיי תעניתים.
ער חלש׳ט נאָך אַ לעפל וואַרעם געקעכץ.
און וואָס איז דען אויסן דער יצר־הרע?
חדוה. באַשייד פון פרייד. טרייסט געיערט פון טרויער.
געוויין פון אַליין פאַרצווייט.
איינזאַמע דורות פון פאַרגיין
פאַרמערט אין אייביקן דויער.
וואָס איז ער דען נעבעך אויסן דער יצר־הרע?
גוף. לייב.

דער בראַצלאַווער צו זיין סופר

נתן, פאַרשרייב.

ביינאַכט, אויב דו האָסט נאָר אַן אויער,
הערסטו ווי יעדער טויער פון אַלע ש״י וועלטן
וויינט מיט איין רוף:
גוף.
מיינסט, ס'איז פאַראַן קנאַפּ געזאַנג אין אַזאַ בענקשאַפט?
און דאָס איז דאָך ס'ביסעלע תענוג, משטיינס געזאָגט,
צווישן הימל און ערד,
ביז מען לייגט שערבעלעך אויף די אויגן.
דאָס איז דאָך דער טייערער ניגון פון אַ האַרציקן מה יפית.
דו ווייסט גאַנץ גוט, ווי אויסגעמאַרעט מיין גוף איז,
נאָר ס'וויינט מיר דאָס האַרץ פאַרן ביסל פאַרגעניאַכעס.
יצר־הרע מיינט דאָך יחוד אין צוזאַמען —
וואונדערלעכער צו'להבעים.
ס'מיינט אַ געציטערט וואָרט,
פייער און פלאַמען אין גאָטס געפלעכט פון צוויי.
ס'מיינט ווייב.

נתן פאַרשרייב.

כ'מיין ס'איז ממש אַ מורא דאָס צו ברענגען אויף די ליפּן.
ס'איז שפּעט ביינאַכט.
איך גיב דיר, נתן, מיינע רייד, מיטן אויער נישט צו כאַפּן.
ס'קען נאָך, חלילה, ווערן אַ פאַרמיש.
נו, וועט מען שרייען, וויל ער אפשר,
מתיר זיין אַן אשת איש?
און וואָס מיין איך דען צו זאָגן?
ס'רייסט מיר ס'האַרץ אויפן יצר פון שלעכטס.
דאָס איז דאָך קראַפט, חשק, פאַרלאַנג,
כוח, געמעכץ,
און ס'איז דאָך געזאַנג,
און ס'איז דאָך געוויין און סוד פון שטאָס,
און דאָס איז דאָך תענוג און דאָס איז דאָך ליד.
און גליד־גליד פון הייליקן פלאָם
און דאָס ליכט פון אירס און זיינס וואָס ווערט איין.
נתן, ביסט נעבעך מיד, ס'קלעפּן זיך דיר די אויגן.
שלאָפסט איין.
לאָמיך נישט איבער מיט מיינע רעיונות אַליין.
וואַך מיט מיר. פאַרבלייב.

נתן,
פאַרשרייב.

דער בראַצלאַווער אין אַ נאַכט פון ירידה

א

ס׳פרעסט מיך אויף אַ פאַרדראָס,
ווייל כ׳האָב געגלויבט אין שטומען אות,
כ׳האָב מצרף געווען וואָרט מיט קלאַנג,
און געמיינט, אַז ס׳איז געזאַנג,
געריסן פון זיך פאַס נאָך פאַס,
און געמיינט ס׳איז דיין פאַרלאַנג.
געשריגן צו דיר: גיב!
און ווי אַ חצוף געוואַרט אויף דיין געשאַנק.
כ׳האָב זיך דיר צופיל געוואָרפן אין די אויגן,
געטאָפּטשעט אין אַ בלאָטע
און געמיינט, אַז כ׳בין געפלויגן.
און ווייל מיינע ווערטער זיינען ליידיקע נים,
נעם איך מיין מויל און פאַרשליס.

דער
בראַצלאַווער
צו זיין
סופר

ב

טויזנט יידן זוכן תכלית
און איך — זיך אַליין.
טויזנט יידן מיינט חדוה.
און איך — מיינט געוויין.
טויזנט יידן האָוען, לויפן,
איך בין ווי אַ שלאָמאַק קריכיק,
אין דעם צוזאַמענדיקסטן מנין,
בין איך פאַרדווייקעט, איביק.

ג

איכעלע, וויש זיך אָפּ דאָס נעזעלע,
זיי נישט אַזוי פאַרריסן ביי זיכעלע.
כ׳האָב געהערט זאָגן, ווילסט ווערן אַ מנהיג ביי יידן,
לאָז זיי צופרידן.
ווייסטו אַזוינס, וואָס ס׳הייסט ייד צווישן פעלקער,
צווישן אַזויפיל פאַרדאַרבער און פאַרוועלקער?
פאַרמאָגסטו דעם כוח, איז דיין וואָרט דערהויבן,
דו שטויב פון שטויבן?
איכעלע, נעם אַרויס אַ נאָז-טיכעלע,
וואַקס פריער אויף און וואַקס אַריין,
אַ ייד צווישן יידן.
דרך-ארץ פאַר דיין גרויס פאָלק —
לאָז זיי צופרידן.

ד

אין דער שעה פון מיין ירידה,
קרעכצן מיינע אברים מידע.
כ׳ווער אַ וואָגן אָן אַ בעל-עגלה —
מיין גוף נעמט איבער די ממשלה.
ס׳צערעדן זיך מיינע צענדליקער חולאתן,
זיי צערענען אַנטקעגן מיר און כעסן,
ס׳ביסל ליכט אין מיר, מ׳שטיינס געזאָגט,
ווערט אַריינגעדרייט —
און אָט גיי איך פון דער וועלט יונגערהייט.
מיטאָמאָל דערהער איך ווי דער זיידע זאָגט:
כ׳האָב דעם משחית פאַריאָגט.
זע, ווי ס׳חשכות טאָגט.
שטיל איין ס׳געשריי פון דיין לייב,
נעם דעם צעבראָכענעם וואָגן און טרייב.

ה

ניין, כ׳וויל היינט זיין לייב.
כ׳וויל דערהערן דאָס קול פון לייב.
כ׳וויל צוריק לערנען אלף-בית און טראַף
און כאַפּן דעם קרעכץ פון באַשאַף.
זיסער ווייטיק פון מיין האַנט,
ליבער קראַמף פון מיין פוס,
דערשטיקטער אָטעם מיינער פון אַ כזית לעבן,
היינט וועל איך צו אייך זיך איבערגעבן.
כ׳מוז אייערע גערעכטע טענות הערן,
און לויטערן זיך אין אייערע כשרע טרערן.
די שטריימלדיקע נשמה וואַרפט צו שיריים,
דעם גוף, דעם פּראָסטן חי-וקים.
פאַרוואָס פאַרפשטלען ווייטיק
און טובלען זיך אין צער?
זאָל דער עם-הארץ-ווייטיק
זיין היינט מיין האַר.
ר׳האָט נעבעך אַ פול מויל מיט גערעכט,
אַז ס׳איז אַ תענוג אים צו הערן,
היינט איז זיין שבת-קודש
און מען טאָר אים נישט פאַרשטערן.

ו

פונדאַנען איז געדרונגען, אַז כ׳וויל זיין
אַ פּראָסטינקע-זמאָסטינקע יידעלע.
באָדיי מיט א פאַרגרעבט קעפּעלע,
נאָר מיט אַ ווייך הערצעלע.
מאַכט אימיצער אַ קרומע מינע —
קום נישט אָפּ מיט אַ פּויל תירוצעלע.
מיר זיינען אַלע קינדער פון דער וואָכיקייט,
די שבתים זיינען הייליקע לאַטעם.
לאָמיר נישט פאַרגעסן אָן די מיטוואָכם —
אָן אונדזערע פאַרהאָרעוועטע טאַטעס.
איז — מוחל אַ נשמה פון זיידנצייג,
גיב מיר אַ נשמה מיט פּגמען,
זאָלן די אַטלעסענע קאַפּאָטעלעך
נישט פאַרגעסן פונוואַנען מיר שטאַמען.
ווייל די קוגלדיקע שבתדיקע פרומקייט
שטאַמט פון ראַזעווער וואָכיקער שטומקייט.

און אַלץ וואָס מיר קענען און אַלץ וואָס מיר ווייסן,
איז צוזאַמענגעשטעלט פון פראָסטע אלף־ביתן.

ז

וואָס מער כ'דערהויב זיך צו דיר,
וואָס מער כ'דערגלויב זיך צו דיר,
וואָס מער איך קלעטער צו דיר ווי אַ בער,
אַלץ לענגער ווערט דער וועג און שווער.
וואָס מער איך צעפּייניק מיין לייב,
וואָס מער איך צעפּאַסט מיינע גלידער,
אַלץ דערווייטערטער ווער איך פון מיינע ברידער.
און מיינע ברידער זיינען וואוילע יידן,
פאַרוואָס שריי איך זיי רק אַריבער?
כ'ווייס אַז קהלס תפילה
איז אָנגעלייגטער און ליבער.
כ'ווייס, כ'מאַך פון זיך אַ בלאָזן,
וואָס איך גאָרגל זיך מעשה חזן.

ח

פאַרגוף מיין נשמה און גיב מיר כוח צו לעבן,
פאַרשטאָלץ מיך נישט מיט צופיל קדושה,
שענק מיר דעם שטרויבלערס תענוג
פון שטילע זינד און שעמעוודיקער בושה.
און מיינע זינד שפּיגלען זיך אין דער בושה,
ווי דערשראָקענע אויגן אין אַ פאַרהויכטן שפּיגל.
צוזאַמען ווערן מיר פאַרקינדישט
און מיר שלאָפן איין אין שטילן וויגל.
אינדערפרי קוק איך אַרויף צום הימל
און שיק אַרויף שטומע לידער.
כ'דערפיל די ברכה פון לעבן אין טאָל
און דעם גן־עדן פון דער נידער.

ט

אַרום אַן איינציקן בוים וועלקט אַ גאַנצער פאַרנאַכט.
אויפן בוים ציטערן אומרואיקע צווייגן,
שטילקייטן וואָלקענען דעם בוים.
וויגן איין אים און פאַרשווייגן.
מיינע אַלע רייד זיינען איצט פאַרפינצטערט,
אַלע מיינע אמתן לייגן,

ס׳איז מיין שעה פון זינקנדיקער ירידה,
פון פאַלן און נישט פון שטייגן.
כ׳וויל עפּעס זאָגן, נאָר ס׳האָט נישט קיין האַפט,
כ׳וויל בעטן, נאָר מיין געבעט איז פאַרשטומט,
כ׳וויל לויפן פון זיך, נאָר מיין וועג איז פאַרקרומט —
איין האַנט צעשטערט, וואָס די אַנדערע שאַפט.
ס׳באַפאַלט אַ פינצטערניש דעם בוים,
אַ גאַס־רעגן צעשלאָגט די צווייגן.
גיב מיר כוח אין דער שעה פון ירידה,
אין מיין שעה פון פאַלן און נישט פון שטייגן.

י

דו ביזט דאָ, איך בין דאָרטן,
כ׳בין אַליין ווי דו, מיין ווייב.
כ׳בין דיר געטריי.
דיין באַזונדערניש איז אַ געבענטשטער גאָרטן
אַנטקעגן מיין וויסטעניי.
שפּאַנסט פאַרביי, מיין ווייב,
דיינע אויגן, דיינע ליפּן מאָנען,
כ׳גיי אַליין אין פינצטערניש
און קען דיך נישט דערקאָנען.
פינצטערסט אָפּ מיט מיר דיין וועלט,
באַוויינסט דיינע יונגע יאָרן,
כ׳דערווייטער זיך צו דיר אַלץ נעענטער,
ביז איך ווער פאַרלאָרן.
איז דאָס שידוך, איז דאָס זיווג,
וואו איז ס׳גליק פון באַמאָנען?
אַ ווינט פאַרטראָגט דיינע ווערטער,
נאָך איידער כ׳האָב זיי פאַרשטאַנען.

יא

מאָרגן טירקלט ווי אַ שטילע טויב.
אַ נאָענטע האַנט דערהייבט מיך פון שטויב.
און ווערט דערווייטערט.
מיין הימל ווערט ביסלעכוויז אויסגעלייטערט.
כ׳גיי אַרויס און ס׳קומען שטילקייטן מיר אַנטקעגן,
פון אַלע זיבן וועגן.
שטילקייטן זיינען נישט קיין שטומקייטן.
שטילקייטן ריידן אַ זיידן גערייד.
ס׳פליגלט אויף אין מיר אַ וואָכע פרייד.

מיינע אַלע חושים טרינקען טאָג.
אַ שוועלבעלע פאַרלירט אַ פעדערל און ס׳האָט וואָג.
אַ פויערל זאָגט גוט-מאָרגן און ס׳האָט האַפט.
אַ מערעשקע שלעפט אַ זעמדעלע מיט קראַפט.

יב

אַ גוט-מאָרגן דיר, האַר און באַשעפער,
אַ גוט-מאָרגן דיין זון און דעם
קוים-קוימיקן וואָלקנדל,
וואָס שלייערט דאָס ליבטיקע פנים פון טאָג.
ס׳האַרץ וואַקסט אין מיר און אָט
קריג איך פליגל און פלי.
נאָר טאָמער ווער איך ביי זיך צו גדול,
פאַטש מיך גלייך אַרונטער,
פאַרטרויעריק מיינע אויגן,
ווען איך ווער צו טענצלדיק און מונטער.
באַהיט מיך פון צו ווערן אַ זנאַכער,
אַ היילער, אַ טיילער פון קמיעות,
אַ פרעפלער פון שטומע ווערטער,
וואָס זיי אַ חכם און פאַרשטיי עס.

זע כ׳זאָל זיך צופיל נישט בלאָזן,
און ווערן אַ הייליקער אינדיק,
טאָמער זעסטו איך ווער אַ קדוש,
מאַך מיך אַ טראָפעלע זינדיק.
מאַך מיך פאַר אַ פשוט מענטשל,
און גלויב מיר, כ׳וועל זיין צופרידן,
ווייל ס׳איז גאָר נישטאָ קיין שענערס און בעסערס
פון אַ פשוטן וואוילן יידן.

אַ גוט-מאָרגן דיר, רבונו דעלמא,
כ׳גרוים דיין נאָמען און איך בענטש.
אַזוי דאַוונט צו דיר, גוט-ברודעריש,
אַ פראָסטער, זמאָסטער מענטש.
כ׳נעם אָן אַלע דיינע חסדים.
אויף אַלץ וואָס דו באַשערסט מיר בין איך קאַפּאַבל.
מיט פרייד וועל איך זיין אַ נותן,
און כ׳בין נישט צו שטאָלץ צו ווערן אַ מקבל.
און שפּאַנען וועל איך היינט, שפּאַנען און שפּאַנען,
ביז ס׳וועט זיך הערן אַ בת-קול פון דיין פענצטער.
פון אַלע קליינע, פּראָסטע מענטשעלעך,
ביסטו, בראַצלאַווער, דער פּראָסטסטער און דער קלענסטער.

דער בראַצלאַוער זינגט ניגונים

א

מ׳רעדט אויף מיר — כ׳בין אַ בעל גאווה.
גוט אַזוי, כ׳וועל דיר געבן דעם טעם דערפון,
זאָגן וואָס דער זין איז.
אוודאי בין איך גרויס.
כ׳לאָז נישט אַרונטער קיין שמינית.
אָדם אַ מענטש, קאַטשקע־ריר־זיך.
איך בין קאַטשקע־ריר־זיך.

דער בראַצלאַווער צו זיין סופר

פונוואַנען קומט צו מיר מיין גאווה?
פון מיין פייערדיקער אמונה, פון פאַסטן גאַנצע וואָכן,
פון מיין פאַרלאָזן זיך אויף זיין ליבן נאָמען,
פון מיין אייזערנעם בטחון.
אין דעם בעל־כרחודיקן צוזאַמענהאַלט —
גיב אַ בלאָז און ס'צעפאַלט —
פלאַקערט אמונה, ברענט בטחון.
גיב אַ קוק אויף מיין געשטאַלט —
אָדם אַ מענטש.
ווי זשע זאָל איך נישט זיין ביי זיך משה גרויס?
אַז סך הכל וויים איך, ווי נישט איך בין.
ווי קליין איך בין, ווי פליג איך בין.
אַז מ'שמועסט — אדם א מענטש.
איך בין דער אמתער —
קאַטשקע־ריר־זיך.

ב

פונדערווייטנס ווינקען שטילערהייטן.
סוף כל הדברים, אוים און אויסער.
קליין און קלענער דער גרעסטער גרויסער.
קליין און קלענער, נישט און נישטער,
זען ווערט בלינדעניש,
בלינדעניש — פאַרשווינדעניש.
פון אַלצדינג און אַלעמען אַן אָפּגעווישטער.

איז פאַראַן דערצו אַ תרופה?
אַ לאַמטערנען.
דאָס קליינע לאַמטערנען,
וואָס אַ יינגעלע
איז דערמיט געגאַנגען,
כעלות הבוקר,
אין חדר אַריין לערנען.
דאָס לאַמטערנען ברענט אין אַ יידיש אינגעלע,
ווי אַ נר תמיד.
ס'הערצל ווערט אַ לאַמטערנען.
וואַקסט דאָס יינגעלע,
וואַקסט דאָס יידעלע,
וואַקסט דאָס לאַמטערנען,
וואַקסט דאָס ליכט — אַ גרויס ליכט.

גייט זיך אַ טויט יידעלע
מיט אַ לאַמטערנען,

אין אייביקן חדר אַריין,
אַן מורא תורה לערנען,
דעם פּחד שרעקט ער,
די מורא ווערט אָפּגעמעקטער.
ער גייט שטאָלץ, לא אירא רע.
אוי, לא אירא רע,
כאָטש אין טאָל פון טויט־שאָטן
גיי איך.
דאָס טויטע יידעלע זינגט זיך למנצח.

ג

כ׳בין אַ גוטער ייד, אַ גוטער ייד,
וואָס באַטייט עס?
געכאַפּט און זיך אַליין אָנגעטאָן אַ כתר.
און ווער ווייסט נאָך פון מיר בעסער,
ווי שווער ס׳איז צו זיין אַ גוטער ייד.
אוי, טשירי באָם, אַ גוטער ייד.

אַ גוטער ייד, פּשוטו כמשמעו,
מיינט אַ ייד מיט גוטסקייט,
אַ ייד מיט האַרציקייט,
אַ ייד מיט ליבשאַפט,
אַ ייד מיט פרומקייט,
מיינט, טשירי באָם,
מיינט זיין אַ גוטער ייד.
בין איך אַ גוטער ייד?
אוי ווי, טשירי באָם.
קאָן אויף מיר געזאָגט ווערן
אַז כ׳בין אַ גוטער ייד?

און וואָס מיינט איד אַליין?
וואָס מיינט אַ יידעלע?
טשירי באָם, טשירי באָם.
וואָס מיינט אַזוינס זיין אַ יידעלע?
ס׳מיינט דאָך, גוואַלד, ס׳מיינט דאָך,
טשירי באָם, טשירי באָם.
ס׳מיינט דאָך — כולו גוטסקייט,
כולו האַרציקייט,
כולו ליבשאַפט,
כולו פרומקייט,
אוי, ס׳מיינט דאָך זיין אַ ייד.

כל ימי חייך — זיין אַ ייד.
מיט אַלע דיינע חושים זיין אַ ייד.

וואָס זשע באַטייט פּאָרט אַ גוטער ייד?
וואָס פּשוטער, וואָס פּראָסטער,
וואָס קלענער, וואָס וואַרעמער,
וואָס בעסער,
וואָס האַרציקער,
וואָס ליבער, וואָס פרימער,
טשירי באָם, טשירי באָם,
מיינט זיין אַ גוטער ייד.

נו, בין איך אַ גוטער ייד?
אוי וויי, טאַטע געטרייער, בין איך אַ גוטער ייד?
טשירי באָם, טשירי באָם,
בין איך אַ גוטער ייד?

ד

גרויסער גאָט, גיב מיר כוח צו זען
אַלע צרות וואָס וועלן קומען אויף יידן,
כדי מיין האַרץ זאָל ווי אַ שערבעלע צעבראָכן ווערן
אויף שטיק־שטיקלעך.
כדי איך זאָל זיין אַ משתתף,
אַז ס'זאָל מיך גאָרנישט פאַרמיידן,
אַז כ'זאָל פאַר אַלץ ליידן.
כי אתה יודע, ווער נאָך ווי דו ווייסט,
מיט וויפל פורעניותן
ס'וועלן דיינע קינדער געפּרוּווט ווערן.
פאַרוואָס זאָלסטו מיך שוינען,
פאַרוואָס זאָלסטו מיר נישט באַשערן?
פאַרוואָס זאָלסטו מיך נישט שלאָגן,
מיט אַלץ צוביסלעך באַלוינען,
פון דיין אומענדלעכן שטראָף־חסד?
פון דיין גרויסן שטראָף־שפּייכלער?
פאַרוואָס זאָלסטו נישט עפענען אַ פענצטערל
און מיר אָפּגעבן מיין חלק?
זאָל דאָס זיין אַ שטיק פון מיין עולם הבא.
גיב אַ לייג אַרויף אויף מיינע פּלייצעס,
אחת ואחת,
כ'וויל האָבן דעם נחת.
אַז ס'האָט מיך גאָרניט אויסגעמיטן,
אַז האָסט מיך פון גאָרנישט געטאָן פאַרהיטן.

דער בראַצלאַווער צו זיין סופר

יעקב גלאַטשטיין

ה

כ׳האָב זיך אויסגעשניצט אַ וואַנדער־שטעקן.
דורך וויסטע מדבריות גיי איך.
דורך ווילדע וועלדער שפּאַן איך.
חיות רעות ווילן מיך פאַרצוקן,
גזלנים ווילן מיך באַפאַלן.
מיטן וואַנדער־שטעקן שפּאַן איך
קיין ארץ־ישראל.

קומט מיר אַנטקעגן אַ ייד אַ דעמב, אַ גבר,
אויך מיט אַ געשניצטן וואַנדער־שטעקן.
שלום, זאָגט ער, ווי גייט עס אַ ייד אַליין?
איינינקער אַליין? אין צווייען איז דאָך היימלעכער.
גייען מיר שוין ביידע.
דורך וויסטע מדבריות גייען מיר.
דורך ווילדע וועלדער שפּאַנען מיר.
אַנגעלענט אויף וואַנדער־שטעקנס
ציען מיר,
גלייך קיין ארץ־ישראל.

ערשט, כ׳גיב אַ קוק, פון ייד
איז געוואָרן אַ מנין.
פון מנין אַ שטעטל,
פון שטעטל אַ גאַנצע וועלט מיט יידן.
און אַלע לאַכן,
און אַלע טאַנצן מיט די וואַנדער־שטעקנס.
און אַלע זינגען,
און ארץ ישראל האָט נישט קיין געדולד צו וואַרטן.
קומט זי אויך טאַנצנדיק אַנטקעגן.
שלינגט איין די ווילדע וועלדער,
די וויסטע מדבריות,
שטילט איין די חיות רעות,
טרייבט אַוועק די גזלנים.
און מיטאַמאָל ווערן פון אַלע וואַנדער־שטעקנס
ביקסן און שווערדן.
און אַז די כלי־זיין האָבן זייערס געטאָן,
ווערט פון זיי פריילעכע גראָב־אייזנס.
און די גראָב־אייזנס זינגען הלל.

און דאָס איז נישט קיין מעשה,
נאָר אַ זעאונג,
ווי איך זע דיך איצטער, נתן.
בנאמנות.

דאַווענען מנחה

כ׳וועל דיר מגלה זיין אַ סוד, נתן,
דאַווענען מנחה דאַרף מען קענען.
ס׳איז אַ באַ׳טעמ׳ט שטיקל דאַווענען.
גייסט זיך אויף גראָז,
קיינער יאָגט דיך נישט, קיינער טרייבט דיך נישט.
גייסט אַקעגן דעם בורא
מיט געשאַנקען אין ריינע, לײדיקע הענט.
די ווערטער זענען גאָלד,
זייער טייטש איז לויטער,
ביסט זיין מכוון ווי זיי וואָלטן דיר געקומען אין מויל
צום ערשטן מאָל.

דאַווענען מנחה,
אַ קליינינקייט אַביסל — דאַווענען מנחה.
נתן, אויב דו שפּירסט נישט
אַז דו ווערסט ביי זיך אַביסל געהויבן,
דאַוונסטו נישט קיין מנחה.
דער ניגון איז לויטער פּראַסטקייט,
אָבער ווער, אויב נישט דו,
לייגט צו אַ שטיקל האַנט
צו דעם וואָס דער טאָג נידערט?
אויף דיינע פּלייצעס ליגט אַ גרויסע אחריות.
נעמסט אַ געשאַפענעם טאָג
און באַהאַלטסט אים
אין דער גניזה פון לעבן,
וואו עס ליגן אַלע אָפּגעלעבטע טעג אונדזערע.

דער טאָג גייט אונטער שטיל מיט אַ נשיקה.
ער ליגט ממש ביי דיינע פּיס
וואָס שטייען שמונה עשרה.
דו קענסט גאָרנישט באַשאַפן, אָבער, דו, מנחה־ייד,

דער בראַצלאַווער צו זיין סופֿר

יעקב גלאַטשטיין

די גאָלדענע קייט

קענסט דערפֿירן אַ טאָג
צום סאַמע סוף און דערזען
דעם שמייכל פֿון באַשיינפּערלעכן אונטערגאַנג.
שפּירן ווי גאַנץ ס׳איז אַלץ,
נישט געמינערט אויף אַ רגע,
ווי דו עלטערסט זיך מיט טעג
וואָס זענען כסדרדיק דאָ.
ברענגסט דיינס אַן אָפּגעלעבטן טאָג —
אַ מנחה צו דער אייביקייט.
וואָס האָבן דען געטאָן אונדזערע אבות,
ווען זיי זענען אַרויס אין פֿעלד
אָוועקשפּאַצירן אַ דאַווענען?

כ׳האָב אַמאָל געפֿאַסט תעניתים, נתן,
געפּראַוועט סגופֿים,
זענען אַמאָל ביי אַ מנחה-דאַווענען
אויפֿגעגאַנגען אין מיר שפּאָטישע רייד.
ס׳קול איז געווען דעם זיידנס —
אַ קונץ צו דערקענען זיין קול!
וואָס האָסטו זיך אַזוי צעפֿאַסט?
וואָס האָסטו אַזוי צעפּייניקט דיין גוף,
טאָמער האָט ער דיר אַמאָל געשאָנקען
אַ כזית פֿאַרגעניגן?
אַ שענערן פֿון דיר לייגט מען דאָך אין קבר אַריין.
וואָס האָסטו געטאָן צו דיין צורת-מענטש?
וואָס האָסטו אַזוינס אָנגעזינדיקט, משטיינס געזאָגט?
ווער מען מאַכסטו אַ מענטליק מיט דיינע עבֿירות?
וואָס האָסטו פֿון זיך געריסן פֿאַסן,
אַז האָסט אַפֿילו קיין כּח נישט
פֿאַר הרהורי תשובֿה,
שיינער בעל-תשובֿה מיינער?
אַ געזונטער און פֿעטער צדיק גמור
קען דאָך דיך אומוואַרפֿן מיט אַ נאָס.

נתן, גלייך נאָך מנחה האָב איך טועם געווען
און געזאָגט אַזוי צו זיך:
דאַרפֿן דאַרף איך דורכקומען מיט דעם הימלשאַפֿט
בנוגע דעם ווערט פֿון מיינע מצוות.
אַ מצווה אַרויף, אַ מצווה אַראָפּ,
אַ רענדל-דינגעניש.
אָבער מיט מיינע קליינטשיקע עבֿירות
דאַרף איך זיך נישט גרויסן.
מ׳דאַרף זיין אַ מענטש
און זיך אַליין קענען פֿאַרגעבן.

דער בראצלאווער גיט ארוים א תשובה

איידער דו האסט אנגעוואוירן די רחבות
פון דיין שטילער, אפגעפוצטער ענגשאפט,
דעם נאמען ווי גוטן אייל,
וואס דו האסט פאראיבריקט,
דו פריינט וואס צו זיי האסטו דיך דערנידריקט,
האסטו געטראגן דעם דלות
ווי א קמיע אויפן האלדז
און נישט ווי א יאך.

ס'ליגט דיר נאך אוודאי אויף דער צונג דער טעם פון שווייגן
און פון פארשווייגן זלזולים,
איידער דו האסט פארלוירן דיין מעמד,
דעם גאנצן געשפאן,
די אדלערס, די וואס האבן דיך געטראגן
בארג ארויף צו גדולה.

דיין האנט איז געווען ריין,
דיינע מחשבות באזוימט מיט שמחה.
דיין געזאנג צום בורא עולם
איז געווען דער צימרינג פון דיין יחירות.
א קליין פענצטערל האסטו פארמאגט,
צו די חידושים פון געטלעכן דרויסן.

וואס זשע בין איך אויסן?
וואס איז די חשיבות פון מיינע רייד?
ביסט נישט געווען שפארזאם מיט דיין עניוות.
האסט עס פארשווענדט אויף אלע געמארקן.
עניוות איז א טייער פארמעגן,
וואס מ'דארף וויסן ווי זיך
דערמיט צו באגיין.

ברענגסטו עס אוים
אויף נישט דיינס גלייכן,
אויף נידריקע מענטשן,
בלייבסטו אליין, נאקעט,
פאר'דלותט, צעטראטן.
שפילסט מיט אלעמען אין ווערפלעך,

זינגסט מיט זיי פריילעכע לידער.
טראָגסט אַנטקעגן דעם צעקנעפּלטן,
גוטן גוטמאָרגן,
טוישט זיך אויס, פאַרשווענדסט זיך,
ווי אַ ליאַדע אויסברענגער.
דערפאַר זאָג איך נאָך אַמאָל.
עניוות פראַווען דאַרף מען מיט זיינס גלייכן.
מיט דערהויבענע, מיט גדולים,
וואָס פאַרשטייען די טעמי הנגינה
פון שווייגן און פאַרשווייגן.

וואָס־זשע האָסטו איצטער פון דיין גאַנצער עניוות?
ביסט געבליבן שטיין אָדם־נאַקעט
צווישן ליידאַקעס.
זיי האָבן פון דיר אַראָפּגעריסן
דאָס שטריימל, די הויזן,
דיינע מענטשלעכע בגדים,
דיך מבייש געווען,
פאַרפּייפט דיין געזאַנג,
האָסט אָנגעוואוירן דיין עשירות
פון עניוות.
ביסט געבליבן פאַרשעמט
צווישן יונגאַטשעס,
וואָס האָבן צעפּלינדערט דיין פריינטשאַפט.

ברח, אַנטלויף פון זיי.
זאַמל צוריק אַן אַזויפיל געזאַנג,
וויפל ס׳איז דיר נאָך באַשערט.
הויב אויף הויך דעם קאָפּ,
טו אָן אַ ריינע קאַפּאָטע.
גיי זיי פאַרביי מיט גדלות,
דערקען זיי נישט.
קוים דערשפּירסטו אין האַרצן
אַביסל אייגנס,
ווער אַ בעל גאווה
מיט אַ פאַררייסענעם קאָפּ.

מיט דיין עניוות זיי שפּאָרוזאַם,
מ׳טאָר אויף דעם נישט זיין קיין וותרן,
זאַמל עס אין אַ גילדן טאַבאַק־שקעטעלע.
אייגענע, גרויסע, ליכטיקע מענטשן,
גיב דערפון אַ שמעק־טאַבאַק,
ווען דו וועסט קומען צו זיי
גוט שבת ביטן.

פאַראַן אַזאַ געקעכץ װי הונגער

װי אַזױ קומט דער לאָבן ברױט אױף מײַן טיש, נתן?
פאַרװאָס האָב איך קײנמאָל נישט געטראַכט דערפֿון?
כ׳שטײ אױף, גיב אַ טרילער אַף ס׳דאַװנען װי אַ פֿײגעלע
און ס׳ליגט שױן מײַן קרישקע.
בײני לביני פֿיל איך אָן די קישקע.
װאָס בין איך פֿאַר אַ מיוחס?
פֿאַראַן אַזאַ געקעכץ װי הונגער —
פֿאַרזוך עס.

נו, אַװדאי, װעסט זאָגן,
כ׳פֿאַסט געװנוג תעניתים.
אָבער דאָס זײַנען דאָך נישט קײן תעניתים פֿאַרן מאָגן,
נאָר כלומרשט פֿאַר גאָט.
כ׳װעל אָנהױבן פֿאַסטן פֿאַרן הונגער,
פּשוט פֿאַר הונגער.

183

דער
בראַצלאַווער
צו זיין
סופר

יעקב גלאַטשטיין

פון מיין גאַנצער מי

כ׳וויל שליסן אַ בונד
מיט אַלע הונגעריקע, אַ ברודערשאַפט.
די אַלע תעניתים האָבן ניט קיין האַפט.
מחמת זיי זיינען דאָך פאַר דער אייגענער נשמה.
אָבער דער גוף בלייבט ליאַבעס מיט שמאַטעס.
מ׳פרעגלט זיך אין נחת פון גרינגע מצוותלעך
און מיר מיינען — חי מיר לעבן.
מיר טובלען זיך כלומרשט אין איידלקייט
און מיר לאָזן זיך פאַרגרעבן.
ס׳איז דאָך אַ תענוג זיך צו לייטערן
און זיך דערווייטערן פון עולם הזה.
מיר כאַפּן פערד און וואָגן,
און היידאַ — אַוועקגעפאָרן פון מאָגן.
מ׳האָט אַ טאָפּלטע הנאה:
אַוועקגעפאָרן נישט נאָר פון אייגענעם,
אויך פון יענעמס ליידיקן מאָגן.
והארץ, און די ערד, איז אונדזערס.
דער וואָס אַנטלויפט וויל זיך אַרויסדרייען.
מ׳קען די שטיק. אויסגעשטאַנען שמונה עשרה,
איז געגאַנגען צוריק
צו ערד, צו אומגליק. עפן די אויגן, פרומאַק,
זע וואָס טוט זיך אַרום דיר.
טו אויס דעם טלית, טו אָן אַ טרויער-זאַק.

כ׳וועל פאַסטן אין גוף אַריין
און פאַלן נאָך נידריקער פון עולם הזה.
אַז דאָס שטיקל פאַסנע ברויט זאָל ווערן
ס׳טעלערל פון הימל.
כ׳וויל ווערן אַ הונגעריקע חיה,
וואָס וויל פאַרצוקן.
כ׳וויל זען וויפיל מ׳קען מיר געטרויען.
כ׳וויל דערגיין צום נסיון פון הונגער,
דערפילן וואָס פאַר אַ צדיק
אַ הונגעריקער מענטש איז,
וואָס נעמט נישט אַ מעסער אין האַנט
און ווערט נישט קיין גזלן.
נתן, לאָמיר זיך צולאָזן אַביסל צרות, אַביסל צער.
אדרבה, לאָמיר נישט פאַר׳מזל׳ען אונדזער לעבן,
לאָמיר נישט שינדן שטיקער עולם הבא
אַפילו פון הונגער.
לאָמיר זינקען טיפער, אין גוף-הונגער
און אָפּגעבן אַ דינסטיק, אַדער גאָר

דער בראַצלאַווער צו זיין סופר

אַ פראַסטן מיטוואָך
פאַרן הונגער פון מענטש,
און נישט דאַוונען,
נאָר אַ גאַנצן טאָג שטומען,
און שפּעטער בענטשן מזומן,
ביי אַ פאַרשעמטן טיש.
איך, דו, ער, דער הונגעריקער מענטש.

געקומען איז ער צו מיר, כ'זאָל אים עפענען די טויערן פון הימל,
אַ שוואַרצער, אַ קויטיקער, אַ פאַרפינצטערטער,
געקומען צו מיר איך זאָל אים מבטיח זיין פרנסה,
פאַרן ווייב, פאַר די פיר קינדערלעך.
נתן, ס'רעדט זיך אַזוי פרנסה.
ברויט. ברויט, ברויט.
דער זעלביקער לאָבן וואָס דערקייקלט זיך צו מיין טיש,
רייצט זיך מיט זיין שטוב,
פאַרשעמט זיין טיש, פאַרשעמט זיין ווייב,
פאַרקלעמט דאָס געלעכטער פון זיינע קינדער,
איז מבייש גאָט אַליין,
פאַרטונקלט די הימלען, פאַרקויטיקט זיי.

ער האָט קוים געקענט עפענען ס'מויל דער פאַרפּאַטשטער
בן אדם.
און איך בין געווען אומגליקלעך־זאַט.
געדאַרפט האָב איך אים געבן אַ שיסל וואַסער
פאַר די ברודיקע פיס,
אים אָוועקזעצן אויבנאָן ביי מיין טיש,
אָדער אפשר פירן זיינע קינדער ווי בערעלעך,
מאַכן קאַטאָוועסדיקע האַוויעס,
ווערן אַ קונצן־מאַכער, שלינגען שווערדן,
גיין פון דאָרף צו דאָרף צווישן גויעס,
זיך שטעלן אויפן קאָפּ,
אַבי צו שפּייזן די קליינע מיילעכלעך.
און איך בין געווען אומגליקלעך־זאַט,
און איך, נתן, בין געווען אומגליקלעך־זאַט.

ס'הייסט, כ'האָב גראָד געפאַסט,
אָבער זאַט בין איך געווען מיט זיך אַליין,
מיטן אייגענעם תענוג פון מתקן זיין זיך אַליין,
איך, אַן אַריבערגעשפּרייזטער,
איבער די צרות פון גוף,
האָב געמיינט כ'בין אין די עולמות העליונים.

און דאָ קומט אַ בן־אָדם,
פֿאַר װעמען ברױט איז הימל, גן עדן,
ברױט, נתן, דער העכסטער פּשט פֿון לעבן.
און איך בין געװוּן אומגליקלעך־זאַט,
מיט זיך אַלײן, פֿון אײגענע מצוות.

זינג מיר נישט קײן לידעלעך פֿון הונגער,
זאָג מיר נישט קײן טראַװערדיקע רײד,
דערצײל מיר נישט קײן מאָראַלישע מעשהלעך.
זײ טױגן אַלע אױף טױזנט כּפּרות.
קענסטו דאָס געזאַנג פֿון בױך־גרימעניש,
פֿון לײדיקע קישקעס,
דאָס געזאַנג פֿון דער פֿאַרלעדערטער צונג,
פֿון דעם עיפּושדיקן מױל,
װאָס זײַן אײנציק קײעכץ
איז שלינגען אײגן שפּײעכץ.
מוחל, זינג מיר נישט קײן לידער.
מענטשן האָבן שלום געמאַכט מיט די לידלעך,
זײ אָנגענומען פֿאַר ליב.
יענעמס הונגער, יענעמס נױט,
גראַמט זיך מיט אײגן ברױט.
רעװוע, נתן, בריל, גרילץ,
ביל, האַװקע.
לאָמיר קריכן אױף אַלע פֿיר
און ברומען װי הונגעריקע חיות.

אױף יענער זײַט פֿון װײנענדיקע װערטער,
זײַנען דאָ רײד אַזעלכע
װאָס דאַרפֿן קענען שפּאַלטן קעפּ,
מיאוס מאַכן דאָס לעבן,
אפֿשר שפּאַלטן הימלען.
אדרבה, לאָמיר זען װאָס פֿאַר אַ רעש
ס׳װעט מאַכן אַז ס׳װעט אַרױף
אונדזערם אַ תּענית,
נישט פֿון פֿרומען װאױלטאָג,
נאָר אַ פּשוטער, פֿון די אײגענע לײדיקע געדערעם.
נישט קײן יום־כּפּור, נאָר אַ פּראָסטער דינסטיק.
דער בראַצלאַװער פֿאַסט פֿאַר דער הונגערשאַפֿט פֿון מענטש.

איז ער געזעסן בײַ מיר און געװײנט,
כ׳זאָל אים עפֿענען די טױערן פֿון פּרנסה.

דער
בראַצלאַווער
צו זיין
סופר

טויערן? עפּענען דאַרפן מיר אונדזערע אייגענע פאַרשטאָפּטע
הערצער.

מיר פאַסטן כלומרשט פאַר עולם הבא.
מיר מאַכן זיך נאַריש,
מיר האַלטן נאָך אַפילו נישט ביי עולם הזה.
ביזקל מיר דערפילן נישט דאָס היהשע געזאַנג
פון לײדיקן מאָגן,
אַזוי לאַנג ווי איין מענטש הונגערט,
איז נאָך, במחילה, אַ ווייטער קלעטער,
אַפילו צו עולם הזה.
ס'איז נאָך אַפילו נישט די וועלט,
ס'איז אַ פאַרבלענדעניש,
די אַלע כלומרשטע תענוגים פון זאַטן מענטש,
די אַלע כלומרשטע הנאות,
דער תענוג, משטיינס געזאָגט, פון עבירות,
אַ פאַרבלענדעניש, אַ פאַרבלענדעניש,
פאַר וויסטע מעלה גירהס.

איז ער געזעסן און פאַרמאַכט די אויגן,
און פון די פאַרמאַכטע אויגן
האָט ער אַרויסגעקוועטשט טרערן,
אַרויסגעשלאָגן זיי פון צוויי האַרטע שטיינדלעך.
און איך בין געווען אַ געדאַווונטער,
אַן אָנגעפּרעסענער מיט תורה,
מיט מעשים טובים אַן בויכווייטיק.
און ס'גאַנצע פאָלק ישראל
איז געווען געדאַוונט
און גוט באַהאַוונט אין די קליינע פינטעלעך.
ער האָט אין מיין חדר געוויינט דאָס געוויין פון ברויט.

אוודאי איז דאָס גוף, אָבער ס'הויבט זיך אָן פון דעם.
ס'האָט זיך נאָך נישט גערירט פון אָרט.
דער וואָגן שטעקט נאָך אַלץ אין דער בלאָטע.
ס'הייבט זיך אָן פון גוף.
ניין, אברהם האָט נישט צעהאַקט אַלע אָפּגעטער.
מיר דינען נאָך צו זיי.
אַ שיינער הימל, גראָז, ביימער, גרינע בלעטער,
ס'איז אַ וועלט פון שקר.
דערשראָקענע, מאָגערדיקע;
זע, ווי מאַסנווייז זיי קומען
צו די פענצטער פון בעקער.

זע, די משוגענע נאָזלעכער ווי זיי שמעקן
אויוון-בלומען.

נתן, מיר זיינען גוט אין דר'ערד מיט די ביינער.
מיר האָבן די העזה צו מיינען,
אַז מיר טענה'ן זיך אוים מיטן ריבונו של עולם.
אָבער ער האָט דאָך אונדז די גאַנצע ערד פאַרטרויט,
און מיר ליגן ניין קלאַפטער אונטער אַ לאַבן ברויט.
דו ווייסט וואָס דאָס באַטייט?
מיט אַלע שרצים, מיט אַלע ווערים,
מיט אַלע ראָקעס,
מיט אַלע פיש, מיט אַלע חיות.
מיר דאַווענען כלומרשט און בעזעמען זיך מיט אַ תפילה.
איי, אַ מחיה, ווי אין אַ מרחץ.
אָבער איבער אונדזערע תפילות
טראָגט זיך דער געבריל פון הונגעריקן מענטש.
אין אונדזערע תפילות
ווערט אַריינגעגראָגערט דאָס געשריי —
ברויט. ברויט. גאָט-ברויט.
הימלען-ברויט. שטערן-ברויט.
די געשרייען ווערן די צעטרייבער פון די תפילות.
און טאָמער איז עס נאָך נישט ביטער גענוג,
יאָמערן נאָך אַריין אין דעם הונגעריקע ווייבער.
און טאָמער איז נאָך נישט גענוג פינצטער,
וויינען אין דעם אַריין הונגעריקע קינדער.
נתן, זעסטו שוין אַצינדער,
וואָס פאַר אַ מחק ס'ווערט פון אונדזערע תפילות,
וואָס פאַר א פעולה זיי האָבן.

איז ער געקומען צו מיר און געוויינט.
עפן די טיר, נתן, און דו וועסט אים נאָך זען דאָרטן.
ער האָט נאָך כוח צו שטיין און דאַווענען מנחה.
ווי קענען מיר גאָר פאַרשטיין אַזאַ גרויסקייט?
עפן די טיר, קוק אים אָן,
באַטראַכט אים מיט הקירהדיקע אויגן,
דו ביסט כלומרשט דער פרייער מענטש.
אַנטקעגן זיין הונגעריקער מנחה,
איז אונדזער דאַווענען, תורה לערנען,
סיווי ווערט אָן אויסגעבלאָזן איי.

נתן, עפן די טיר.
לאָמיר ביידע קריכן צו אים אויף אַלע פיר.

הער און שטוין

הער און שטוין, נתן.
כ׳בין דיר מוחל דעם לוין
פון פעטסטן שטיק לויתן,
אויב מ׳זאָל פון מיר צונעמען
מיין שענסטע קרוין — דאָס וואָרט.
דאָס איז דיר דער מוסר השכל.
איך בין אַ פלוישער, אַ ריידער.
גלויב מיר, נתן, נאָר אין רייד, נאָר אין אַ געשמאַק ביסל באַריידן
פילט מען אַמאָל טעם גן-עדן.
וויפיל מאָל האָב איך דיר געבויערט די אויערן,
און דו שרייסט — ווילסט אַלץ ניט אַרוים קיין פרייער.
איי, טייער שעבעטייער,
גיב-זשע אַהער דיינע קנעכטיקע אויערן,
פאַר מיינע נעכטיקע טעג,
און איך וועל דיר דערציילן אַזוינס און אַזעלעכס.

כ׳זיץ אַזוי אויף אַן אייזעלע, אַ פאַמעלעכס,
הוידע זיך אַרויף-אַראָפ.
מיטאַמאָל דערלאַנגט זיך ס׳אייזעלע אַ שטעל אויף
און גיט מיך אַ שאָקל אַרונטער.
אַרום און אַרום איז אַ חושכניש.
ס׳אייזעלע איז פון מיר אַוועק,
ווי איינער רעדט:
אַצינדערט ביסטו דער חכם בלילה.
און דו, נתן, האָסט באַדאַרפט זען אַ בלילה,
אַ שטאָק-פינצטערניש, אַ וימש׳דיקייט,
טאַפ ווי אַ בלינדער אין סמאָלע.
נאָר-וואָס אַ רייטער און פלוצים אַזאַ וויסטע מפלה.
באַפאַלט מיך אַ פחד און כ׳וויל שרייען גוואַלט,
שפּראָצט פון דער חושכניש אַרוים
אַ וואולקולאַקיש געשטאַלט.

דער בראַצלאַווער צו זיין סופר

יעקב גלאַטשטיין

פון מיין גאַנצער מי

מאָל דיר, פאַר די לייט
האָב איך נישט קיין מורא.
ווער זיינען די לצים, אויב נישט מיאוסע מחשבות?
איז פונקט ווי דו האָסט זיי אָנגעטראַכט,
גיסטו אויף זיי אַ בלאָז, גיסט זיי אַ צעטראַכט,
און זיי צערינען אין דער נאַכט.
נאָר דער חברה־מאַן הוסט אויף מיר מיט פייער.
כאַפּט מיך ביי דער האַנט און פירט מיך.
אוי, גיב איך אַ זאָג — ס'איז אַ מיאוסע מעשה.
ענטפערט ער מיר אָפּ ווי אַ ווידערקול:
אַ מיאוסע מעשה.

שווייג איך שוין אין געהאַקטע צרות,
כ'האָב פיינט אַז מען לייענט מיר מיינע געדאַנקען.
ברומט ער פאַר זיך אַליין:
געדאַנקען.
מיטאַמאָל עפנט ער דעם פייערדיקן פיסק
און זאָגט אַזוי:
פאַרנעם און כ'וועל דיר זאָגן וואָס מיט דיר האָט געטראָפן.
ס'אייזעלע איז געווען אַלץ
און ס'אַלץ איז פון דיר אַוועקגעלאָפן.
איצט ביסטו אַלצלאָז אויף דער וועלט.
ס'זיינען אַוועק פון דיר אַלע דיינע פאַרלאַנגען,
אַלע דיינע געזאַנגען,
ס'זיינען אַוועקגעשפּרונגען פון דיר אַלע דיינע ערטער,
אַלע דיינע ווערטער.
אויך ווערטער? — טראַכט איך — אַ מיאוסע מעשה.
ווי מיינסטו? ברומט ער מיר נישט נאָך —
אַ מיאוסע מעשה?

גיב איך אַ סטראַיע אָן דעם גאָרגל,
גיב אַ פיר מיט דער צונג ווי אַ סמיטשיק.
כ'וויל געבן אַ רעווע אויס אַ וואָרט.
אָבער ס'קומט אַרויס אַ חלשותדיקער קוויטשיק,
עפּעס ווי אַ שטומע אישה, באַשערעמט זאָל מען ווערן.
ס'מויל, דער האַלדז, דער גאָרגל,
אַלץ איז ווי געשוואָלן.
כ'האָב שוין מורא צו טראַכטן — אַ מיאוסע מעשה,
כדי דער לץ זאָל מיך נישט ווידערקולן.

גיי איך שוין אין געהאַקטע צרות.
פלוצים פירט ער מיך צו אַ ליכטיקן טויער,

דער בראַצלאַווער צו זיין סופר

און גיט אַ זאָג: דאָ איז דער גן־עדן,
מאַרש אַריין!
איך שטיי ווי אַ ליימענער גולם.
דערלאַנגט ער מיר אַ בריק, אַז כ׳האָב דערזען דעם עלטערזיידן.
איז דאָך דאָס אַ ווערטל — האַ?
אָבער מיין עלטערזיידע איז בפירוש עפּעס מער ווי אַ ווערטל.
שטייט ער אויף אַ ליכטיק ערטל, ווי אויף אַ בערגל.
גלעט זיך די באָרד און לאַכט.
האַ, ווי געפעלט דיר עפּעס?
דער בראַצלאַווער — אַ שותק.
ער קנאַלט פון געלעכטער.
און ס׳ענטפערט אים אָפּ מיט אַ פייערדיקן הוסט,
מיין וועכטער.
וואָס וועסטו טאָן מהיום והלאה?
נישטאָ קיין מעשות, נישטאָ קיין פזמונים,
ביסט נעבעך גאָלע.
ביסט אַ שטומער אין גן־עדן.

מיטאַמאָל האָב איך דערזען אַ בוים,
ממש ווי מ׳דערזעט משיחן.
כ׳האָב גענומען צו אים קריכן,
זיך אָוועקגעשטעלט, מיט אַלע כוחות זיך אָנגעהאַלטן,
געקראָגן גבורה פון אַ שמשון,
און גענומען מאַכן אַזעלכע ליאַרעמס,
אַזעלכע יעלות,
אַזעלכע גוואַלדן,
אַז דער אַלטער האָט אָנגעהויבן שרייען:
שאַ, בראַצלאַווער, זאָל זיין שטיל.
ס׳איז פאַרטאָג, וועסט אויפוועקן די צדיקים פון שלאָף.
אוים שטראָף.
נאָדיר צוריק ס׳לשון, בראַצלאַווער,
רעד פאַר פייער און פאַר וואַסער.

ס׳האָט געגעבן אַ בליץ, אַ קנאַל.
פאַרשטייט זיך אַז אַראָפּגעפאַלן בין איך נישט פון אַן אייזל,
נאָר פון דער האַרטער באַנק אין בית המדרש.
וואָס גוילעמסטו מיט די אויגן?
האָסט נעבעך נישט געכאַפּט דעם מוסר השכל.
כ׳דערלאַנג דיר באַלד אַ פּראַסקל,
אַז וועסט מיך האָבן צו געדענקען.
זאָל איך קרענקען אויב איך וואָלט געוואָלט זיין
אַ שטומער אין גן עדן.
דאָ אויף דער זינדיקער וועלט —
ריידן און ריידן און ריידן.

שטראַלנדיקע ייִדן

רויך

דורכן קרעמאַטאָריע־קוימען,
קרויזט אַרויף אַ ייד צום עתיק יומין.
און ווי נאָר דער רויך פאַרשווינדט,
קנוילן אַרויף זיין ווייב און קינד.

און אויבן אין די הימלישע הויכן,
וויינען, בענקען הייליקע רויכן.
גאָט, דאָרט וואו דו ביסט דאָ,
דאָרטן זיינען מיר אַלע אויך נישטאָ.

דער מזבח

ניט אברהם האָט דעם מזבח געבויט,
ניט אַן אייגענער טאַטע האָט אים באַשערט דעם טויט.
ס'האָט אים צום מזבח געפירט אַ רשע, אַן אכזר.
אַ שטאָלצער איז געגאַנגען אַ ייד פונעם מחזור.
אָ גאָט, אין זכות פון זיין פרומען מאַמען,
וועט מען רייסן זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען.
אַ פּשוטן סוחר האָט מען אויסגעקליבן
און ווי אַ צדיק אים צום טויט געטריבן.
ווי גוט וואָס ער איז אין די דריבנע אותיותלעך באַהאַוונט.
איצט וועט ער אַליין אין סידור אַריינגעדאַוונט.
איצט וועט ער אין מחזור אַריינגעשריבן.
ער, דער זון פון אַ פרומען חייט,
וועט אַריינגעניגונט אין יום־טובדיקן פּאַיעט.

שטראַלנדיקע
יידן

פון מיין גאַנצער מי

יעקב גלאַטשטיין

נאַכטלידער

א

ס'שטרעקן זיך צו מיר מיליאָנען טויטע הענט.
זיי אונדז אַ לעבעדיקער מאָנומענט
פון אומגליק.
מיר וואָס זיינען נישט געקומען צו קבר ישראל,
לאָמיר זיין אין דיר באַגראָבן.
זאָל דיין האַרץ ווערן אונדזער ברידער־קבר,
און דיינע אויגן שפּיגלען פון אונדזערע יסורים.
זאָלן זיי דעם בונד מיט אונדזער טויט פאַרזיגלען.
דער געשריי פון יעדער פאַרפּייניקטן אבר
זאָל דיינע חלומות שרעקן
און פון פּחד־שלאָף דיך וועקן.
קלאָג אריין אונזער טויט אין דיינע לעבעדיקע מעת־לעתן.
לעב אונדזער טויט, דערהייב אים איבער אַלע פריידן.
ס'קענען אונדז נאָך, חלילה, גאַנצע יידישע דורות פאַרגעסן.
ווער דער מעבר־יבוק צווישן לעבעדיקן אייניקל
און פאַרברענטן זיידן.

ב

פרעמדע אויגן זעען נישט,
ווי אין מיין קליינעם חדר עפן איך אַ טיר,
און צווישן קברים הייבט זיך אָן מיין נאַכטיקער שפּאַציר.
(וויפל ערד, משטיינס געזאָגט, דאַרפן רויכן?)
פאַראַן דאָרטן טאָלן און הויכן
און באַהאַלטענע, פאַרדרייטע שטעגן,
וואָס קלעקן אויף אַ גאַנצן נאַכטיקן גאַנג.
אין דער פינצטער לויכטן מיר אַנטקעגן
פּה-נטמנס,
מיט אַ יעמערלעך געזאַנג.
ס'בליען קברים פון דער גאַנצער
פאַרטיליקטער יידישער וועלט,
אין די דלדל אמות פון מיין געצעלט.
און איך בעט:
זייט מיר אַ טאַטע, אַ מאַמע,
אַ שוועסטער, אַ ברודער,
קינדער אייגענע, לייבלעכע קרובים,
ווערט וואָר ווי צער,
פון אייגן בלוט און פלייש,
זייט צו מיר געשטאָרבן,
לאָזט מיך משיג זיין און אָנען
דעם חורבן פון מיליאָנען.

ווער האָט נאָך, ווי איך,
אַזאַ אייגענעם, ביינאַכטיקן,
טויטן גאָרטן?
וועמען איז נאָך דאָרטן אַזוי באַשערט ווי מיר?
אויף וועמען וואַרט אַזוי פיל טויטע ערד ווי אויף מיר?
ווען איך וועל שטאַרבן,
ווער וועט אַרבן מיין קליינעם בית-הקברות,
און דאָס ליכטיקע געשאַנק,
פון אַ נר תמיד'יק יאָרצייט ליכט,
אין אייביקן געצאַנק?

ג

וואָס זיינען מיר איצטער,
אַ פאָלק, אַ ראַסע, אַ גלויבן?
טאָמער וועט דיך עמעצער פרעגן,

שטראַלנדיקע יידן

וועך זיינען די מענטשן,
וואָס גייען דער וועלט אַנטקעגן,
מיט שווייגנדיקע אורנעס,
דורך נאַכטיקע וועגן?
וואָס באַטייטן זייערע פּנימער,
פאַרשעמטע, פאַרמעקטע?
דערצייל אים:
מיר זיינען אַ סעקטע,
אַ סעקטע אבלים.

אבלים, יסורים־אַרמייער.
מיר גייען, מיר גייען —
טרויער־מאַקאַבייער.
מיר גייען איבער דער וועלטס בפרהסיא,
מיר פירן אונדזער גרויסע לוויה־פּראָצעסיע.
זיי קומען ריי נאָך ריי.
לוויה איינס, לוויה צוויי, לוויה דריי.

מאַשין־ביקסן האָבן געקלאַפּערט.
קאַלך־אויוונס האָבן געפלאַקערט,
מ'האָט דאָס אַש אויף פעלדער גיך צעאַקערט.
אָבער לוויות ציען זיך געלאַסן.
מיר גייען פּאַמעלעך און פאַרוואָגלען די גאַסן.
מיר זענען די געדענקערס,
מיר קומען דערמאָנען,
מיר פירן, מיר פירן מיליאָנען.
צו דער לעצטער לוויה איז נאָך ווייט,
ווי ווייט.
מיר האָבן צייט, מיר האָבן צייט.

מיר האָבן נישט קיין געהיימען ריטואַל.
אַלע אונדזערע סודות זיינען גרוילן אַנטפּלעקטע,
אויב עמעצער וועט פרעגן,
זאָג אים, דערצייל אים:
מיר זיינען אַ סעקטע,
אַ סעקטע אבלים.
מיר מוזן אָפּגעבן כבוד דעם גאַנצן טויט,
ביז דאָס לעבן אַליין וועט ווערן דערהויבן.
מיר גלויבן,
ס'מוז אויסגעיאָמערט ווערן
דער לעצטער געקלאָג,
און דעמאָלט וועט ערשט קומען נאַכט,
און ס'וועט קומען טאָג —
ערשטער טאָג.

נישט די מתים לויבן גאָט

די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני,
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן.
נישט די מתים לויבן גאָט,
די תורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן.
און אַזוי צוזאַמען ווי מיר זיינען אַלע באַזאַמען
געשטאַנען ביי מתן־תורה,
אַזוי וואָר זיינען מיר אַלע געשטאָרבן אין לובלין.

דעם צעצווייגטן קאָפּ, די פרומע אויגן,
דאָס ציטערדיקע מויל פון אַ קליין יידיש קינד
וועל איך איינוואונדערן
אין אַזאַ פּאָרכטיק מעשהלע.
כ׳וועל פאַר אים אויסשטערענען אַ יידישן הימל
און אים זאָגן אַזוי:
ס׳יידישע פאָלק איז אַ פייערדיקע זון
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

לערן זשע, יינגעלע, טייער יידיש יינגעלע,
פון אַנהויב, ביז אַנהויב, ביז אַנהויב.

ס׳גאַנצע אויסגעחלומטע פאָלק
איז ביים באַרג סיני געשטאַנען
און מקבל געווען די תורה.
געשטאָרבענע, לעבעדיקע, נאָך ניט געבאָרענע.
אַלע יידישע נשמות האָבן אָפּגעענטפערט:
מיר ווילן האָרכן און הערן.
דו, דאָס טרויעריקסטע יידישע יינגעלע פון אַלע דורות,
ביזט אויך ביים באַרג סיני געשטאַנען.
דיינע נאָזלעכער האָבן געשמעקט
דעם ראָזשינקע-מאַנדל פון יעדער וואָרט אין דער תורה.
ס׳איז געווען שבועות — יום-טוב פון גרינס.
האָסט ווי אַ זינג-פויגל מיטגעזונגען:
ב׳וועל האָרכן און הערן, הערן און האָרכן,
פון אַנהויב, ביז אַנהויב, ביז אַנהויב.

יידיש אינגעלע, אַנגעצייכנט איז דיין לעבן
אויפן אויסגעשטערנטן יידישן הימל,
האָסט קיינמאָל נישט געפעלט,
האָסט נישט געטאָרט פעלן.
מ׳האָט דיך אויסגעהאָפט און אויסגעבעטן,
אַלעמאָל ווען מיר זיינען געווען, ביזטו אויך געווען.
און ווען מיר זיינען געוואָרן אויס,
ביזטו מיט אונז נישט געוואָרן.

און אַזוי צוזאַמען ווי מיר זיינען אַלע באַזאַמען
געשטאַנען ביי מתן-תורה,
אַזוי וואָר זיינען מיר אַלע געשטאָרבן אין לובלין.
פון אומעטום זיינען טייערע נשמות אַנגעפלויגן,
אויסגעלעבטע, יונג-געשטאָרבענע,
פאַרפייניקטע, אויף אַלע פייערן אויסגעפּרואווטע,
נאָך-ניט-געבאָרענע,
אַלע געשטאָרבענע יידן, פון עלטער-זיידן אברהם אָן,
זיינען געווען אין לובלין ביים גרויסן חורבן.
אַלע וואָס זיינען ביים באַרג סיני געשטאַנען
און מקבל געווען די תורה,
האָבן גענומען אויף זיך די הייליקע מיתות.
מיר ווילן מיטשטאַרבן מיטן גאַנצן פאָלק,
מיר ווילן נאָכאַמאָל טויט ווערן,
האָבן די נשמות געיאָמערט.
די מאַמע שרה, די מוטער רחל,

שטראַלנדיקע יידן

מרים און דבורה הנביאה,
זיינען מיט תחינות און געזאַנגען אויסגעגאַנגען.
משה רבינו וואָס האָט אַזוי נישט געוואָלט שטאַרבן,
ווען זיין צייט איז געקומען,
איז נאָכאַמאָל געשטאָרבן.
און זיין ברודער אהרן,
און דוד המלך
און דער רמב״ם, דער ווילנער גאון,
דער מהר״ם און מהרש״ל,
דער חוזה און אברהמעלע אייגער.
און מיט יעדער הייליקער נשמה
וואָס איז אויסגעגאַנגען אין יסורים,
זיינען מיטגעשטאָרבן הונדערטער נשמות
פון טייערע געשטאָרבענע יידן.

און דו, געשמאַק ייִנגעלע, ביזט דאָרטן אויך געווען.
דו, אָנגעצייכנטער אויף דעם אויסגעשטערנטן יידישן הימל,
ביזט דאָרט אויך געווען און געשטאָרבן.
זים ווי אַ טויב האָסטו געשטרעקט דיין האַלדז
און געזונגען מיט די אָבות און די אמהות.
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

פאַרמאַך די אויגן, ליב יידיש ייִנגעלע,
און דערמאָן זיך ווי דער בעל־שם האָט דיך איינגעוויגט
אין זיינע אָרעמס,
ווען ס׳גאַנצע אויסגעחלומטע פאָלק
איז אויסגעגאַנגען אין די גאַז־קאַמערן פון לובלין.

און איבער די גאַז־קאַמערן,
און הייליקע געשטאָרבענע נשמות,
האָט זיך געוויכערט אַן איינזאַמער, אַ פאַרלאָשענער סיני.
ייִנגעלע מיטן צעצווייגטן קאָפּ,
פרומע אויגן און ציטערדיקן מויל,
דאָס ביזטו דאָך געווען, די שטילע, קליינע, עלנטע,
אָפּגעגעבענע תורה.
ביזט געשטאַנען אויפן סיני און געוויינט,
אַריינגעוויינט דיין געוויין אין אַ טויטער וועלט.
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

און אַזוי האָסטו געוויינט:
די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני,
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן.
נישט די מתים לויבן גאָט.
די תורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן.

אַן יידן

אַן יידן וועט נישט זיין קיין יידישער גאָט.
גייען מיר, חלילה, אַוועק פון דער וועלט,
פאַרלעשט זיך דאָס ליכט פון דיין אָרעם געצעלט.
זינט אברהם האָט דיך אין וואָלקן דערקענט,
האָסטו אויף אַלע יידישע פנימער געברענט,
פון אַלע יידישע אויגן געשטראַלט,
און מיר האָבן דיך געפורעמט אין אונדזער געשטאַלט.
אין יעדער לאַנד, אין יעדער שטאָט
איז מיט אונדז אויך געווען אַ גר
דער יידישער גאָט.
יעדער צעשעמטערטער יידישער קאָפּ
איז אַ פאַרשעמטער, צעבראָכענער, געטלעכער טאָפּ,
ווייל מיר זיינען געווען דיין ליכטיק געפעס,
דער וואָרצייכען פון דיין ממשותדיקן נס.
איצט ציילן זיך אין די מיליאָנען
אונדזערע טויטע קעפּ.
ס׳לעשן זיך אַרום דיר די שטערן.
דאָס געדעכעניש פון דיר ווערט פאַרטונקלט,
דיין מלכות וועט באַלד אויפהערן.
דער יידישער פּאַרזוי און פאַרפלאַנץ
איז פאַרברענט.
אויף טויטע גראָזן וויינען די טויען.
דער יידישער חלום און יידישע וואָר געשענדט —
זיי שטאַרבן אינאיינעם.
ס׳שלאָפן עדות גאַנצע,
עופה׳לעך, פרויען,
יונגעלייט און זקנים.
אַפילו דיינע זיילן, די פעלדזן,
די שטאָמיקע ל״ו,
שלאָפן אַ טויטן, אַן אייביקן שלאָף.

ווער וועט דיך חלומען?
ווער געדענקען?
ווער וועט דיך לייקענען,
ווער וועט דיך בענקען?
ווער וועט צו דיר, אויף אַ פאַרבענקטער בריק,
אַוועק פון דיר, כדי צו קומען צוריק?

די נאַכט איז אייביק פאַר אַ טויט פאָלק.
הימל און ערד אָפּגעווישט.
ס׳לעשט זיך דאָס ליכט אין דיין אָרעם געצעלט.
ס׳פלעמלט די לעצטע יידישע שעה.
יידישער גאָט, ביסט שוין באַלד נישטאָ.

שטראַלנדיקע
יידן

יעקב גלאַטשטיין

פון מיין גאַנצער מי

מיין וואָגל-ברודער

כ׳האָב ליב מיין טרויעריקן גאָט,
מיין וואָגל-ברודער.
כ׳האָב ליב זיך צוצוזעצן מיט אים אויף אַ שטיין
און אויסשטומען פון זיך אַלע רייד.
ווייל אַז מיר זיצן אַזוי ביידע געפּלעפט,
ווערן אונדזערע מחשבות באַהעפט —
אין שווייגן.
ס׳צינדט זיך אַ שטערן, אַ פייערדיק אות.
זיינע גלידער בענקען נאָך שלאָף,
די נאַכט ליגט אונדז צופוסנס ווי אַ שאָף.

מיין טייערער גאָט,
וויפיל תפילות צו אים האָב איך פאַרשוועכט.
וויפיל מאָל האָב איך אים געלעסטערט,
דורך די נעכט,
און געוואַרעמט די שרעקעוודיקע ביינער
ביים פייערטאָפּ פון וויסן.
און דאָ זיצט ער, מיין חבר, נעמט מיך אַרום,
און טיילט מיט מיר דעם לעצטן ביסן.

דער גאָט פון מיין אומגלויבן איז פּרעכטיק,
ווי ליב איז מיר מיין פאַרשלאָפטער גאָט,
איצט ווען ער איז מענטשלעך און אומגערעכטיק.
ווי דערהויבן איז דער שטאָלצער יורד,
ווען ס׳מינדסטע קינד איז מורד
אין זיין געבאָט.
דורך יבשות און ימען,
וועלן מיר שוין אַזוי בלאָנדזשען און בלאָנדזשען צוזאַמען.

צו אַ דרעמלענדיקן גאָט טראַכט איך אַזוי פון זיך:
ס׳שטרעקט זיך אָפּט אין דער וואַרעמסטער היימישקייט —
אַ ווילדע פרעמד.
און נאָך איידער מען באַנעמט דעם סוד דערפון,
דערפילט מען אַז די אייגענע איבריקייט
האָט זיך צעבליט ווי מאָך אויף אַ מצבה.

איז דאָס די שטאָט וואָס איך האָב געבויט?
איז דאָס די גאַס וואָס איר האָב איך אָנפאַרטרויט
יעדער נאַכט פון מיין זכרון?
וויפיל זומערן זיינען מיר דאָ געקומען צו־חלום?
אַהער בין איך געקומען זיך פאַרוואָרצלען און פאַרשטאַמען,
דאָ האָב איך געוואָלט פאַרפלאַנצן שטילקייט
אויף אַן אייגענעם לעבעדיקן בית־עולם
פון טאַטע־מאַמע.
ווייל טויט האָב איך דאָרט געהאַט איבערגענוג.
אַהער בין איך שוין געקומען, אַ יורש פון טויט,
אַן אַנטרונענער.

דו רעדסט פון זיך,
שווייגט צו מיר מיין וואָגל־ברודער,
און איך טראַכט פון אונדז אַלעמען,
אַזוי צו זאָגן:
וויפיל חורבן דאַרף אַ פאָלק פאַרטראָגן,
אַז ס'זאָל אין אויפבוי אַלץ נאָך גלייבן?
איצט אַז ס'וואָלגערט זיך אין שטויבן,
איז דאָס פאָלק געטלעכער פון מיר.
ס'וועלן נאָך פעלקער קומען זיך בוקן
צו זיין ווייטיק.

אָבער גאָט, מיין ברודער,
צו וואָס האָסטו אַזוי דערהויבן מיין פאָלק
און צעשטערנט זיין אומגליק
איבערן גאַנצן הימל?

ווייטיק, בלוט, געלעכערטע הענט,
רחמנות פון אויסגערונענע אָדערן —
אַ קינדערשער משל מיט נאַרישע רייד.
איך האָב עס געכפלט אויף זעקס מיליאָן,
איך האָב דעם משל געגעבן באַשייד.
מיין פאָלק, מיין זון, מיין טרוים.
וועט אייביק בליען געקרייציקט אויף אַ ליכטיקן בוים.

מיין גאָט שלאָפט און איך וואַך איבער אים,
מיין מידער ברודער חלומט דעם חלום פון מיין פאָלק.
ער ווערט קליין ווי אַ קינד,
און איך וויג אים איין אין חלום פון מיין פאָלק.
שלאָף, מיין גאָט, מיין וואָגל־ברודער,
שלאָף אריין אין חלום פון מיין פאָלק.

203

שטראַלנדיקע
יידן

יעקב גלאַטשטיין

הייליקער נאָמען

ווען איך וואָלט אַצינדערט געווען אברם, תרחס זון,
וואָלט איך זיך געבוקט כו כלערליי משחיתים
און זיך ניט דערבוקט צו זיין ליבן נאָמען.
כ'וואָלט געמיינט, אַז די מאַשין־ביקס איז גאָט,
אַז די פליענדיקע פעסטונג איז גאָט,
אַז דער גלאָבאַלער טויט,
דער אומברענגער פון פעלקער גאַנצע,
איז גאָט.
און ביים ראַנד פון אומבאַשיידטן טאָג,
וואָלט איך אָוועקעפאַלן, אַ צערודערטער יונג,
זיך געבוקט צום מינדסטן גרעזל
און געבעטן:
טייערער, לויטערער, הייליקער נאָמען,
אַנטפלעק דיין ליבן פּאַרצט צו אברמען.

אָבער איך בין יעקב, יצחקס זון —
ווייס איך, אַז איבער אַלע טויטן
בלויט אַ פאַרוואָלקנטער אמת.
נאָר איך האָב מורא אים צו זוכן
צווישן די קברים פון מיליאָנען.
אַ צעפלעפּטער וועל איך אַוועק
פון דער וועלט פון תוהו,
וואו ס'איז פאַרשניטן געוואָרן דער שטאַם פון מיין פאָלק,
אָן אַ בת־קול, אויף אַ בלוטיקן פאַרוואָס.
זאָלן שוין מיינע קינדס־קינדער
פאַנאַנדערקנוילן דעם פּלאָנטער,
און איך וועל ליגן צווישן מייניקע
אַ נישט־דערקאָנטער.

און וויפל ס'זאָלן זיך נישט רעכטפאַרטיקן די וואָגשאָלן,
וועלן זיך אָקעגן אונדז די הימלען
קיינמאָל נישט אויסצאָלן.
און וויפל וויינענדיקע דורות ס'וועלן איבער אונדז וויאַנען,
וועלן זיי אַלץ הערן אונדזערע טויטע ליפּן מורמלען.
ווייל מיר וועלן כסדר מאָנען:
ליבער, טייערער, הייליקער נאָמען,
מיר האָבן עס קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען.

א וואָרט אין מויל

וואָס פאַרמאָגסטו דיין אייגנס?
אַ וואָרט אין דיין מויל.
נעם דעם טייטש דערפון און פאַרהויל.
קום צו דער וועלט אין אַ פאַרנאַכטיקער קרוין.
שטעל־אויף די האַנט און בעטל דיין לוין.

ס'האָגלען געשייען אויף אַ דערשראָקענער וועלט.
ראַטעווע זיך פאַר אַ שאָטן פאַרשטעלט.
פאַרקליינט און פאַרגאָרנישט, פאַרשלאָפט און פאַרמידט.
פאַרשנייט זאָל ווערן דער טורעם פון דיין ליד.

פאַרטרייב דיין יורש,
נעם דיין לעצטן קדיש און פאַרשטום.
פאַרטיליקט זיינען די לענדן פונוואַנען ביסט אַרום.
דיין לשון אין מויל פון אַן אַלטן פּאַפּוגיי.
דער בליץ פון דיין אויג וועט באַלד אויך זיין פאַרביי.

און מיט דיר אין הקדש, אַנטקעגן איבער אויף אַ באַנק,
זיצט דער גאָט פון דיינע אבות, פאַרעלטערט און קראַנק.
דער מאַכטיקער, פראַכטיקער, אומעטיקער גאָט,
איז אויך אַ פאַרשטויסענער בעטלער פאַרשפּאָט.

לעסטער אים נישט, זיי אַ לוי יצחק פאַר אים.
זוך זכותן אויף אַן אָפּגעקומענעם ייד.
אין פאַרשפּינוועבטן דרימל פון נאַכטיקן כאָר,
חלומען די פאַרבלייבערס פון אַ לעצטן דור.

אַ ייִדישע קרוין

וועז מיין טאַטע איז אַלט געוואָרן פערציק יאָר,
האָט ער אָנגעטאָן די עלטער
ווי אַ ייִדישע קרוין.
ער האָט פאַרנומען זיין אָרט אין דער הייליקער עדה,
און מיט צערטלעכער טאַטעשקייט
געוואָרן מיין זיידע.
איבערנאַכט בין איך זיין אייניקל געוואָרן.
מיר האָבן דערפון ביידע געוואונען און גאָרנישט פאַרלאָרן.
מיר האָבן ביידע געזונגען אַ ירושהדיק ליד,
מיט שמחה איז מיין טאַטע געוואָרן
אַן אַלטער ייִד.

און זיין טלית און תפילין און קיטל,
זיין שיטערע באָרד און גלותדיק היטל,
די ממעמקימדיקע קרעכצן,
אַפילו ווען ער האָט טועם געווען דער מאַמעס געקעכצן,
זיין מעביר זיין די סדרה מיטן טראָפּ,
זיינען געוואָרן דער פרומער בוים,
וואָס האָט זיך צעבליט אין מיין קאָפּ.
ר'איז געוואָרן אַלט, מיין טאַטע,
מיט אַ פאַרצייטיקער יונגשאַפט —
אַן אַלטקייט וואָס קאַרגט נישט און רעכנט נישט די יאָר,
וואָס איז באַשיצט קעגן טויט
און פאַרפאַנצערט אַקעגן מורא,
מיט טויזנטער מאָרגנס פון עבודת הבורא.

זיין אמונה איז געווען לאַנד,
ערד אונטער די פיס —
ארץ ישראל,
מיטביימער און הימל,
מיט באַרג און מיט טאָל.
מיט פעלדער און וועלדער,
וועסערלעך מחיהדיקע,
קוואַלן און ברונעמס.
זיין אמונה האָט באַגראָזט די ייִדנגאַס.

נישט קיין קליידער-סוחר איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף,
נאָר אַ פאַסטעך צו פאַשען זיינע רינדער און שאָף.
ס'זיינען אויפגעגאַנגען זונען איבער זיין שטיקל וועלט,
ווען ער איז אַרוים אין טלית פון געצעלט,
און געאַקערט און געזייט די ייִדישע ערד.
די בייטן האָבן מאָרגנדיק געגרינט,
אַפילו ווען ער האָט בדוחק אויף חיונה פאַרדינט.

שטראַלנדיקע ייִדן

פון מיין גאַנצער מי

יעקב גלאַטשטיין

מיין טאַטע יצחק

אַז מען האָט דעם אַלטן יצחק געפירט צו דער עקדה,
האָט ער אויפגעהויבן צום הימל די פאַרטונקלטע אויגן,
געזאָגט האָט ער מיט אַ שטים אַ מידער :
כ׳ווייס אַז כ׳וועל איצטער זיין דיין ווידער.
קיין גוטער מלאך איז נישט אַנגעפלויגן.
ס׳ווערט דאָס פייער פלאַמענדיקער און גרעסער.
פאַר מיין האַלדז איז געשאַרפט דאָס מעסער.
דער אַלטער יצחק האָט זיך נישט געגאַרט,
ווי ווען ער איז אַ חומש-יינגל געווען.
ער האָט אויף קיין לעמל נישט געוואַרט.
ווען מען האָט אים גענומען בינדן צום מזבח
און ער האָט דערשפירט דעם זענגענדיקן ריח,
האָט ער אַזוי געטאָן זאָגן :
גאָט וועט די שחיטה נישט איבערשלאָגן.
ער האָט אויסגערופן מיט אַ שטים אַ מידער :
הנני, כ׳בין גרייט צו זיין דיין ווידער.

דער זיידע ענזל וועקט זיך

עצבֿות מיינע, פּרעס מיר נישט אויף ס׳טויטע האַרץ.
גאַרסטע שטילקייט, וואָס וועקסטו מיך פון שלאָף?
שוין ווידער עפּעס אַ ויהי, שוין ווידער אַ שטראָף?
וואָס פאַרגינט מען מיר נישט
דעם באַשערטן חושך מיינעם,
די לאַמטערנע מיינע צו דער אייביקייט?
זיידע ענזל, גרויסער שותק,
ערשטער נאָמען פון מיין שטאַם,
הייליקער סוד, פון די זעקס און דרייסיק זיילן.
דו וואָס האָסט זיך מפרנס געווען
פון שמשות אין מהר״ם,
זע די פינצטערע פרייד דיינע.
ס׳שפּאַנט צו דיר מיט מזל ברכה
דיין גאַנצע טויטע משפּחה.

זאַמל זי איין. דאָס איז דיינס.
דאָס איז דיין אַרבונג,
דיין גאַנצע ערדישקייט,
דער צונויפגערעכנטער סך־הכל
פון דיין לעבן און דיין שטאַרבונג,
לאָמיר טאַנצן — דו אינמיטן,
דעם כרת־טאַנץ פון אַ יידישער משפּחה,
אויסגעוואָרצלט און פאַרשניטן.
כרת־כרת, בשר־טאַנץ,
אַלע טויט, אַלע דאָ, אַלע גאַנץ.

זיידע ענזל, האָסטו איטלעכן דערקענט?
האָסטו יעדער טויט באַנומען?
ווי קען איצטער משיח קומען?
נישט כולו זכאי, נישט כולו חייב,
נאָר כולו פאַרברענט.

אַלע צווייגלעך פון דיין חלום
גיבן דעם טויטן זיידן שלום.
דער משפּחה־קרייז פאַרענדיקט.
כרת־כרת, כשר־טאַנץ.
פאַרשניטן, אויסגעפּליקט דאָס לעבן.
דער עיגול פון טויט איז גאַנץ.

מיין ברודער בנימין

שענק מיר נאָך־ניט אויסגעוויינטע ווערטער,
גאָט, כ'האָב נישט קיין כוח צו שעלטן
און איך וועל מיט זיי פאַרוויינען
דיינע פאַרוויכטע וועלטן.

צו וואָס האָסטו באַדאַרפט,
אַז ס'זאָל זיך אויף דער וועלט ארומדרייען
מיין ברודער בנימין?
דערמיט האָסטו אים אויסדערווילט,
וואָס האָסט אים אַלעמאָל פאַרזען און פאַרטיילט.

שטראַלנדיקע ײדן

ער האָט געשניידערט, געוועבט
און אויך־מיר געלעבט,
כדי וואָס? כדי זאָלסט אַן אָרעמן וועבער,
אויסשטאַטן אין בגדי קאָנצענטראַציע לאַגער,
און אים אונטערפירן אַן תכריכים און אָן אַ באַגרעבער
צום קוימען.
און ביי דער רעכטער זייט האָסטו אים נחת באַשערט.
האָסט זיין וועג באַשווערט מיט דעם איינציקן
טרוים פון זיינע טרוימען,
זיין לאַכנדיק שטיקל פרייד
מיט די פעך־שוואַרצע זונען.
און ביי דער לינקער זייט
זיין שוועך־לייביק ווייב,
פון אַ שטעטל אַ נאָענטס,
וואָס האָט אים אויפגעזוכט, געפונען,
און זיך פאַרנומען צו טיילן ביזן פאַר ביסן —
אָרעמקייט.

אויף וואָס האָסטו באַדאַרפט דעם נאַרישן וויץ?
האָסט געגעבן אַ בליץ און באַשאַפן אַ שטיק אומגליק.
פון אַלץ האָסטו אים געקאַרגט.
האָסט אים געהאַלטן אין איין פאַרפּאַטשן, פאַרשעמען,
און נישט דערקענען.
אָבער אָפּגעהיט האָסטו ס׳נפש זיינס,
ווייל דו האָסט אים זייער נייטיק באַדאַרפט,
צו פיר און פערציק יאָר פאַרברענען.
ליבער, הייליקער נאָמען,
מאי קא משמע מיין ברודער בנימין?
אויף וואָס האָסטו אים באַשאַפן,
און קיין קרישקע גליק אים נישט געגעבן,
צו וואָס זיין גאַנץ לעבן פאַרשענדט?
האָסטו דווקא געוואָלט אַז ער מיטן ווייב זאָלן דערלעבן
פרייד אויף אָריבערצושוימען,
צו פירן דעם איינציקן זון
צו דער חופה פון קוימען,
און דאָרט האָסטו זיי אַלעמען פאַרברענט.

ווידערשטאַנד אין געטאָ

מיר זיינען געווען פאַרהונגערטע,
צעטראָטענע, פאַרשלאָפטע יידן.
מיר האָבן נישט געוויינט, נישט געמאַכט קיין געוואַלדן.
די ערד האָט אונדז שטיל געהאַלטן.
איצט זיינען מיר שיינע, שטאָלצע,
שטראַלנדיקע יידן.
מיר זיינען טויטע יידן.

מיר האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן,
פאַרברודערט, פאַרצווייגט און געוואָרן
אַ וואַלד מיט שוואַרצע בוימער.
דער שומר האָט איבער אונדז געבייטשט מיט בליצן.
נאָר דער וואַלד האָט געברענט אָן שרעק,
דאָס פייער האָט צו די הימלען גענומען קלעטערן און שטייגן,
ס'האָבן געזונגען די צווייגן.

מיר זיינען געווען קליינע, פאַרשעמטע טאַטעלע,
פאַרקרענקטע מאַמעלעך.
צו דר'ערד געבויגענע זיידעלעך
און געשטאָרבענע קינדער.
מיר האָבן גאָרנישט געזאָגט,
מיר זיינען געווען אָן לשון.
פלוצים האָבן מיר געקראָגן
אַ מוראדיקע און מעכטיקע שטים.
מיר האָבן געשריגן העכער און העכער,
ס'איז פון אונדז אַלעמען געוואָרן —
איין געטלעכער אָנאָנים.

זיי זיינען געקומען, געלאָפן,
געפלויגן, געפאָרן איבער אונדזערע לייבער,
זיי האָבן אויף אונדז געגאָסן הייסן אייל.
אונדזערע קברימדיקע שטיבלעך זיינען פאַרשוואונדן.
זיי האָבן אונדז אַרומגעצונדן.
אָבער מיר האָבן געוואַנדלט אין פייער.

שטראַלנדיקע
יידן

יעקב גלאַטשטיין
פון מיין גאַנצער מי

שטראַלנדיקע ייִדן

די קליינע טאַטעלעך זיינען געוואָרן
וואַלדיקע כאַרן.
און מיר האָבן אַזוי געזונגען:
מיר זיינען דער וואַלד
און דער וואַלד ברענט,
און גאָט שפּאַצירט מיט אונדז
אין ברענענדיקן וואַלד.

מיר זיינען געקראָכן, געגאַנגען,
אויפגעשטאַנען צום לעצטן שטיי.
ס'האָט אונדז אויף די פּים געשטעלט
אונדזער שווידערלעכער געשריי.
מיר האָבן געשאָסן, מיר האָבן געטויט.
מיר האָבן געשאָכטן און געוואָרגן.
מיר האָבן געזען זייער בלוט,
געזען מיט לעבעדיקע אויגן.

פונקען זיינען ווי שטיקער זון געפלויגן.
ווי וואונדערלעך דער וואַלד האָט געברענט.
און מיר האָבן געשאָסן,
מיר האָבן געזען ווי זייער בלוט איז גערונען,
זייער בלוט האָט זיך געגאָסן.

מיר זיינען שוין מער נישט געקראָכן, מיר זיינען געלאָפן,
געצילט, געשאָסן און געטראָפן.
מיר האָבן געזען זייערע טויטע קעפּ
און געשטאָרבן מיט זייער טויט
אין אונדזערע אויגן.
מיר האָבן זיך איינגעפלאָכטן, איינגעצווייגט,
מיר, די שטומע, האָבן ווי זיגרייכע קעמפער
געשריגן מיט איין שטים —
מיר, דער געטלעכער אַנאָנים.

מיר האָבן גאָרנישט געוואונען.
דער וואַלד האָט אויסגעברענט.
אָבער אין דער געטלעכער פינצטערניש
שפּאַצירן מיר קליינע טאַטעלעך,
פאַרקרענקטע מאַמעלעך,
צו דר'ערד געבויגענע זיידעלעך
און געשטאָרבענע קינדער.
מיר האָבן געזען זייער בלוט
און מיר זיינען צופרידן.
מיר זיינען שיינע, שטאָלצע,
שטראַלנדיקע ייִדן.

מיין קינדם-קינדם פאַרגאַנגענהייט

213

שטראַלנדיקע ייִדן

פון ״יידן אַטאָמען״

יעקב גלאַטשטיין

אין דער פאַרגאַנגענהייט בין איך אַלעמאָל פאַרגאַנגען.
ווי אַ וואונדער פאַרגאַנגען.
און אין איצטער בין איך געווען אַ חדר-ייִנגל,
וואָס האָט געלעבט מיט גמרא-געזאַנגען,
ווי אַ חדר-ייִנגל דאַרף לעבן,
מיט אַ צוגעשפּאָרטער זון,
אין אַן אויסגעטראַכטן פּאַלאַץ
פון ייִדישע צרות.
אוי, מיין פּאַלאַץ האָט געברענט ליכטיקער,
ווי טויזנט-און-איין-נאַכט.
ס׳האָבן עלטער-עלטער זיידעס
מיינע געצונדענע חורבנות אויסגעטראַכט.

שטראַלנדיקע ייִדן

בין איך אונטערגעגאַנגען מיטן ערשטן חורבן
און מיט דעם צווייטן.
מיך אַליין האָט מען פּאַרטיליקט אין די טויזנטער,
אויפֿגעגעסן אין הונגערטעג
און מיך צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פֿעלקער.
און סליחות און קינות און שטראָפֿן
האָבן אויף מיר אַנגעוואָרפֿן
אַשור, בבל און מלכות יון
דורך אַלע מײַנע תּשעה־באָבן.
און דער הונט און דער סטרוזש
און די זאַמדער שלעגערס
זײַנען כּסדר געווען מײַנע יעגערס,
און איך — אַ קליין ייִדיש פּיקסל
מיט אַ לעבן אַנגעשראָקן און אַנגעשפּיצט,
האָב זיך באַשיצט מיט אַ ל״ג־בעומר ביקסל,
ווײַל כ׳האָב געמוזט וואַקסן און לעבן איצט,
ווײַל אין דער פֿאַרגאַנגענהייט
בין איך אַלעמאָל פֿאַרגאַנגען —
ווי אַ וואונדער פֿאַרגאַנגען.

אין די מיטעלע יאָרן איז מיר באַשערט
אויג־אויף־אויג צו דערזען
מײַן קינדערשן אַמאָל־איז־געווען.
מײַן פּאַלאַץ פֿון ייִדישע צרות
איז נישט קיין לעגענדאַרישער,
און מען ברענגט מיך אום טאָגטעגלעך
אין די צענדליקער טויזנטער.
ווי האָב איך גאָר געקענט מיינען,
אַז ייִדישע פֿאַרגאַנגענהייט
איז אַ היסטאָרישער בית־הקברות?
ווי האָב איך זיך געקענט אײַנריידן,
אַז ס׳ווערן ייִדישע קינדער דערצויגן
אין לוקסוס פֿון אויסגעטראַכטע צרות?

אויג אויף אויג מיט אַלע מײַנע אונטערגאַנגען,
מײַן חורבן ברענט.
באַלד וועלן מיך דערגרייכן די טויטן פֿון מײַן צײַט.
גאָט, כ׳ווער מײַן קינדס־קינדס פֿאַרגאַנגענהייט.

שיר — אַ געזאַנג

דאָס צאַרטע צערטל, ס׳וואוילוועטל,
די זיפצלדיקע פידלדיקייט, פאַרלידלטע טרער.
שאָפּענס סקעלעטישע פינגער,
נאָקטורנע כמורנעקייט פון קעצלדיקן באַגער.
וועלטשמערץ, איידעלער ווייטיק,
צווישנזיפץ פון ער און זי און בעט,
בלויע רייד, חלומות-באַשייד,
רויכערן זיך אַצינדערט
אין אויגן-לעכער פון יעדער סקעלעט.
וועלט, צענדליקער יאָרהונדערטער
האָסטו אין וואָסערע צען יאָר פאַרשענדט.
מיליאָנען ביכער האָסטו אויף אייביק פאַרברענט.

שיר — אַ געזאַנג וועל איך זינגען
צום שאָטן פון זאַכן,
צו הונגער, אויסגעצערטקייט פון ביינער און הויט,
צום טרויעריקן עכאָ פון לאַכן,
צו דער באַשטענדיקייט פון טויט,
צו דער וויסטער אייביקייט פון טויט.
שיר — אַ געזאַנג וועל איך זינגען
צו די באָרוועסע, וואָגלערישע פיס פון דער כנסת-ישראל,
צו אירע סימבאָלישע, שיר-השירימדיקע בריסט,
צו די יידישע שטעט, וואָס גאָט, איר באַשערטער,
האָט אין זיין שוועבלדיקן צאָרן פאַרוויסט.

קלויסטער-גלעקער קלינגען.
ליב-באָם, ליב-גלין-גלאָן.
רויב-דם, גלויב-פאַרדאַם.
ליב שכן — ליב.
שטעל אויף באַק — ליב.
פאַרגיב-לאַם, לאַם-בלוט,
זינד-פאַרדאַם.
גלין-גלאָן, מוראדיקע קלויסטער-גלאָקן קלינגען.
צו מיין געשאָכטענער טויב, צו דער כנסת-ישראל,
שיר — אַ געזאַנג וועל איך זינגען.

מ׳זאָגט — ס׳טאָגט. דער מזרח העלט.
מען זאָגט, ס׳בויט זיך שוין אַ נייע וועלט.
אין גלויביקע, קרעפטיקע הענט
שווערע האַמערס שווינגען.
צו מיין פאַרפייניקטער יידישער וועלט
שיר — אַ געזאַנג וועל איך זינגען.

סוצקעווער

די ביקס איז לעבן דיר
אַ האלב-וואכע געשלאָפן,
ווען דו ביסט אַרויסגעקומען פון די וועלדער,
טויט-מיד
און גלייך צוגעפאלן צום ליד.
די זינגענדיקע סטראָפן
האָבן דיין אויסעמוטשעטן גוף
נאָך לופטיקער געמאַכט.
מיט דערשראָקענע פליגל,
האָט דער יונגער שר פון יידיש
איבער דיר געוואַכט.

מיט דעם נישט-פארשניצטן שטיקל בלייער,
האָסטו קוים געציטערט,
איבער אָפּגעריבן שיימעסדיק פאַפיר.
אַ טונקל וואָרט לויכט אויף פון אַ ריר
און ווערט באַלד געפאַרט.
ס'פלאַטערט דער בלייער ווי אַ גלעט,

שטראַלנדיקע יידן

אין די גלויביקע הענט פון פּאָעט.
ער טרייבט פון זיך הונגער, ביטערקייט און סם
און צינדט אָן די פינצטערע שורות
מיט דעם ליכט פון אַ גראַם.

דו מוזט דעם אָרעמן שרייב-וואָפן,
דעם בלייער,
שאַנעווען און האַלטן טייער.
הונדערטער סטראָפן דאַרפן נאָך היינט
אויף דעם צעפּאַלענעם פּאַפּיר
ווערן איינגעקריצט,
מיט דעם לעצטן שטיקל בלייער
וואָס איז נישט פאַרשניצט.

אַ קליינע פאַרוואַרלאָזטע קלויז,
אין ליידיקן ארון קודש ציינדלט אַ דערשראָקענע מויז,
דורך דער צעבראָכענער שויב סאַזשעט אַ פינצטערניש אַריין.
דער שר פון יידיש האָט נייע שיימעס אויפגעקליבן
און געבענטשט דעם קליינעם בלייער
ער זאָל נישט ווערן אויסגעשריבן.

אין דער אָן-ניסימדיקער, פאַרשוועבטער קלויז,
האָט דער שרייבער אין דער פינצטער געזען,
ווי די אַלטע, פאַרשיימעטע אותיות האָבן זיך אויסגעריבן,
און אויף קלאָר פּאַפּיר
האָט דאָס שטיקל שרייבפּענדל אַ גאַנצע נאַכט געשריבן
און זיך נישט אויסגעשריבן.

דער יונגער שר פון יידיש
האָט זיך קוים איינגעהאַלטן
צו געבן אַ גלעט
די צעפּאַטלטע האָר פון פּאָעט.
ער האָט געלאָזט פאַלן
אָן איינציקע, שטילע טרער.
נישט נס-חנוכה,
נאָר נס-סוצקעווער.

ווי דיביימער

און אַז די פּליטים זיינען נאָענט צו דער מוטער רחל צוגעקומען,
האָט זי אינגאַנצן אויסגעזען ווי ארץ ישראל ערד.
אַ פרייד האָט זיי אַלעמען ארומגענומען,
וואָס ס'איז זיי די שמחה נישט געוואָרן פאַרשטערט,
וואָס זיי האָבן די לעצטע האָפענונג נישט פאַרלוירן.
ווייל זי האָט דאָס געשטאַלט פון דער מאַמען
אַלץ נישט אָנגעוואוירן.
דאָס איז דער טייטש פון מאַמע-ערד,
וואָס בלייבט אייביק געטריי,
וואָס וואַרט אויף אירע קינדער,
פון דייטשלאַנד, פּוילן, אונגאַרן, סלאָוואַקיי.

אָבער אַז מען האָט די קינדער מיט געוואַלט,
גענומען רייסן פון דער ערד ווי די ביימער,
האָט זיך נישט רחלס בעטנדיק געוויין,
נאָר אַ געלעכטער דערהערט.
יאָ, די וויינענדיקע מאַמע האָט צום ערשטן מאָל געלאַכט,
וואָס מען האָט אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע בענקשאַפטן,
צוריק צו אירע אָרעמס געבראַכט,
נאָך אַזויפיל פאַרפּייניקטע יאָרן.

און אַז מען האָט זיי פאַרט מיט געוואַלט אָפּגעריסן
און די שקלאַפן-שיפן זיינען אָפּגעפאָרן,
האָט זיך אַ צערטלעך ליכט איבערן גאַנצן לאַנד צעשטראַלט.
מוטער רחל האָט געגעבן צום הימל אַ טרייסטנדיקן בליק.
אַזעלכע קינדער וועלן קומען צוריק.

י. ל. פּרץ

כ׳ווייס נישט ווי מען רעדט צו אַ טויטן שרייבער,
שרייב איך צו דיין לעבעדיקן מאָנומענט.
אַפילו ווען מיר זאָלן זיין יורשים־איבערטרייבער,
האָבן מיר דיך אויפגעבויט,
מיט דער פרייד פון אונדזערע הענט.

ביסט גרעסער נאָך ווי דו ביסט געווען,
ביסט הייליקער פון שרייבעריי.
מיר האָבן אונדזער געזאַנג אין דיר אַריינגעלעגט,
דורך די טויטע יאָרן וואָס זיינען פאַרביי.

די וועלט איז נישט אונדזערס.
אויף די זאַמדן קריצן זיך נישט איין אונדזערע טריט.
אָבער אָן דיר וואָלטן מיר געווען נאָך וויניקער,
מיר וואָלטן געווען צעטיילטער, נישט אייניקער,
ווען וואָלסט אונדז נישט געשאָנקען פון יידיש דאָס געמיט.
יידיש לעבן, האָסטו געלערנט,
איז מאָרגנדיק אין יעדער היינט.
אונדזער מתנגדישקייט האָסטו פאַרחסידישט,
אונדזער דראַנג צום דרויסן — פאַריידישט,
אונדזער האַפט פאַריום־טובט און באַשיינט.
מיט יונגשאַפט האָסטו באַחנט
דעם פאַרבייזטן ספר.
מיט דיין שעפערישן אַ סך,
פון אַ פולער האַנט,
האָסטו געגעבן אילוזיע פון לאַנד
צו רוחניות פון שפּראַך.

ביי זיך אַליין האָסטו כסדר געבאַרגט פייער,
פון ליד צום מעשהלע,
פון מעשהלע צום שפּיל,
פון שפּיל צו נעאָ־יידישן סטיל,
צום מאַיעסטעטישן שטעל,
צום וועגווייזערישן באַפעל,
צום ווייטסטן נישט־הי,
צום העכערדיקן פלי.

ס׳האָט דיר געפּאַסט די פעלערינע,
ווען ביסט געקומען מיט קינסטלערישער מינע,
און מיט לעבעדיקן ווילן
איינצושטילן די מתים אין פּאַליש און אויפן אַלטן מאַרק.
ליב איז אונדז די לאַסט פון דיין גרויסקייט,
דיין דענקמאָל אויף אונדזער קאַרק.

שטראַלנדיקע
יידן

יעקב גלאַטשטיין
פון מײַן גאַנצער מי

זיצט אַן אַלטער פּאַסטעך

זיצט אַן אַלטער פּאַסטעך,
שוויצט איבער אַן אַקראַסטיך
און רוקט אויף ביידע באַקן.

מיין ליבער, וואוילער יודע,
וואָס האָקסטו אַזוי די סעודה?

— גערן וואָלט איך דיר געענטפערט זרגונית,
נאָר כ׳בין נעבעך געניזוקט אויפן לשון —
כ׳קאָן נית.
ס׳אַ מעשה שהיה.
יונגערהייט האָב איך חתונה געהאַט מיט אַ גויע,
אַ טעכטערל פון אַ לבן הארמי.
ס׳מעג אַ רוח אין איר געפייגערטער מאַמע,
מיינע נאמנות.
און היות ס׳איז מאָרגן אַ תענית,
און מ׳איז דאָך עפּעס אַ יידישער פּאַסטעך —
פאַרפּאַסט איך.

און ווער האָט אַזוי יונג פאַרקנסט דיך,
אדוני פּאַסטעך?

ס׳אַ מיאוסע מעשה.
ס׳איז געווען צעקה הנערה.
אירע אחים האָבן מיר געוואָלט
ברעכן רוק און לענד,
און מיר מאַכן אַ שיינע טהרה.
די אַלטע, אַלטע מעשה,
אַ שיקסע און דער יצר־הרע,
נאָר וואָס איז שייך באַלאַקן?
מיר האָבן שוין פינף בנים
קיין עין הרע.
איצטערט איז זי שוין נישט קיין שיקסע
רק אַן אַלטע גויע,
און איר שיינקייט איז אַ מעשה שהיה,
אַצינדערט ברויך מען האָבן צו איר

אַ דעמבענעם יצר־הרע.
בין איך אויף געהאַקטענע צרות,
ווייל כ׳בין אַ יידעלע קאַטאָרע.

ס׳מאַכט זיך, ס׳פאַרלויפט זיך,
ס׳טוט אַמאָל פּאַסירן,
ס׳קומט אַמאָל פאָר,
ס׳געשעט אַמאָל, ס׳טרעפט זיך,
ס׳פאַרדרייען זיך די געהירן,
מ׳פאָלגט נישט טאַטע־מאַמע,
און נישט מיט זיינס גאָל,
נעמט מען אַ ליבעניו פירן.

אונטער דעם־אַ בוים.
פלעג איך גאַנצענע טעג זיצן
און מיט מיין פאַסטעך־שטאָק,
דעם זאַמד צעצוקריצן —
זי האַסט דיך, זי ליבט דיך.
זי ליבט דיך, זי האַסט דיך.
דו אַלטער גלאָמפּ, דו נאַרישער פאַסטעך.

די היץ איז געשטיגן.
זיבעצן פאַסטעכער,
אַרום די קעפּ נאַסטיכער,
יאָגן פון זיך די פליגן.

דאָס זשוואַווע פאַסטעכל,
פאַרענדיקט אַזוי די מעשה:
היינט נאָך חצות,
אויב ס׳וועטער וועט נישט שטערן,
וועט׳מיר צו קבורה פירן יידיש,
ביים שיין פון אַ לאַמטערן.

ס׳איז סך־הכל, אַרונטער פון מאַרק,
נפטר, הלך לעולמו,
ס׳איז די אונטערשטע שורה —
היינט ביינאַכט פירן, מיר מערצישעם,
יידיש צו קבורה.

און דו, פאָלג מיך, לעמאַנעשעם,
מעגסט אויך שוין האָבן
זרגונית אין ויאמר.
גיב אַ זעץ דעם גלאַטשטיין איבער —
אויף יעקב כדרלעומר.

וויין פון לידער־ביכער וואָס כיהאָב
געזופט מיט יאָרן צוריק

בוך איינס

גרינער אומעט פאָרט אין טרויעריקע קאָליאַסן.
לאַמטערנעס ווי פויערישע אָפּגעטער קאָפּטשען אויף די גאַסן.
אַ וויינענדיקער בעטלער גייט אַהיים זיך לויזן.
דער דיכטער שפּאַצירט אין סאַמעטענע הויזן.

אָ נאַכט, אָ געל־רויט לעבן.
מיט אַ ווערך האָסטו מיר אַלץ אַריבערגעגעבן.
דורך אַ פענצטער שטומען פאַרחלשטע רויזן.
דער דיכטער שפּאַצירט אין סאַמעטענע הויזן.

אָ, דינסטמויד מיט נאָזלעכער פאַרפומירטע,
מיט דיינע רויטע הענט פון אַרבעט אויסגעשמירטע,
צאַם אין מיר דאָס יינגלשע ברויזן.
דער דיכטער שפּאַצירט אין סאַמעטענע הויזן.

דער זיידע גרעפּצט נאָכן עסן.
בענטשן, קריאת־שמע לייענען האָט ער לאַנג פאַרגעסן,
פון זיין פּראָסטער ליולקע נעמט אַ קלוגער רויך זיך קרויזן.
דער דיכטער שפּאַצירט אין סאַמעטענע הויזן.

נאַכטיק טענהט דער שמעטניק מיט האַרצרייסנדיקע גערוכן,
די באָבע פאַרראָשטשינעט אַ פעטן ראָזשינקע־קוכן.
פאַרוואָלקנטע ווייזהייט נעמט זיך שיילן און אַנטבלויזן.
דער דיכטער שפּאַצירט אין סאַמעטענע הויזן.

די גרויזאַמע געבורטן זיינען אַלע אַבאָרטן.
ס׳גאַנצע קרוכלע לעבן איז אַ שפּיל אין קאָרטן.
ס׳זיינען געווינסן און פאַרלוסטן שאַלאַמויזן.
דער דיכטער שפּאַנט אין סאַמעטענע הויזן.

שטראַלנדיקע
ייִדן

יעקב גלאַטשטיין
פון מײַן גאַנצער מי

בוך צוויי

גאָט האָט אים געגעבן שאָף מיט רינדער,
און, איינס ביי איינס, סאַמע געראָטענע קינדער.
ברייטע הויזן מיט אַ געקעסטלטן זשילעט
און פון ריינעם מירמלשטיין אַ באַקוועמען פּריוועט.
און צו דעם נאָך, מיט אַ פולער האַנט,
האָט ער אים פריטשמעלעט מיט אַ גאַנצן פוד טאַלאַנט.
נעמט ער אַ לולב מיט אַן אתרוג און שאָקלט אַ לויב צו גאָט,
ווייל ער האָט און ער האָט און ער האָט.

ס'וואַקסן געגראַמטע פּאַלמעס אַרום זיין רייכן מויער.
דער פּאָעט זייפט זיך איין די מאָרדע
מיט אַ זעלבסט-צופרידענעם טרויער.
ס'קומען פרומע קריטיקערס צו אים גוט-שבת ביטן און גלעטן
זיינע וואויל-געכאָוועטע וואולגאַריטעטן.
זיינע קי זיינע יידישע,
זיינע הענער זיינען מעביר די סדרה.
מיט אַן אָפּגעשלאָגענער הושענה קיצלט ער זיך דעם חוט השדרה.
אַ לויב און אַ דאַנק דעם גוטן גאָט,
קאַנעהאָרע — ער האָט און ער האָט.

ער גייט איבער דער וועלט אַ מוראדיקער אָגער .
ס'קלינגען די קעשענעס ביים אָנגעשטאָפּטן פּאַרמאָגער.
ער ווערט גרעבער און ברייטער, ברייטער און גראָבער,
ווען מיט ממזרישע גראַמען,
באַוויינט ער אַ נישטהאָבער,
און בשעת מעשה ווינקט ער זיך דורך מיט גאָט —
ווייל ער האָט און ער האָט.

בוך דריי

דאָס יינגל אין אים האָט אַלץ געוואָלט
ס׳טעלערל פון הימל,
אָבער אים אַליין האָט שוין פאַרבייכלט
אַ געזעטיקטע גענוגשאַפט.
זיינע אויגן זיינען געווען פאַרלאָפן
מיט אַ געזייערטער קלוגשאַפט —
נישט אַזוי פון ביכל ווי פון פלעשל.
פינגער געפלינקט פון קאָרטן טעשל,
האָבן זוכנדיק געבעטן צוטרוי.
נאָר צו אַן איבערגעברענטער שטרוי,
גיי זיי צוטרויאיק.
גיי כאַפּ אַ טאַנץ,
מיט דער גנבישער עלעגאַנץ.

קאָנאָסור פון די שענסטע קראַוואַטן,
דערהערער פון די שטילסטע אַקאָרדן,
מבין אויף די סובטילסטע אַראָמאַטן,
(— אויף קעז און בעז און קעז —)
פאַרערער פון דעטעקטיוו-געלייזטע מאָרדן.
ער האָט געזונגען:
נעם אויף דער דלאָניע ס׳גאַנצע לעבן דיינס
און פאַרלאַך עס.
ער האָט דערזען דעם טויט,
ווען ס׳טרויעריקע לעבן זיינס,
האָט קוים אָפּגעדאַוונט שחרית.

מאָצאַרט

ס'האָט זיך מיר געחלומט,
גויים האָבן מאָצאַרטן געקרייציקט
און אים באַגראָבן אין אַן אייזל־קבר.
נאָר יידן האָבן אים געמאַכט פאַר גאָטס מענטש
און זיין געדעכעניש געבענטשט.

זיין אַפּאָסטאָל בין איך איבער דער וועלט געלאָפן
און באַקערט יעדער איינעם וואָס כ'האָב געטראָפן.
אומעטום וואו כ'האָב געכאַפּט אַ קריסט,
האָב איך אים געשמדט אויף אַ מאָצאַרטיסט.

ווי וואונדערלעך איז פון געטלעכן מענטש
זיין מוזיקאַלישער טעסטאַמענט,
ווי דורכגענאָגלט מיט געזאַנג
זיינען זיינע ליבטיקע הענט.
אין זיין גרעסטער נויט,
האָבן ביים געקרייציקטן זינגער
געלאַכט אַלע פינגער.
אין זיין ווייגענדיקסטן טרויער,
האָט ער נאָך מער ווי זיך אַליין
ליב געהאַט דעם שכנס אויער.

ווי אָרעם און ווי קאַרג,
אַנטקעגן מאָצאַרטס פאַרבלייב,
איז די דרשה אויפן באַרג.

שאָפּען-נאָקטורן

א

ווערסט קומען מיט קליינע רייד
און שלעפעריקע אויגן,
ווערסט מיר ברענגען פולע אוצרות נאַכט.
זע, וויפיל שעמעוודיקע פרייד פאַר דיינע פינגער
האָב איך מיטגעבראַכט.
אַזוי ווערסטו זאָגן
צו דיין שווייגנדיקן באַזינגער,
וואָס וואַרט אויף דיר אילע נאַכט.

צערטלען וועל איך
די געוואַגטקייט פון דיינע באָרוויסע פיסלעך,
ווען ווערסט אַנטלויפן פון טאַטנס הויז,
כ'וועל דיר לייענען אַלע שענסטע גריסלעך,
וואָס כ'האָב דיר קיינמאָל נישט געשיקט.
איין-אָטעם ביסטו געלאָפן איבער אַ שוואַרצער בריק,
כ'וועל דיך שוין קיינמאָל נישט לאָזן גיין צוריק.

אינדערפֿרי וועלן ערשטע טאָגלעך
וואַרעמען די קאַלטע שויב,
צוגעדעקט מיט אַ שטילן טונקל
וועט עפֿענען די אויגן אַ דערשראָקענע טויב.
און איך וועל קוים זײַן לעבן דיר,
אַזוי קוים אַז דו וועסט זוכן מײַן קול,
און איך וועל זיך דיר אײַנדאַכטן
ווי אַ מעשׂהלע פֿון אַמאָל.
און איך וועל זיך דיר אײַנדרימלען
ווי אין פֿאַרנאַכטן אַ שווײַגנדיקער בוים.
ווי אַ ציטער פֿון אַ צווײַג,
קוים,
ווי אַ שלאָפֿנדיקער בוים.

ב

אין די פֿאַרנאַכטן קומען אונדזערע לעבנס אַנטקעגן
און זיצן אין שאָטן.
מיר שווײַגן. ס׳איז אונדז ריידן פֿאַרבאָטן.
דײַן קלוג טראַכטן איז דער ווײַסער ווײַן
פֿון מײַן זײַן.
כ׳זופּ דעם קילן געטראַנק
און שרײַב אָפּ דײַן יעדער געדאַנק.

אַ וואונדערלעך, וואונדערלעך.
ווי ס׳פֿאָרן זיך אונדזערע טעג
און ווערן נעבעך.
פֿונווײַטן זינגט אַ שטילער ברעג,
אָבער מיר גלייבן קיינמאָל נישט יענעם וועג.
אַ וואונדער, נאַכטיקער וואונדער,
מיר עלטערן זיך באַזונדער,
יאָר אײַן יאָר אויס,
און צוזאַמען ווערן מיר יונגע פֿרייד.
ווי וואויל דו טראַכטסט מיך
אויף די כוואַליעס פֿון דײַנע שטומע רייד.
איז וואָס אַז איך בין נישטאָ?
אַז דו ביסט נישטאָ?
די נאַכט אַליין איז דאָ.
און אין איר זײַנען מיר
פֿאַרפֿלאַנצט ווי איין שאָטן פֿון אַ בוים.
קוים, קוים.

געדענקלידער

סיידישע וואָרט

ס'יידישע וואָרט בליט אויף אַ מאַנדלשטעקן.
און יעדער ברכה איז באַ'טעמ'ט,
יעדער קללה איז געגראַמט,
יעדער וואָרט טוט שמעקן,
יעדער וואָרט טוט טריפן,
און יעדער וואָרט איז באַזאַפט
מיט באַבעשאַפט.
אַ, געטרייע לאַנדשאַפט פון אַמאָליקייט —
אין אַ זאַמדיקן מדבר.

אין אַ מדבר בליט אַ מאַנדלשטעקן,
און אויף אים שפּראָצן יידישע ווערטער.
אַ וואַנדראָווניק אויף אַ קעמל
ציט אַהין ווי צו זיין באַשערטער.
און אַרום דעם שטעקן וואַקסן
זיסע קרייטעכצער,
און עסט מען זיי, עפענען רעטענישן
זייערע באַטייטעכצער,
און אַלע פאַרהוילענע נישטוויסערייען
ווערן סאַמע קלאָרע פאַרשטייטזיכער.
און אַלץ ווערט כדאי,
און אַלץ ווערט האַפט,
אַלץ ווערט אַנגעיאָרנט
און אַנגעטרונקען מיט פרייד
פון באַבעשאַפט.

דער וואַנדראָווניק שרייט אַריין אין דער נאַכט
און טוט וועקן —
הוי, ווייגעשריגן,
אין דער מדבר בליט אַ מאַנדלשטעקן!

אַ ניגון

איז געזעסן אַ ייד איינער אַליין,
אויפן שוועל פון זיין הויז.
זיין באָרד איז נאָך געווען שוואַרץ,
ויינע אויגן יונג.
ער האָט נישט געהאַט נישט קיין ווייב,
נישט קיין קינד.
איז ער געווען טרויעריק און ריין פון זינד.
איז ער געזעסן איינינקער אַליין —
עלנד.
הייבט ער אויף די אויגן צום הימל,
זעט ער ס׳רייט שוין אָן די נאַכט.
באַלד וועט די מלכּה שבת פאַרבייטאַנצן
און זאָגן — גוט שבת.
און נאָך איידער ער וועט דערזען איר שוינקייט
און איר לויטערקייט,
וועט זי שוין זיין העט.
און ער וועט בלייבן איינינקער אַליין —
עלנד.

האָט ער אַזוי געזונגען:
צו דער שטילער וועלט,
צו דער גרויסער וועלט,
צו דער גרויסער, גרויסער וועלט,
גוואַלד, איז דאָס אַ טייערע וועלט.
אָבער ווי מיין לעבן, וואָס האָב איך נעבעך פאַר אַ ווערט?
מיינע שבתים זענען מיר וויסט,
מיינע ימים־טובים פאַרשטערט.
איך בין דאָך אַן אָפּגעריסן צווייגל,
אַ בידנע פייגעלע אין אַ שטייגל,
בין איך דאָך איינינקער אַליין —
עלנד.

און ווי ער זינגט אַזוי
קומט אָן די מלכה שבת.
און זי איז יינגער פון אַלעמאָל,
און שעמעוודיקער ווי אַלעמאָל,
זי פאַרהאַיעט זיך פאַר זיין שוועל אַביסל,
זי בייגט זיך אָן און גיט אים אַ קוש אויפן שטערן,
דעם ייד מיט דער שוואַרצער באָרד
און יונגע אויגן.

זיצט אַזוי דער ייד אין אַ זיסער שלעפעריקייט.
ער ווערט מיד און מידער,
אַ פריידיקע וואַרימקייט צעגיסט זיך אין זיינע גלידער.
אם ירצה השם, באַלד אויף דער פולער וואָך,
וועט ער פערד און וואָגן שפּאַנען
און הייטיאָ — אַוועק פון דאַנען.
איי וועט ער די פערדעלעך דערלאַנגען אַ טרייב
און ער וועט פאָרן און פאָרן זוכן אַ ווייב.
איז דאָס, קיין עין הרע, אַ וואוילע וועלט.
גוואַלד, איז דאָס אַ טייערע וועלט.
און ס'איז נישט גוט צו זיצן איינער אַליין
אין אַ גרויסער וועלט.
איינינקער אַליין —
עלנד.

דער רייזעמאַן

געקומען צו פאָרן אַ רייזער פון ווייט,
געווען אין ווינע, בערלינע, כינע, פאַלעסטינע,
אומעטום געוועזן און אומעטום געוועזן,
אַלץ געזען און אַלץ געזען —
דער גרייזער ווייזער רייזעמאַן.

שטעלט אים אָפּ אַ יידל אין גאַס:
— האָסטו געזען דאָס צויבערפּאַס?
אַוואָדע, וואָדען?
אַוואָדע, וואָדען?
אַלץ געזען און אַלץ געזען,
אַליין געזען דאָס צויבערפּאַס
מיט דעם גילדענעם עפּלקוואַס.

דערציילט אַזוי דער רייזעמאַן :
געיאָזדעט מיט וואָגן,
און געיאָזדעט מיט באַן,
אומעטום געווען און געוואָן,
מיט די אייגענע אויגן אַלץ געזאָן.

שטעלט אים אָפּ אַ דייטשל אין גאַס
און זאָגט אים : — מאַגע
איך אײַנען שטעלן אַ פראַגע ?
זאָגט דער רייזעמאַן : — אַדראַגע
מיט דער גרעסטער פאַרגנאַגע.
מאַכט דאָס דייטשל אָט אַזוי :
— האָסטו געזען די קופּערנע פרוי ?
גיט זיך דער רייזעמאַן ביי דער באָרד אַ גלעט
און זאָגט מיט אַ שמייכל : כ׳מאַך אַ וועט.
אַוואַדע, וואָדען ?
אַוואַדע, וואָדען ?
אַלץ געזאָן און אַלץ געזען.
אַליין געזען די קופּערנע פרוי,
ווי איך בין אַן אַלטער גוי.

דערציילט אַזוי דער רייזעמאַן :
געריטן אויף פערד, אונטער דער ערד,
געווען אין האָצים, אין פּלאַצים,
אין רייסן, אין פּרייסן,
אין אונגאַרן, קירע, און שושן הבירה,
אומעטום געווען און געוואָן,
מיט די אייגענע אויגן אַלץ געזאָן.

אין שענקל איינער אַליין
זיצט דער רייזער איבער אַ גלעזל וויין
און טראַכט : וואָס־זשע וועט מאָרגן זיין ?
אַלע ליגנס אויסגעלייגט,
אַלע דערציילעניש אויסדערציילט,
אַלע לענדער אויסגעטראַכט,
אַלע רייזן אויסגעדאַכט.
אַ מכה געזען און אַ מכה געזאָן,
נישט געווען און נישט געוואָן —
דער גרייזער, ווייזער, רייזעמאַן.

קליינע נאַכט־מוזיק

א

פאַרשאָטן מיך, פאַרטונקל מיך, פאַרשווינד מיך.
איך בין צו קליין צו לעבן גרויס.
געשע אַרום מיר וואָס ווייניקער,
פלאַטער אַרום מיר סודות פון קלייניקייטן.
גיב מיר אָפּ מיין חלק וועלט
אויף אַ קליין טעלערל,
און צאַפּל מיך אַרום מיט זונאויפגאַנגען.
פאַרגאַנגען, רעגנס, שלאָף.
גיב מיר דאָס קלענסטע בעטל.
כ׳בין צו קליין צו לעבן גרויס.
גיב אויף מיר אַ שטילן בלאָז
און לעב מיך אויס.

ב

ס׳זיינען אָנגעפלויגן די פייגל,
מיט דעם פאַרנאַכט אין זייערע
זינגנדיקע העלדזלעך.
אַ העזל ווערט פאַרגליווערט פון שרעק
און קייקלט מיט די אויגן.
ס׳פעלד ליגט אָפן
אַנטקעגן אַ רויט־צעפּאַסמעוועטן הימל.
אַ דאָרף־פידלער גייט אַהיים,
מיט דער לאַסט פון אויסגעשפּילטע לידלעך.
די נאַכט קומט אָן ווי אַ דין גלעקל.

ג

אָ איך בין, איך בין.
טרויעריק בין איך און קוים־קוים זינגעוודיק.
דער איטאַליענער פירט אַהיים ס׳קליינע מאַלפּעלע,
און איך זיץ פאַר מיין הויז
און באָד זיך אין שטילקייט.

ס'קליינע מאַלפּעלע האָט אַ קלוג עקל
און ס'גייט בריה'ש אויף צוויי.
די נאַכט וואַקסט אָן אויף מיר שוואַרצע פליגל
און איך שווידער־אויף ווי אַ פלעדערמויז.

ד

ס'וויגן וויגן, שטילע וויגן,
שלאָפנדיקע וויגן,
די נאַכט איז געבליבן הענגען אויף אַ שטיק הויז.
אַ פענצטער ווערט זיך מיט אַ ביסל ליכט.
די קינדער האָבן טייערע קעפּלעך —
אַפילו אין דער פינסטער ווייסן זיי אַלץ.
וואווילע קינדער מיט צוגעמאַכטע אויגן
און ליכטיקע שרעקן.

ה

פאַרוואָר מיר נישט
צו זיצן אין דער פינצטער און טראַכטן.
דו וועסט נישט קומען צו מיר.
אפילו אין שלאָף וועסטו
פאַר'עקשנ'ט נישט קומען צו מיר.
פאַרזאָג מיר נישט מיטן הארבן וואָרט,
איך וועל דיך אויסטראַכטן
פון קאָפּ ביז די פיס
און איך וועל דיך איינראַגלען לעבן מיר
ווי אַ שלאָפנדיק קעצל.

ו

אַ קליינער, טרויעריקער רב
זיצט איבער אַ ספר'ל און געניצט.
אַ זילבערנע אשה שטייט פאַרגליווערט אין ווינקל,
מיט אַ געקאַכט הינדל אין טעפּל.
זי זינגט אַ שאלה.
טראַ־לאַם.
דער רב דרימלט איין.
די אשה זעצט זיך אַוועק אויף אַ פייערטאָפּ,
מיט רויט־שוואַרצע, צעבלאָזענע קוילן.

ז

טייערע נאָנע, מיט די קינדישע פּיסלעך,
און אַלטן קעפּל.
די נאַכט באַלאַסטיקט דיך ווי אַ שווערער צלם.
דו עפנסט אַ קליינע טיר
און פּאַלסט אוועק אויף אַ שמאָל בעטל.
אין ווינקל הענגט אַ שווערער, רויטער לאָמפּ.
דו ווערסט לייכטער און לייכטער.
דיין אַלט פּנים
ווערט פאַרטריפט מיט שלאָף.

ח

אַ קליין פּענצטער, אַ זיכער מויל,
אַ רואיקע באָרד.
די אַלטע נאַכט איז נישט זיין לעצטע.
דאָס זיכערע מויל זינגט:
ס׳איז דעם זינדערס וואוילזיין,
אַ הויז פון קאָרטן,
אָבער מיין טרויעריק שיפל
וועט זיך דערשלעפּן צו אַ באָרטן.
וועסט אונז אַלעמען קעריק
פירן אין דיין ליכטיקן האַרבעריק.
דאָס זיכערע מויל איז זיכער מיטן מאָרגן.

ט

פאַראַן אַ דאָרף מיט שוויגנדיקע בלומען
און טאָג און נאַכט דרייט זיך דאָרט אַ קליינע מיל.
געבויגענע עקסלעך קייען זיסע גראָזן
און דער פאַרנאַכט גרילט אין דער שטיל.
דאָס איז אַ וועלט פון זינגנדיקע צייכנס.
טירלעך שטייען אָפן ווען די נאַכט רייט אָן.
אַ גרייז־גרויער מאַן פאַרשווייגט זיין אַלטן הונט,
וואָס איז סיי־ווי אין זיך פאַרטאָן.

י

זאָל איך בענקען נאָך יענער פאַרטרויעריקטער פרייד,
וואָס האָט פאַרגעהיימט דעם קלאָרסטן זאַלבעצווייט
און פאַרטערט דעם שענסטן שמייכל?
די אומזיכערקייט איז געווען אייביק,
און אין דעם אייביק איז געלעגן דער פאַרבונד.

איצט איז די פרייד אַ פריילעכע
און יענער וואונדער פון טרויער
איז פאַרקינדישט.
און אַלץ איז קלאָר
און דער זאַלבעצווייט איז געזאַנג.
אָבער דער אייביק איז פאַרוואָלקנט
מיט פאַרגאַנג.

יא

דאָס טרויעריקע ווייב האָט געציילט קליינע זילבערלעך
און אַרויפגעבראַכט שוואַרציק ברויט מיט פּוטער.
די פאַרבע פון דער הייסער טיי האָט פאַרוואָלקנט
די באַנגערנדיקע מוטער.
כ'האָב געהערט אירע קליינע רייד.
די נאַכט האָט געדולדיק צוגעוואַרט.
זי האָט זיך אָנגעבויגן איבערן בעט
און דעם צודעק אַוועקגעשאַרט.

יב

געטרוי מיר פונדאַנען אַהין
און עטלעכע טריט ווייטער.
כ'גיי אַליין און וועל דיך נישט נאַרן.
כ'וועל דיר ברענגען מיין אָפן פּנים
און דו וועסט אָנען אַלע דערפאַרן.
איך בין אָנגעטרויעריקט מיט ביכער,
און אָנגעטרונקען מיט ווין פון צייטן,
און איך בין פלעגמאַטיש ווי אַ קאַץ,
וואָס לעבט אויף אַלע גרייטן.
זע, ווי איך קום צוריק צו זיך
צום וואונדער פון ערשטן פינטל.
פאַרמאַך דאָס פענצטער, ליבער פריינט,
און היט מיך אויס פון מינדסטן ווינטל.
און אינדערפינצטער זענען מיר צוויי,
וואָס קען נאָך זיין ווייניקער און מינער?
צו אַלע נישט־געזעטיקטע פאַרזוכערס
בין איך דער האַרציקסטער פאַרגינער.
לאָמיר אָנזאָטלען דעם שלאָף
און רייטן אין אַן אייגענעם גאָרטן.
און אינדערפינצטער וועלן זיך קושן
די געמעגטן מיט די נישטגעטאָרטן.

241

גערעדנק־
לידער

יעקב גלאַטשטיין

פון מיין גאַנצער מי

גרויסע וועלט פון שטילן וואונדער

נישט אויסגעפייניקט — אויסגע'תענוג'ט האָב איך דיך,
וואונדער אויף מיין צעשפּיגלטן דאַך.
אַ פויגל פאַר'חלום'ט אַ שלוק רעגנבלייב אין זיין ליבן האַלדז.
איך שפּיגל זיך אין מינדסטן טראָפּן
און זע די גרויסקייט וואָס האָט זיך פאַר קליין פאַרשטעלט.
אין די דלד אמות פון מיין בענקען,
שפּרייזט די רחבות פון גאָר דער וועלט.
אַרויס דורך טיר און פענצטער,
זינגט דאָס פּעטיטע וואונדער פון מיין געצעלט.

אַרום מיר פאַרפּויערטע שטילקייט.
עס אָטעמט בלום אין בלי און ס'לעבט בלום אין וועלק.
אַ מאַן טראָגט אַ שעפל מיט שוימיקן געמעלק
און כאַפּט מיך אויפן שאַרף פון זיין גוטמאָרגן.
אַ פאַרוואָלקנטע פרוי צופּט די סטרונעס פון אַן אייטערדיקער
הארף.
אַ קינד שפּילט זיך מיט די הענטלעך אין אַ וויגל.
געגודער פון געפליגל.
געזענג און געטענץ פון הענער און הינער,
קאַטשקעס און גענז.
ס'איז גרויסער טאָג.
אַ פלאַטער איז אָנגעפלויגן און אַוועק.
אַ מיידל מיט טרויעריקע אויגן
שירעמט זיך קעגן זון מיט אַ גרינעם הוט.
זי זינגט פאַר זיך און אויף די וועגן קומט
אַנטקעגן איר געזאַנג:
צו דער וועלט פון אַזויפיל ליכטער,
איז געקומען אַ פאַרנאַכט אַן אומגעריכטער
און פאַרשוידערט מיט שטילשווייג און דערוואַרטן.

און אַ נאַכטקול ענטפֿערט אָפּ:
די נאַכט פֿינצטערט איבער שטילע ברויטן.
אײביק איז מײַן וועלט פֿון ליכט.
איבער אַלע דײַנע משוגע׳נע טויטן,
גייט אויף מײַן שטערן אומגעריכט.

דאָס מיידל מיט דעם גרינעם הוט פֿאַרשטאַנט
איר אייגן געזאַנג:
די גרויסע וועלט פֿון שטילן וואונדער,
פֿלעמלט אין פֿאַרנאַכטיק ליכט.
און אין יעדער פֿאַרדרימלטן אויג באַזונדער,
שטערנט־אויף אַ חלום אומגעריכט.

דאָס נאַכטקול ענטפֿערט אָפּ:
אויף די ביימער זינגען טונקעלע קרוינען.
די דעכער שפּיגלען זיך אַנטקעגן נאַכט,
און אַלע קליינע באַטאַגיקע לוינען,
ווערן איצטער ווייִנענדיק פֿאַרלאַכט.

דעם אַוונטיקן דוּעט טראַכט איך אָן אַזוי אויף זיך:
ווי ווייניק וועלט ס׳איז מיר באַשערט,
ווערט דאָס וואונדער נישט פֿאַרקלײנט.
און האָב איך עפּעס באַזונדערט און צעשטערט,
ווערט עס איצטער צוריקגעבויט און פֿאַראייִנט.

דאָס מיידל זינגט מיט רופֿנדיקע ליפּן.
דאָס לאַרעליי־קול שלעפֿערט און שרעקט.
מײַנע אויגן ווערן זעעוודיקער און גרעסער,
מײַנע אויגן ווערן אויפֿגעפּלעקט.
דאָס מיידל פֿאַרשווינדט, דאָס נאַכטקול פֿאַרטונקלט.
די נאַכטיקייט ווערט אָפּגעהילט פֿון טאָג.
און צו דער באַפֿעלערישער שטילקייט
גיב איך אַזוי אַ זאָג:
גאָט פֿון אַלדי רוען,
פֿאַראיצטיק מיך אויף שטענדיק,
מיט מײַן חלום און מיט מײַן וואָר.
דעם לעצטן ניגון לעש אויס, פֿאַרענדיק,
און פֿאַרגלייווער מיך אויף טויזנט יאָר.
און טויטערהייט וועל איך געדענקען
דעם אַוונטשײַן אויף אַ ליכטיקער וועלט,
און יאָר איין יאָר אויס שטאַרקער בענקען,
נאָך דעם פּעטיטן וואונדער פֿון מײַן געצעלט.

צו אַ שוועסטער אין ווייטעניש

איך שיק דיר אַ פּאָר ווערטער — פּייל אויסן בויגן.
דיינע דערשראָקענע צעפּלעך
זענען יינגער פון דיינע אויגן.
דיינע באַקן זענען קראַנק.
שרייבסט מיר טויזנט בריוו אין געדאַנק
און מעקסט זיי אויס מיט אַ שמייכל.
וואַקסט יעדער טאָג מיט די גראָזן,
אָבער ביי מיר ביסטו אַלץ
אַ מעדאַליאָן אויפן האַלדז,
וואָס דערמאָנט.

און איך, וואונדער איבער וואונדער,
בין פון דיר נישט ווייט און נישט נאָנט,
נאָר באַזונדער, אומגליקלעך באַזונדער.

יעקב גלאטשטיין

געדענק־
לידער

בירגערקריג

וועסט איבער מיר נישט געוועלטיקן
מיין ברודער קין.
אין יעדער דור וועל איך מיט דיר דעם קאַמף באַנייען,
ביז ס׳וועט אַמאָל פּאַרמענטשט ווערן דער טרויעריקער וואָלד.
מיין טויט הערשט איבער דיר און איבער דיין שלעכץ.
פאַרשוועכט האָסטו אונדזער יונגע ברודערשאַפט.
די מאַמע וויינט ביי אונדזערע ליידיקע בעטן,
ווייל דו ביסט אַרויס אין פעלד זיך פאַרוועטן,
מיט אייגן פליייש־און־בלוט —
וואָס איז ליכטיקער, פינצטערניש צי ליכט,
וואָס איז האַפטיקער, שלעכט צי גוט?
אַז איך וועל זיין טויזנט מאָל טויט,
וועסטו אַלץ זיין טויטער,
און דיך וועט אָפּמעקן דער טאָג
און מיר וועלן לעבעדיקע שטעלן בליענדיקע מאָנומענטן.
ס׳זעצט מיין קרבן דיר אין די נאָזלעכער.
ס׳איז פאַרנאַכט און ערב־לעבן און ערב־פרייד.
הער ווי מען זינגט אין שלאַכט לעבן אונדזערע היימען,
דאָס זינגט די פרייד פון טויט וואָס האָט אַ מאָרגן.
אָבער היינט, ברודער קין,
איז די נאַכט קיינעמס און דאָס שטיקל ערד איז קיינעמס.
הער זיך צו ווי ס׳קלאַפּט דאָס ערלעכע האַרץ פון אַ לאַנד.

די נאַכט בליצט מיט ליכטיקע ביקסן.
באַמבעס פלאַנצן געוויקסן אין רואינען,
וואָס נישט זיי גרינען,
נאָר גייען אויף אין דערשראָקענעם רויט.
קינדער זיינען שטיל.
און אַז קינדער זיינען שטיל
איז מורא׳דיק שטיל.

אַ גוטע נאַכט, וועלט

אַפּריל, 1938

אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט,
גרויסע, שטינקנדיקע וועלט.
נישט דו, נאָר איך פאַרהאַק דעם טויער.
מיט דעם לאַנגן כאַלאַט,
מיט דער פייערדיקער, געלער לאַט,
מיט דעם שטאָלצן טראָט,
אויף מיין אייגענעם געבאָט —
גיי איך צוריק אין געטאָ.
וויש אָפּ, צעטרעט אַלע גע׳שמד׳טע שפּורן.
כ׳וואַלגער זיך אין דיין מיסט,
לויב, לויב, לויב,
צעהויקערט יידיש לעבן.
חרם, וועלט, אויף דיינע טריפה׳נע קולטורן.
כאָטש אַלץ איז פאַרוויסט,
שטויב איך זיך אין דיין שטויב,
טרויעריק יידיש לעבן.

חזיר׳ישער דאַטש, פיינטלעכער ליאַך,
עמלק גנב, לאַנד פון זויפן און פרעסן.
שלאַברע דעמאָקראַטיע, מיט דיינע קאַלטע
סימפּאַטיע-קאָמפּרעסן.
אַ גוטע נאַכט, עלעקטריש צע׳חוצפה׳טע וועלט.
צוריק צו מיין קעראָסין, חלב׳נעם שאָטן,
אייביקן אָקטאָבער, דריבנע שטערן,
צו מיינע קרומע גאַסן, הויקערדיקן לאַמטערן,
מיינע שמות, מיין סוואַרבע,
מיינע גמרות, צו די האַרבע
סוגיות, צום ליכטיקן עברי-טייטש,
צום דין, צום טיפן מיין, צום חוב, צום גערעכט,
וועלט, איך שפּאַן מיט פרייד צום שטילן געטאָ-לעכט.

אַ גוטע נאַכט. כ׳גיב דיר, וועלט, צושטייער
אַלע מיינע באַפרייער.
נעם צו די יעזוסמאַרקסעס, ווערג זיך מיט זייער מוט.
קראַפּיר איבער אַ טראָפּן פון אונדזער געטויפט בלוט.
און איך האָב האָפן אַז כאָטש ער זאַמט זיך,
גייט אויף טאָג-איין-טאָג-אויס מיין וואַרטן.
ס׳וועלן נאָך רוישן גרינע בלעטער
אויף אונדזער בוים דעם פאַרקוואַרטן.
איך דאַרף קיין טרייסט נישט.
איך גיי צוריק צו דלד אמות.
פון וואַגנער׳ס געץ-מוזיק, צו ניגון, ברומען.
כ׳קוש דיך, פאַרקאָלטנט יידיש לעבן.
ס׳וויינט אין מיר די פרייד פון קומען.

וועגענער

יוני, 1938

מיט שטילע צייכנס פון ווייט
קומען אָן פאַרנאַכט טרויעריקע וועגענער.
ס׳שטייען אויפגעפּראַלט די טירן,
נאָר אינערגעץ וואַרט נישט קיין באַגעגענער.
ס׳דאָרף איז רואיק, ס׳קלינגען גלאָקן פון שטילקייט.
ס׳בייגט זיך געהאָרכיק יעדער גרעזל
אונטער צעצונדענער קילקייט.
עטלעכע קראַנקע יידן קריכן פון די וועגענער אַראָפּ
און ס׳פּלאָנטערט זיך אַ קלוג וואָרט
אין יעדער פאַרטראַכטן קאָפּ.
גאָט, אויף דיין וואָגשאָל פון גוטס און פון שלעכטס
שטעל אַוועק איצט אַ טעלער וואַרעם געקעכץ,
אָדער גיב כאָטש אַ וואָרף
אַביסל האָבער פאַר די מאָגערע פערד.
ס׳ווערט פינצטערער די טויטקייט פון דאָרף.
אַ גרויזאַמע שטילקייט באַפאַלט די יידישע בערד
און איינער אין אַנדערנס אויגן דערזעט
ווי ס׳שווידערט אויף מיט שרעק אַ געבעט —
אַז ס׳וועט קומען דער טויט
זאָל איך נאָר נישט בלייבן דער לעבעדיקער איינער.
פאַרזע מיך נישט מיט מיינע דינע ביינער.

247

געדענק־
לידער

יעקב גלאַטשטיין
פון מיין גאַנצער מי

לתרצ״ט

ס׳וועט אונדז אָרימער דאָס לעבן און קלענער די וועלט,
געמינערט אונדזערע פריינט, צעלפאַך אונדזערע שונאים.
אומדערבאַרמיק איז די נאַכט צום חולה,
אונדז איז אויך בייטאָג די זון פאַרשטעלט,
אַ פלוך האָט געטראָפן ווי אַ דונער יעקב׳ס געצעלט,
ס׳וועט אונדז איינגעשרומפן די וועלט.

זע ווי אַ סך מיר זענען, אונדזערע אָפּטריניקע זיינען מיט אונדז,
דער פיינט האָט זיי אָנגעיאָגט אינמיטן אַנטלויפן.
פאַרנעם זייער שווייגן. ס׳איז אויך אונדז שוין דאָס וויינען
ווידערוויליק.
אָבער הער ווי דער מערדער האָט באַפוילן: פאַרטיליק!

ס׳פאַרן נאַשפּיץ אונדזערע פאַרלענדערס,
זיי האָבן אונדזער גאַנצן גלות אונטערגעצונדן פון אַלע זייטן.

מיר זיינען אין אַ כאַפּקע, די אַנרייצער טייטלען אויף אונדז
מיט די פינגער און זאָגן:
אָט איז די שולד פון אלע פּלאָגן.

וועג-גייערס ציען פאַרביי און שמוצערן אפילו נישט מיט די ליפּן.
צי איז אימיצנס בראָך אַזוי ווי אונדזער?
ווייל אויך זיי זענען באַלאַסטיקט און צעטראָטן,
קריכן זיי נאָך טיפער אין זייער שווייגן ווי די קראָטן.
צו וועמען זאָלן מיר אויפהויבן די אויגן?
ס'איז די וועלט איצט רשע אָדער קרבן.
און אינצווישן אַ האַז וואָס האָרכט צום מינדסטן שאָרכן
און באַוויינט דעם אמת וואָס איז געשטאָרבן.

אונזער דלות האָט אַ גילדענע ראַם
פאַרגינען זיי אונז נישט דאָס לעבן.
מיר וואָלטן שוין אונזערע ראָטשילדס אַוועקגעגעבן.
אָבער אפילו אונזער יידענע מיט באָב
איז זיי גרוים אין די אויגן.
אויך זי האָט ביי זיי דאָס בלוט אויסגעזויגן.
זע ווי זיי רייסן אונז פון מויל דאָס פּיסנע ברויט.
קלאָגן מיר דעם קלאָג פון הונגער-טויט.

פרעמדע סלונע געשלונגען פון פרעמדע פעלקער.
איצט וועט די זיפּ אונז איבערזיפּן.
זיי וועלן די גאַנצע וועלט פאַרשרייען —
זיי זענען זעמל-מעל, מיר דאָס קלייען.
עס איז זייער יום-טוב פון איבערהיפּן.
אויף אונזערע טירן די געלע פאַרבן.
מיר, די בכורים, מוזן שטאַרבן.

אַלע גוטע קריסטן שלאָפן,
נאָר מיין הויז איז וואַך.
קריסטל, קריסטל, אַז וואויל איז דיר,
ס'וועט דער משחית טרעפן צו מיין טיר.

דער הימל איז הימל צו גאָט,
די ערד האָסטו איבערגעענטפערט אין רשע'ס האַנט,
ער זאָל שאַלטן און וואַלטן.
זאָל דער הימל זיך שפּאַלטן,
אָדער עפן פאַר אונז כאָטש אַ קליין פענצטערל פון רחמים,
ווייל מיר זענען צו אויסראָטונג אויסגעשטעלט.

ס'ווערט אונז אָרימער דאָס לעבן און קלענער די וועלט,
עס ווערט אונז ענגער די וועלט.

די נאַכט האָט זיך צעבליט

יאַנואַר, 1939

הער ווי מאָרד ווערט גערימט און געגרויסט
הער דעם הייל.
צום בלוטיקן פויסט.

מיט דעם הייזעריקן
האָרסט וועסעל געזאַנג,
איילט זיך אַ פאָלק
צום אונטערגאַנג.

די נאַכט האָט זיך צעבליט
ווי אַ בלאָטער אויף אַ קאַרק.
אַ צעיוכעטער זיגער
שטייסטו אין מיטן מאַרק.
ס'איז פינצטער דיר דיין לעבן,
געפינסטו זיך נישט קיין אָרט.

געדענק־לידער

וואַרטסט און וואַרטסט און האָפסט
אויף מיינס אַן איינציק וואָרט.
אָבער איך לאָז דיר אין פּנים
מיט אַ טויט געמיט.
(ווי אַ מיאוסער בלאָטער
האָט זיך די נאַכט צעבליט.)
איך פּייניק דיך מיט שווייגן.

דו זוכסט אין מיינע אויגן
אַ טרייסט וואָרט אָדער אַ שעלט.
ס'שטיקט דיך דער רויך
פון מיין פאַרברענטער וועלט.
וויינסט, דו טרויעריקער מערדער,
רעוועסט אויף אַ קול.
זוכסט ביי דיין קרבן
אַ שותּף צו דיין עול.
אָבער איך בין שוין געגעזן
פון דיין לעצטן קלאַפּ.
איך בין שוין אָפּגעוועזן
און דו ביסט אַלץ נאָך דאָ.
אין מיינע פאַרגלייזטע אויגן
איז פאַרשפּיגלט דיין לעצטע שעה.
אַ פריידיקע רואיקייט
האָט זיך אַרום מיר צעגליט,
(ווי אַ מיאוסער בלאָטער
האָט זיך די נאַכט צעבליט) —
איך פּייניק דיך מיט שטילקייט.

אויף דעם העכסטן מויער
גיי אַרויף און פאַרשעלט,
אַ לאַכנדיק פּנים
אַ רואיק געצעלט.

מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט.
אין פריידיקן כאָר,
הערסטו די גסיסה
פון אַ לעצטן דור.

צום טאַטן

װען איך האָב נאָך געשטעלט די ערשטע װערטער,
האָסטו מיך שוין געכאַװעט אויף מענדעלען און פרוגן.
װי װיין געצערטער אין קרוגן
איז געװאָרן פאַר מיר דאָס ייִדישע װאָרט.
גאַנץ אָפט בין איך געזעסן אַ פאַרקלערטער,
איבער אַ ליידיק בייגעלע פּאַפּיר
און געזיפט דיין פרייד,
װען דו האָסט געקוקט אויף מיר און געשעפּטשעט צופרידן —
ס׳װאַקסט אַ שרייבער ביי ייִדן.

און אַז דו האָסט געזאָגט ביי ייִדן,
האָב איך געזען ממש װי דו כאַפּסט מיך אויף די הענט,
און ברענגסט מיך מיט שמחה פאַר אַ בראַנד־אָפּפער.
װאַרטסט ביז דיין קרבן זאָל געבן דעם האַלדז אַ שטרעק
און װערן פאַרברענט.
גיי, דו שנעק, צו דיין פאָלק.
ביסט, אמת, נישט מיין ערשטגעבוירענער, מיין ערשטקראַפט.
אָבער איך האָב דיך אין צער דערװאָרבן.
צװיי זענען פאַר דיר געשטאָרבן,
צװיי מאָל האָב איך געזאָגט : גאָט האָט גענומען
װאָס ער האָט געגעבן.
ביסט דער פאַרדרייפאַכטער זאַפט פון מיין לעבן.
װיפיל מאָל, טאַטע, האָסטו גאָלדפאַדענס לידלעך
מיר אין שלאָף אַריינגעשפּונען.
אַװעק זענען שוין די יוגנט־טעג, דאָס לעבן צערונען,
האָסטו מיט אייגענע װערטער מער געקרעכצט װי געזונגען.
אָבער ביים האַלב־אַריינגעדרייטן לאָמפּ
און װענט פאַרשאָטנט מיט װיגנדיקע געשטאַלטן,
האָסטו פון מיר דיין שמייכל נישט געקענט באַהאַלטן.
האָסט לעבן מיר אַװעקגעלייגט דיין קאָפּ דעם מידן,
און ס׳האָט אויפגעלויכטן דיין פרייד און שטאָלצער חלום —
ס׳װאַקסט אַ שרייבער ביי ייִדן.

גערענק־לידער

איז הײַנט דײַן יום־טוב,
און ס'איז גרייט פֿאַר דיר דער אויבנאָן.
נאָר ס'איז נישט פֿריידיק,
ווען איך גיב זיך אַ דערמאָן
אַז דײַן כּסא איז ליידיק.
איך זיץ גאַנצע טעג אומזיסט בײַם באָרטן.
מײַן ביסל גליק דערגרייכט נישט צו דײַן האָרבעריק.
און ס'קומען ניט קיין שיפֿן פֿון דאָרטן.

שיק איך, טאַטע, אַ גרוס פֿון אַזויפֿיל ייִדן,
צו דיר אַהין, קיין לובלין.
אונזער טרייסט דאַרפֿסטו נישט.
לייענסט נאָך יעדער כּעלות דעם חק־לישׂראל.
האָסט נאָך אַלץ אַ לעבעדיקן טאַטע־פֿאָטער אויבן.
איז דײַן בטחון פֿעלז און שטאָל.
שעפּסטו גאַנצע עמערס גלויבן.
צו מיר שרײַבסטו אַ גרוס — מען לעבט.
וואָס קען מען שוין, משטיינס געזאָגט,
טאָן צו מײַן אַלטן גוף.
יעסטעם זדראָוואָ.
איך בין מיט יאָרן זאַט שוין.
טוואָי אויטשעץ —
איצעק גלאַטשטיין.
שטויב איך איצטער אַף דײַן ליידיקן שטול,
דו ביסט נישט נאָר טאַטע.
ביסט אַ ייִד אין גּעטאָ מיט אַ געלער לאַטע.
און דאָס איז אַ זכיה,
דאָס איז אַ גרויסע רבותא —
שכינתא בגלותא.

אין יאָר אַזוי און אַזוי,
ווען ס'האָט ייִדישלעך אויפֿגעלויכטן מײַן נאָמען —
אַביסל ליכטיק, אַביסל טריפֿיק,
פֿון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפֿיק.
ווען איך בין געוואָרן אַ שרײַבער בײַ ייִדן.
האָט מײַן האַרץ געצויגן צו שטויבן זיך אין דײַן שטויב.
צו קושן דיר די מידע טריט.
צו גיין אַ ניט־דערשאָכטענער קרבן,
מיט פֿאַרבלוטיקטע און געשוואָלענע פֿיס.
צו דיר אויף יענער זײַט טויער.
אַהין, צום פֿינצטערן לובלין.

גאָט איז אַ טרויעריקער מהר״ל

גאָט איז אַ טרויעריקער מהר״ל.
אַ שטראַל פון זיין גוטסקייט
פאַלט אויף אַ פינצטערער וועלט.
ער זיצט ביים קוואַל פון זיין וואונדער
און וואַרפט אַריין שווערע שטיינער.
הער, ער איז אומגליקלעך איינער.
די פאַר׳גולם׳טע שטראָף איז שוין מער נישט זיינע —
זי האָט אים איבערגעמעכטיקט.
יעדער זיפץ איז גערעכטיק.
יעדער געשריי צעבליצט די פאַריינזאַמטע הימלען.
די אייביקייט דערלויפט צום משוגענסטן פינאַל.
גאָט איז אַ טרויעריקער מהר״ל.

גאָט איז אַ טרויעריקער מהר״ל.
דער שאַל פון שופר
יאָגט אָן אין וואַלד אַ ימים־נוראים׳דיקן ציטער.
דאָס האַרץ פון גרויסן שטראָפער
איז ביטער און צעבראָכן.
נים ער האָט אויסגעטראַכט אַזוי פיל בראָכן.
ער ווערט פאַרשעמט און קליין אין געמיט,
ווי יעדער דערשראָקענער ייד.
שטילערהייט וועט ער זיך אַריינ׳גנב׳ענען אין שול.
אָן איינגעהילטער אין טלית וועט ער שטיין,
אין פאַליש ווי אַ בעל־תשובה
און רייסן די פאַרטונקלטע הימלען מיט געוויין.

אַ ווינט גיט אַ האַרבסטיקן ציטער.
אַ בוים גיט זיך אַ צעוויג.
אַ בלאַט גיט אַ פאַל.
גאָט איז אַ טרויעריקער מהר״ל.

גדענק־
לידער

יעקב גלאַטשטיין
פון מיין גאַנצער מי

געטאָ־ליד

מיין געזאנג אין דיינע ביינדלעך,
ווי יונגער שניי צעגייט.
אין דיינע שטערנדיקע אויגן,
וואַכט אויף אַן אַלטע פרייד.
לאַבעלע, מיין קינד,
זינגעניו, מיין טרויער,
ס׳גייען אויף זיבן זונען
אויף אַן אַלטן מויער.

דער שבת ווײַנט אַ פאַרשוועכטער,
פון די בוימער־שפיצן.
אויף אַלע חושכ׳דיקע געסלעך,
טויטע בעטלערס זיצן.
שווייגעניו, מיין קינד,
שלאָפּעלע, מיין קרישל,
אויף דיין ליידיקן טעלער,
טאַנצט אַ גילדן פישל.

שטערן פון אונטערוועגנס —
באַלייכט דיין טאַטנס וועג.
די לבנה איז זיין פאַרמעגנס,
אויפן נאַכטיקן געיעג.
שלאָפּעשי, מיין קינד,
קושעניו דיינע אויגן,
איבער קלאָגנדיקע חורבות
איז אַ טייבעלע געפלויגן.

דאָס טייבעלע ביסטו דאָך,
דיינע העלטלעך ווייסע פליגל,
דיין מאַמע וועט נישט אָפּטרעטן
פון דיין הונגעריק וויגל.
שאַזשעשי, מיין קינד,
שטילעניו, מיין טרויער.
דיין טאַטנס גוטע הענט
עפענען דעם טויער.



פון קינדער-צימער

א

זייגער און מאַמע

אַ קליק טיקט און זי אַ
איז אַ וואַרעם און אויג
און אויג און כאַ און האַנט און האַנט
און קלייד און קליק
קליק קליק קליק.

ב

גאָטבעכי

באַשירעמט זאָל מען ווערן.
באַהיט זאָל מען ווערן.
גאָטבעכי.
גאָטבעכי איז אַ מלאך,
וואָס האָט נישט מורא פאַר דעם דרויסן.
איינער אַליין,
אין דער פינסטער,
ליגט ער אויסגעשטערנט
איבערן הימל.

ג

אַ יינגעלע און אַ זעמעלע

אַ יינגעלע עסט אַ זעמל מיט פוטער,
אַ קעצל קוקט אים אין די אויגן.
דאָס יינגעלע איז שלעפע און הונגע.
איין אויג קלעפּט זיך.
די קאַץ האָט אַ גרויס גלעזערן אויג
און די נאַכט האָט דריי אָדער אפשר פיר
גלעזערנע אויגן.
און די מאַמע האָט אַן עק און לאַפּעס מיט נעגל.
זי טוט אים אויס און דראַפּעט.

זי איז גוט און דראַפּעט.
דער זעמל איז פינסטער, ווי די נאַכט,
פון דאַנען ביז אַהער און העט.
און די נאַכט איז אַ גלעזערנע.
אַ שוואַרץ פענסטער איז די נאַכט,
וואָס ליגט אויפן דיל און אין מאַמעס לידל.
מאָרגן וועט זיין בעסער.
עס וועט זיין אַביסל ליכטיק
און מען וועט נישט מורא האָבן צו קוקן
דורכן קעצל־אויג צום דרויסן.

ד

נאַכט, זיי שטיל צו מיר

נאַכט, זיי שטיל צו מיר —
שטילע נאַכט.
נאַכט, זיי לאַנג צו מיר —
לאַנגע נאַכט.
מיט מיר אונטער דעם צודעק זיי שוויג צו מיר —
שוויגע נאַכט.
איך וועל עס דריי מאָל איבעראיבערן,
העכער פון דער מורא זינגען.
היימלאַך איז מיר דער גרויל פון דיינע
קעצלדיקע אויגן אין אַלע טונקלען.
ליב איז מיר די שרעק פון דיינע
מיליאָסן רוישן אין אַלע ווינקלען.
די מאַמע איז אַ מערדערין,
איר אַרט נישט, וואָס אַ שאָטן
שאַרפט אַ מעסער און וויל מיך קוילן.
זי איז אַוועק, אין טאַטנס בעט,
און איר אַרט נישט, וואָס מאָרגן
וועט מען מיך געפינען אַ דערוואָרגן.
אַרט מיך אויך נישט.
אַרט מיך נישט.
אַרט מיך אויך נישט.
אַרט מיך נישט.
אַרט מיך אויך
נישט.
דורך דער שמאָלער סטעזשקע
נאַכט, זיי קום צו מיר.
צו מיר אין פענסטער,
נאַכט, זיי קוק צו מיר.
קוקע נאַכט.

ה

אויפן עשאַפאָט פון אייגענעם בעט

אַרויפצוקריכן אויף דעם עשאַפאָט
פון אייגענעם בעט
און שטאַרבן פאַר דעם אייגענעם
אָפּגעליאַפּעטן לעבן,
ווען דער צייט פאַרגלוסט זיך,
איז אַ שווידערלעכע פּראָצעדור,
ליכטיקער זון מיינער מיט די בלויע פּייערלעך.

פאַר אַ פריינט, פאַר אַ ליבער חיה,
פאַר אַ צייכן,
פאַר אַ וואוילקלאַנג פון אַ קיילעכדיקן פּסוק,
קריגט דער נאַרישער סוף כל אדם
האַפט און מיין.
און שטאַרבן פאַר דיר,
זון מיינער ליבער, מיט די ליכטיקע
פרעג-ציטערלעך,
וואָלט דער טויטסטער טויט געווען זיס.

ז

אַליין

טאַטע-מאַמע זיצן אויף דער קאַנאַפּע און דרעמלען.
זי, די דרייצניעריקע, איז אַליין.
דער פאַרנאַכט פאַרצווייבערט דאָס פענסטער.
זי קוקט אַרויס מיט אירע גרויסע בלויע וואונדערס.
איר שטערן פאַרצייכנט ליכטיקע היראָגליפן.
רואיק דרעמלען טאַטע-מאַמע.
געגראַמט אין שלאָף, ווי אַ קינדער-ליד.
זי איז אַליין און ווער וועט זי באַוואַכן,
ווען עס וועט קומען דער צאַרטווילדער וואָלף?
דער צאַרטווילדער וואָלף איז האָריק
און זיינע אויגן זענען גרינע פליגן.
ער איז אַזאַ גוטשלעכטער וואָלף,
אַזאַ וואַרימער, געהיימפולער וואָלף.

טאַטע-מאַמע זענען אָפּגעשלאָפן פון איר עטלעכע מייל
און זי איז שווידערלעך אַליין.
נעגל דראַפּען די קליאַמקע.
די טיר סקריפּעט.
ווער וועט זי באַוואַכן,
ווען עס וועט קומען דער צאַרטווילדער וואָלף?

יידישטייטשן

יעקב גלאַטשטײן

פון מײן גאַנצער מי

זשילביל

מיט שיך און זאָקן, אַ פּאָר הויזן און קאַשקעט,
איז דער גאַנצער שווער־פאַרהאָרעוועטער ייִד
געווען אַ פויגל.
די אָרץ איז נישט פאַר אים געגעבן געוואָרן.
ער האָט געשפּירט, ער שוועבט באַפליגלט מיט אמונה.
זיין שטילער גאָט איז געשטאַנען ווי אַן ארון קודש
ביי אים אין ווינקל
און איז געווען ווייך, ווי וואַקס,
און גוט, און נאָכגעביק, און פאַרגעביק.
איבער אים און זיין ווייב די עקרה האָט גאָטעניו געוואַכט
און געאיידלט זיינע אומגעהובלטע רייד.

אודאי האָט ער געטראַכט אַמאָל פון טויט
און צוגעגעבן, אַז ס'איז נישט לעכטיק אין קבר,
אָבער אַז ס'האָט דעם בעל־שם געפּאַסט צו שטאַרבן,
דאַרף עס אים אודאי אָנשטיין,
און אַז דוד המלך האָט זיך באַנוגנט מיט זיבעציק יאָר,
וועט עס פאַר אים אוודאי קלעקן.

אין די לאַנגע נעכט האָט ער זיך געשפּיגלט
אין דעם מינדסטן נאָגל פון זיין ווייב.
ער האָט אָבער געוואוסט, אַז קיינמאָל
זאָגט ער איר נישט, וואָס ער וויל,
און וואָס ער וויל
טוט ער אויך
מיט אַ צערטלעכער בושה.
דו ווייסט, טענהט ער, מיט אַ קול אַ שטילס,
ווי אַן אָריינגעדרייטער לאָמפּ,
עס איז דאָס לעבן אַ באַגאַטעל.
מיר שטייען אויף דער שוועל פון דער סאַליע,
אינעווייניק הענגען די בליץ־לאָמפּן,
אינעווייניק איז וואַרעם.
אינעווייניק גייען אויף די פאַרפרוירענע אברים.
מיט דיר אינאיינעם, ליבער זלמן,
אין דער סאַליע צו זיצן,
איז שוין נישט קיין באַגאַטעל,
פלעגט דאָס ווייב אים גלעטן מיט אירע רייד.

אודאי וואָלט ער איצט, ווי אַן איינזאַמער בוים
געלעגן ערגעץ אויסגעוואָרצלט,
ווי אַ וויסטער פלאַקן.
אַי איז דאָס אַ שכל געווען דער עזר כנגדו
די יאָרן צו פאַרווינגן.
גאָט אַליין אין ווינקל האָט אַ דרימלענדיקער איבערגעזוונגען —
מיט דיר אינאיינעם, ליבער זלמן,
אין דער סאַליע צו זיצן
איז שוין נישט קיין באַגאַטעל.

263

יידישטייטשן

יעקב גלאַטשטיין

פון מיין גאַנצער מי

אַ רויטער הירש

איך האָב געזען אַ רויטן הירש
ביי אַ שטילן בוים —
אַ חלום האָט אים צוגעבונדן.
אַ רייטערין איז געזעסן אויף אים
און געזונגען.
דער יעגער איז געלעגן
און געדרימלט.
בליצן האָבן דורכגעזילבערט,
ווי געבויגענע קינזשאַלן.
די רייטערין האָט געזונגען.
דעם יעגערס ווייב האָט געבלאָנקעט
אַ באָרוועסע איבערן וואַלד
און גערופן איר מאַן.
בליצן האָבן דורכגעזילבערט.
די רייטערין האָט געזונגען שטילער,
ווען דעם יעגערס ווייב האָט פאַרבייגעשלייכט
מיט פאַרבלענדטע אויגן.

דאָס אַלמאַנכן

אַ רירעוודיקער טאָג. אַלץ האָט געאָטעמט.
ווען עגמאַן האָט געוואָרפֿן זיין ווייב
די טרויעריקע צוועלף שורות צו די פיס.
און צו זיינע קעץ האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם לעקער
און געזאָגט — לעקישבער! יאַכטשי בעבע!
כ'גיי אַוועק. איך בין אויך אַ לעבעדיקייט פֿאַר זיך.
נאָר די קעץ האָבן גאָרנישט פֿאַרשטאַנען.
און דאָס ווייב האָט געוויינט,
ווען זי האָט פֿאַרבונדן די עטלעכע יאָר
מיט אַ רויטער שנורוואָדלע
אויף נישט צו פֿאַרגעסן.
איז ער געגאַנגען מיטן שליאַך, עגמאַן,
ביז ער איז אַרויס פֿון ישוב
און פֿאַרביי די פֿעלדער און געזען אַ שטיבל.
דער אָוונט האָט שוין באַשאָטנט דעם וועג.
אויפֿן הימל האָט זיך פֿאַרזיכטיק גענומען שניידען
אַ טונקעלער לאָמטערן.
פֿאַרן שטיבל איז געשטאַנען אַ יונגפֿרוי און געזונגען:

„איך בין דאָס יונגע אַלמאַנכן.
איך שייל און שאָב קאַרטאָפּליעס אַ גאַנצן טאָג פֿון
געוואוינהייט.
פֿאַרבייגייער — איך האָב יונגע מייערלעך,
גרינע קאַריבולקעס,
סמעטענע מיט רויטע יאַגדעס.
רו זיך אָפּ אַ נאַכט און מאָרגן גיי דיר דיין וועג".

האָט עגמאַן געזאָגט, רעכט, מען דאַרף אויספּרואוון,
ווי וואָרעם ס'איז אַ פֿרעמד מאַלצייט,
אַ ניי געלעגער,
און עס פֿאַרשרייבן אויף צו געדענקען.
זי האָט גערעדט וועגן פֿאַרשידעניש,
פֿאַרשלייערט און פֿאַרצערטלט די געדאַנקעלעך
און אין בעט איז זי געווען סיי ליב און סיי געדולדיק,
דאָס יונגע אַלמאַנכן מיט די הענט,
וואָס שיילן און שאָבן קאַרטאָפּליעס גאַנצע טעג.

קלאָר, אַז ווען דער טאָג האָט אויפֿגעפּראַלט די טיר,
האָט עגמאַן געהאַט באַשלאָסן שוין פֿון פֿריער —
דאָ בלייבט ער נאָך אַ נאַכט.
און ווען די קעץ זיינען אים געקומען אויפֿן זכרון,
האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם לעקער
און געזאָגט — יאַכטשי בעבע, איך בין אויך אַ לעבעדיקער נפֿש.
דאָס אַלמאַנכן האָט אַרויסגעטאַנצט פֿון בעט
און געזונגען, ווי אַ יונגער פֿויגל,

גוטמאָרגן צו אַלץ און צום פֿאַרבייגייער עגמאָן,
וואָס האָט איר שוין דורך דער נאַכט
געהאַט אויסגעפּלאַפּלט זײַן נאָמען *).
די קו האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר,
אַז ס'איז שוין צײַט צו מעלקן.
דער הימל האָט געלאָזט פֿאַלן אַ שטיק פֿון זיך
אויף דעם שטיבל.
און ווײַל ס'איז עגמאָנען געווען אַזוי גוט
האָט אים אַ שניט געטאָן אַ זאָרג,
אויב ער וועט צומאָל נישט אָפּפֿינסטערן דאָ
נאָך גוטע צען יאָר —
און וויפֿיל צענער יאָר לעבט
אינגאַנצן משטיינס געזאָגט דער מענטש?
דאָס יונגע אַלמאָנכן האָט ווי אַ געניטע עלטערע שוועסטער
געמעלקט די בהמה,
און עגמאָן האָט זיך אָוועקגעזעצט פֿאַרן הויז
אַלץ באַוואונדערן,
בדי צו געדענקען, ווען ער וועט אַליין, ווי אַ ווערימל,
זיך דאַרפֿן שפּײַזן אויף באַהאַלטענע און אָפּגעשפּאַרטע קרישקעס.

דער טאָג איז געווען
(ווײַל ביי עגמאָנען זײַנען אויסגערונען אַלע ווערטער)
זייער און זייער גרויסאַרטיק.
עגמאָנען האָט זיך פֿאַרוואַלט פֿאַרצייכענען
אַן ערנסטען פֿאַרטראַכט
וועגן קעצלעך, וואָס מען נעמט, מיר נישט, דיר נישט,
און מען שטעקט זיי אַרויס אַ לעקער,
און וועגן דעם שאַרפֿן שניט פֿון צוועלף שורות.
דאָס יונגע אַלמאָנכן האָט אים אָבער גערופֿן אָנבייסן.
עגמאָן איז אַרײַן אין הויז און ס'האָט אים פּלוצים
אַ בליאַסק געטאָן אין קאָפּ
דאָס בעט, וואָס האָט געזויבערט מיט ציכן
און מיט וואַרימע קאָלדרעס.
האָט דער קאַפּריזנער עגמאָן ווידער צעוואָרפֿן דאָס בעט
און דעם פֿאַרטראַכט האָט ער באַהאַלטן,
ווי מען באַהאַלט אַ בלײַשטיפֿט הינטער דעם אויער,
אויף ווען מען וועט עס באַדאַרפֿן.
דאָס אַלמאָנכן האָט מיט אַ געלעכטער
אַלץ באַגריפֿן און באַנומען,
האָט זי אויך צוגעגעבן, אַז דאָס אָנבייסן
וועט נישט אַנטלויפֿן.

*) אים האָט געוויילט און ווײ געטאָן
דער אַלמאָנכנס פֿריידיקע דערפֿאַרנקייט
האָט ער געפּרעפּלט מיט יעדער לאַסקע זײַנער:
דאָס בין איך — עגמאָן,
זאָלסט מיך נישט פֿאַרגעסן.

יידישטייטשן

די לעצטע הון שאַפט

זעט, איך נעם עס ערנסט.
איך האָב געדולד און וואַרט.
איך זינג פון מוטערשאַפט און פון האָן.
לאַנגזאַם וואַקסט אַ גרעזל
אַרוים פון דער מאַמע-ערד.
מאַמע — דאָס איז דער סוד פון מיין צאַרטן ברי,
וואָס גלעט אַרוים אַ וואונדער.
(דער אינקובאַטאָר — נישט ער טראַכט,
נישט ער וואַכט),
ביינאַכט חלום איך און דער שנאָבל
פאַלט צו צו דער ערד.
ס'איז וואַרעם,
איך שאַף מיט האַרץ, מיט געפיל.
איך טראַכט אַמאָל פון טויט און ווער טרויעריק.
אויב איך בין טאַקע די לעצטע בריערין,
וואָלט איך געוואָלט אַזוי זיצנדיק פאַרשטיינערט ווערן,
ווי אַ דענקמאָל נאָך אַן אַלט ליד,
וואָס דינסט-מיידלעך זינגען,
ווען זיי ליגען אַליין אין בעט.

נאַכטלידער

א

ביי די טייכן אַזאַ שעפּסענע שטילקייט.
צווישן דיר און אַלץ ליגן גאַנצע דערפער מיט פרייד.
ווי אויסגעשטערנט דו ביסט אין דיין אייגענער וועלט.
ווי פאַרביק אין דיין פילקאָלירטן פאַרפלאַנטער.
אַ באַרוועס מיידל וואַרעמט דעם שטיין מיט איר געזעס.
אין ברונעם אונטן ליגט די מאַפּע פון דיין וועלט —
אַזוי אייגן, אַזוי פינסטער, אַזאַ צעצווייגטער טרויער —
ווי גרויזאַם אין דיין זינגענדיקער אָפּגעזונדערטקייט.
דער גאָרטן ציטערט אויף.
די לופט איז צערטלעך מיט דעם גערוך פון לייב.
דיין פיר־אייליקייט איז רחבות.
דיינע פאַרפרוירענע אויגן זיינען אָפן
צום שטילן לעבן, צום שיין פון אָפּגעצאַנקטקייט.
ווערטער טונקלען. אינהאַלט איז געזאַנג.
עס גייט אויף איבער דיר אַן אַפּאָקאַליפּטישע שפּראַך —
אַ געאַנטע, אַ דערמאַנטע.
די שטילע נאַכט זינגט מיט אַלע גרילן.
הער, ווי רוישן ווערן שטילן
און קלאַנגען ווערן שווייגיקייט.

ב

ביי דיינע מאַביקע פלויטן
שטייען קעמלען — געהאַרביקטע פאַרנאַכטן.
די שטילע וועלט איז באַרג־אַרונטער.
און לאַנגזאַם גייט אָפּ אַ קאַראַוואַן פון שאָטנס,
וואָס מעסטן די טריט מיט פאַרזיכטיקע פיס.
וואונדערשפּיל פון פייער און ליכט.
בייכיקער צוזאַמענגלי אין פינסטערן עקסטאַז.
ס'איז דער גרויסער זשעסט
פון פולע לאַגלען אינהאַלט אין שטילקייט —
געמאָסטענער, געצאַמטער טריט און אַרונטער —
זעק מיט רענדלעך רייד און שטומקייט.

עוועניו

אַ שפּאָן מעסט צווישען מיר און דיר סיי די נאָנט און סיי די ווייט.
די געלע פייערן פון דער עוועניו
ציטערן אין מיינע אויגן.
כ׳שטיי ביים ראָג אַליין
און ברום פאַר זיך אַ פריילעכס.
ווי אומבאַגרייפלעך, איינגעגעסן, טרויעריק איז דאָס לעבן.
אַלע גומענע רעדער שטייען אין געהאָרך
צו אויסגעחשבונטער טראַפיק.
מיין הארץ איז שטיל.
פייערן מיניען.
פענסטער זיינען פאַרשטיינט, ווי מצבות.
איך וויל אַריבער די גאַס.
אַלץ באַוועגט זיך ווידער אין נאַכט-טאַנץ,
ווי די קליינע לבנהלעך אויבן.
ס׳בליצן זילבערנע שיכלעך אויף די שטיינער.
ס׳זינגט אַ באַלויכטענער עראָפּלאַן
און איך אַליין צו זיך —
ווי אומבאַגרייפלעך, איינגעגעסן, טרויעריק איז דאָס לעבן.

ערשט אַט האָב איך געטראַכט פון דער נעבעכדיקסטער פליג,
נעבעכדיק, ווי אַ פליג, געטראַכט
פון דער קלענסטער באַשעפעניש,
אין דעם פלאַקערדיקן, באַלויכטענעם נאַכטיקן האַרמידער.
דער רויש איז גומיק און ווייך מיט געבעט
צו די שטילע סאַרטירטע שטערן אויבן,
פון אַלע גרויסן און קאַלירן.
כ׳שטיי ביים ראָג און דערמאָן זיך —
נעכטן ערשט האָב איך זיך געמאַכט הארץ
און פאַניבראַטסקי געטענהט מיט גאָט,
אים פאַרבעטן אויף טיי פאַר אַ שמועס
וועגן שעקספּירס עלעגישע שורות.*)

*) ליבער גאָט!
איך האָב דיך קיינמאָל נישט באַצווייפלט.
איך ווייס, דו ביסט דאָ, נאָר איך דאַרף דיך נישט.
ביסט שטאַרק, ביסט גרויס, ביסט מעכטיק.
איך בין שוואַך, מילביק און שטויביק.
אסור, אויב כ׳בין דיך מקנא.
דו אַליין טרייסט און גרויסט זיך נישט דערמיט.
טרויעריקער, טרויעריקער, איינזאַמער אומבריענגער.
צי איך גלויב אין דיר, צי נישט.
מיין באַלוין וועט סיי ווי זיין טויט-שטראָף,
ווען די צייט וועט קומען.
אָבער נאָך מיר וועסטו בענקען —
נאָך מיין שמייכל, נאָך מיין שכלדיק וואָרט.
האָסט אַליין געזען, ווי שטיל, —

יידישטייטשן

די גרינע פייערן ציטערן, ווי אַ הענגלבריק פון ליכט
דורך דער גאַנצער כוואַליענדיקער, ימיקער לענג פון דער נאַכט.
די פענסטער דערשראָקענע ווי אין אַ רעגן.
ס'איז זינג און צאַרטיק און האַרבסטיק איז
די נאַכטיקע דורכזיכטיקייט.
און איך אַליין צו זיך —
ווי אומבאַגרייפלעך, איינגעגעסן, טרויעריק איז דאָס לעבן.

שוואַרצע, ווייכע, פרוכטבאַרע ערד
איז איצט די שטייניקייט פון די גאַסן.
מאָרגן וועלן בלומען וואַקסן דאָ,
ווי ציטערנדיקע פלאַמען פון אַלערליי קאָלירן.
די קליינע שאָטנס זייערע פלאַטערן, פלאַקערן
שוין איצט אונטער די רעדער.
געשניצטע מאַנעקינען אין גרינע סאַמעטענע קליידער
ליבלען זיך און טוליען אויסגעטראַכטע באַגלייטער.
פון סיסטעם פון צוויי, טרויעריקער צוזאַמענקייט
און ווייַנענדיקער אַליינקייט טראַכט איך
און צו זיך —
ווי אומבאַגרייפלעך, איינגעגעסן, טרויעריק איז דאָס לעבן.

ליכט און לייכטע הענגלדיקע פאַרביקייט.
פון ווייט צו נאָנט איז צו דערשפּאַנען מיט אַ שפּאַן.
שטאָט איז קאַרוזעל אַרום זיך אַליין.
די זעלבע אויטאָס הין און קריק.
דאָס זעלביקע וואָגלדיקע פּנים איינזאַמט דאָ און קעגנאיבער.
כ'וויל אַריבער די גאַס.
אַלץ פלאַקערט ווידער אויף און בליצט פאַרביי,
רוישלאָז, רואיק, ווי בעטן אויף רעדער.
איך אויפן ראָג צו זיך אַליין —
ווי אומבאַגרייפלעך, איינגעגעסן, טרויעריק איז דאָס לעבן.

ווי נאָכלאָזיק-רואיק איך האָב פאַרנומען
דעם גאַנצן געטומל
פון די ערשטע דריי דעקאַדן
אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.
ליבער פריינט גאָט, כ'וואָלט מיט דיר אַמאָל
געוואָלט פאַרברענגען ביי אַ גלעזל טיי
און רעדן וועגן שעקספּירס
פול-געפורעמטער, עלעגישער שורה.
פונוואַנען קומט עס צו אים?
ווי דאַרף דיך וואונדערן, וואָס ער
האָט געקאָנט טאָן מיט דעם לאָגאָס.
דו קאַפּריזנער, באַפעלערישער,
וואָס האָסט אויסגעשריגן און איבערגעשראָקן זיך און אַ וועלט
מיט ליכט.

יעקב גלאַטשטיין

זייגער דרייצן

א

דער לאָמפּן לעשער, ווי אַ שווערער שאָטן,
פאַרצערטלט די פינסטערניש און זינגט
אַ נאַריש ליד צום בלינדן אויג פון שרעק —

כ׳ברענג דיר נאַשערייען, קעצעלע.
כ׳ברענג דיר פרעסערייען, שרעקעלע.
די זילבערנע לבנה קיצלט דיר דאָס עקעלע.
אַ בוים וועט איבער דיר בוימערן.
די נאַכט וועט איבער דיר טרוימערן.

אַ לידעלע מיט אַ טריף ביים נעזל און מיט אַ גאַווער־לייבל.
אַ קינדיש לידל, ווי אַ שטורקאַץ דורך די פינסטערע גאַסן.
דער לאָמפּן־לעשער קלאַפּט אָן אויף איין לאָדן.
קלאַפּט אויף אַ צווייטן.
דער ענטפער איז ווידערקול פון זאַטקייט,
שלאָף, קאַרגער געפאַרטקייט.
דער שטילער לאָמפּן־לעשער קלאַפּט אָן אויף אַ דריטן לאָדן
מיט איידעלע קלעפּעלעך און זינגט —

אַ שטערנדל פאַלט אַרונטער,
אַ קאַץ קוקט אין קוואַל אַריין.
איך בין איינזאַם, איינזאַם, איינזאַם.
לאָז מיך צו דיר אַריין.
ס׳איז שוין זייגער דרייצן, ליבסטע.
וועגן מקח? מעמיר צום רב נישט גיין.
איך בין איינזאַם, איינזאַם, איינזאַם.
ס׳איז אַ שרעק צו זיין אַליין.

מ׳האָט אודאי דערהערט זיין האַרציקע סערענאַדע.
און אין דער פינסטער האָט אַלץ אויסגעזען
אַזוי גוזמאַדיק גוט און שיין און וואויל און טייער
און וואַרעם
און נאָכאַמאָל וואַרעם.
און שיין.
און נאָענט.
און נאָכאַמאָל וואַרעם.

ב

דאָס ליכט קיצלט אים אַ נאָז־לאָך.
און איין אויג וואַכט אויף.

די שטוב אויפגערוימט.
אויפן טיש פאַרשעמטע רויזן.
די חיה געצוימט.
ער טוט זיך אָן די הויזן.

דער טאָג קומט אַלעמאַל, ווי אַ גרויס וואונדער
אין אַ פרעמד הויז.
אַ ליכט־פּאַס האָט איר פּנים
געפאַרבט מיט אַ געשעפּטלעכן שמייכל.
ער קוקט פּראָפילִיש אויף איר.
ער זעט באַשיינפערלעך, ווי זי זשאָנגלירט
נאַקעטערהייט מיט אַ געדאַנק.
ווען וואָס טראַכט איצט די כלה פון מאַגדאַלע?
און אַז ס'איז אים שוין אריין אין קאָפּ מאַגדאַלע,
האָט זיך צו אים צוגעגראַמט ווי שפּינוועב.

ווער צווישן אייך פון זינד איז ריין,
דער זאָל וואַרפן דעם ערשטן שטיין.

דאָס בעט האָט אַ שטומען קרעכץ געטאָן
און זיין פאַרשלאָפענער מוח האָט ווייטער געשפּונען:

דער גוטער סטאָליער פון נאַזאַרעט
איז אַרונטער פון האַרטן בעט.
אַ פויגל האָט געטשווירעט, אַ האָן האָט געקרייט,
אַ ליבע האַנט האָט טאָג געשפּרייט.

דאָס פרומע געזענגל האָט אים באַגלייט
דעם גאַנצן וועג דורך די פאַרקרומטע גאַסן.

ג

די פאַבריקן האָבן אַרויסגעבילט
דעם ערשטן פאַרזשאַווערטן גרילץ.

יידישטייטשן

אים אַנטקעגן האָבן אָנגעהויבן קומען
אַן גוטמאָרגן און אַן גוטיאָר
שטומע פֿאַרחושכטע מענטשן.
פֿאַרסאָזשעט, ווי קעסל-הייצערס אין גיהנום,
גייען זיי צו דער אַרבעט נישט אויסגעשלאָפֿן.
מען דאַרף זיי געבן כאָטש אַ וואָרט,
וואָס זאָל זיין דער וואָפֿן פֿאַר דעם שווערן טאָג.
און דאָס וואָרט ליגט אים אויף דער צונג.
ערשט נעכטן האָט ער עס אַ שליידער געטאָן,
ווי אַ קינזשאַל פֿאַר טויזנטער אויגן און אויערן.
טויזנטער פויסטן האָבן זיך געביילט קעגן מויערן
און איצט גייט ער ווי אַ שטומער פֿאַרביי.

דער טאָג איז געוואָקסן, די אינדוסטריע האָט געזעצט.
אין ליכט האָט דער לאָמפּן-לעשער אויסגעזען נאָך פֿינסטערער,
ווי אין דער פֿינסטערער קאָנטיקייט פֿון נאַכט.
אויסגעליידיקט פֿון וואָרט און פֿאַרשעמט אין זיין שטומקייט,
איז ער געשטאַנען, ווי אַ דענקמאָל, אינמיטן
דעם טומלדיקן קאַרוזעל אַרום אים.
אַ יונג מיט אַ קאָפּ שוואַרצע האָר, ווי אַ צעפּאַטלט שייטל,
האָט אים אין פּנים אַריינגעשריגן:

ווי קינציק זיי וואַרפֿן טויבע רייד.
ווי אַלטע קאַרטן-וואַרפֿער.
מיין האָס צו זיי ווערט וואָס אַ טאָג
שווערדיקער און שאַרפֿער.
זייער וואָרט איז שטרוי, זייער מויל איז פֿאַלש.
די צונג אַ בייזער ליגן.
די פֿאַרגוואַלטיקער פֿון דער אַרבעט-גאַס,
פֿון קינדער אין די וויגן.

די אינדוסטריע האָט געזעצט און דער יונג האָט
אַריבערגעשריגן —
מיין האָס צו זיי ווערט וואָס אַ טאָג
שווערדיקער און שאַרפֿער.
זיינע ווערטער! זיינע ווערטער הויבן אָן לעבן.
ווי פֿאַרביקע באַלאָנען
צעפֿליען זיי זיך איבער דער גאַס.
דער מוראַדיקער געקלאַפּ און געבראַזג.
די שווינגענדיקע האַמערס — אַלץ זינגט —
מיין האָס צו זיי ווערט וואָס אַ טאָג
שווערדיקער און שאַרפֿער.
און געזאַנג האָט דער לאָמפּן-לעשער ליב,
מיט אַ פֿאַרשטיינערטער צונג זינגט ער מיט.

דער פירער

אַפילו וועגן אַ שטיקל הערינג מיט צוויבל
רעדט ער צום אייגענעם ווייב מיט פייערלעכן פּאַראַבל,
'אויף זיין אַנגעסטראַיעטן אָרגל.
ער פאַרמאָגט אַ צלמל אין גאָרגל,
קומט אַלץ ביי אים אַרויס געקרייציקט.
פון אַ יעהאָוועזן מיט גזלנישע נאָזלעכער
צאַצקעט ער אויס אַ שלימזלדיקן גאָט,
וואָס הענגט מיט פאַרוואָרפענעם קאָפּ
און האָט איין געבאָט —
צו כליאַפּען מיט רחמנות.
ער אַזי רעוורענד אָדער ראַבאַי,
וואָס האָט זיך צו אונז דערווייטערט
מיט איינגעמאַרנירטער ליבע.
דער אייביקער דעלעגאַט איז ער
פון ליבן פאָלק איזראַעל צום ליבן גוי.
ער טענהט און מענהט און דערמאָנט אים,
אַז מיר האָבן געגעבן אַ בלאָנדן וואוילן יעזוס
מיט אַ צענטליק אַנדערע יידישע גויים.
ער קנעפּלט אויף אונזער גאַנצע געקירצטע תורה
און לעשט די היטלער־יוכע מיט אַ ברוסטיקער רעדע.

ביינאַכט חלומט זיך אים, ער איז מאָזעס
(אָדער אפשר יאָזעס?)
און דער לאָרד האָט אויף אים נעבעך אַרויפגעוואָרפן די לאַסט
צו פירן אַן ערב רב פון קרעמער
גלייך צום באַרג סיני.
ער, דער פירער, איז פאַרמאַטערט,
אָבער פון סיני דונערט ער אַרונטער,
מיט דעם געמביקער שטים זיינער
וואָס איז אַביסל פאַרקאַטערט —
ער האָט נעבעך פאַרנעצט די איידעלע פיס,
ווען ער האָט מיט דעם געשניצטן שטאָק זיינעם
געשפּאָלטן דעם ים סוף.

יידישטייטשן

יעקב גלאַטשטיין

פון מיין גאַנצער מי

שוואַרצע כאַגעם

אַ סקריפּ, אַ ריר און אַ פּראַל,
ער שטעקט אַריין דעם קאָפּ אין דער טיר
און הויבט אָן מיט גאַל דעקלאַמירן —
פּאַרוואָר, ס׳זענען אָנגעפאַלן שוואַרצע כאַגעם
אויף דער וועלט, אין טאָגעם די שופטים
טיילן אויס יוסטיץ.
גאָט, באַשיץ די, וואָס זענען קעגן,
און סיי די, וואָס זענען פּאַר,
ווייל די קאַפּריזן פון האַר זענען לאַבירינט
און ס׳איז שווער צו טרעפן דעם ווינט פון זיין געשמאַק.
פון גאָרן לאַנגוויל־זשאַוור אָדער פריינטשאַפט,
פאַלט זיין האַק אָפּטמאָל,
מיט ליבע און צערטלעכקייט,
אויפן האַלז פון א ווידערשפּעניקן חבר.

דער האַר טוט אויס די פּאַרשוויצטע שטיוואַלעס,
קריכט אַריין אין שטעק־שיך, פּאַרציט אַ פּיפּקע
און פאַלט אַריין, ווי אַליס
אין וואַונדערלאַנד.

פאַרטרוילעך טוליעט זיך לעבן אים,
האַלב-שרעקיק און האַלב-פרוילעך אַ יונגס.
פאַרוואָס אַזוי פאַרכמורעט, ליבער, צערטלעכער תליון?
— הער אויף צו שפּיזן מיך מיט דיינע ווייבערייען.
ס'איז אים איבער די כוחות.
ער וויל שרייען.
אירע נערוועזע פינגער צערטלען אויפן האַלז די קרעלן.
דער גאַנצער שווערער מאַן קריגט מורא
פאַר דעם האָרעם מיט וועלן,
וואָס ברויזט אין דינעם מיידלשן ווייב.
זי בעט אים מיט הונגעריקע אויגן.
ער וואָלט געפלויגן עק וועלט,
אָבער די אַלטע ביינער ברעכן
פון טראָגן דעם וואוילזיין פון שטאַט
אויף זיינע פּלייצעס.
ער דאַרף האָבן אַרום זיך שוץ
פון שטאַרקע מענער.
ער וויל הערן עצות. ער האָט האַלט
צו פאַרמאַכן די אויגן און כאַפּן די טענער
פון רייד, (אויב ס'טליעט ערגעץ באַהאַלטענער רעוואָלט אין
אַ פאַרשלאַג)
אַ קלונג. זאָל מען רופן דעם טייערן חבר פאַלבנשטיין!
— דערשאָסן!
האַלטנשטיין! קאַלטנשטיין! וואַלטנשטיין!
— דערשאָסן! דערשאָסן!
מאָדנע! ער גיט אַ פּיפּקע און אַ פּילאָזאָפיש זיפצל —
פוי, מיט אַזאַ לעבן — גיט ער אַ שפּיי אויס
ביטער שפּייעכץ — נעכטן געווען און היינט קאַפּוט.
ער ווערט צערטלעך און זי דלילהט אים
מיט די פייערדיקע פינגער איבער די האָר.
מוט! נאָר מוט דאַרף מען האָבן!
מאָרגן וועט מען באַגראָבן די טויטע
און זייערע ביינער וועלן שרייען —
מאָריטורי סאַלוטאַמוס.
זי וויגט אים איין דעם קאָפּ מיט אַ לידל:

וויאַ, וויאַ, פערדעלעך.
ציגן שאָקלען די בערדעלעך.
שטילער, שטילער פייגעלעך.
מאַך צו די ליבע אייגעלעך.
שלאָף, שלאָף אימפּעראַטאָרל.
לולו, לולו, דיקטאַטאָרל.

ער שנאָרכט.

משה לייבס קול

א

אין תרשיש שטייט אַ גילדענע שטייג.
אין שטייג זיצט אַ מענטשל און ווייזט אַלעמען אַ פייג.
ער עסט מייערן-צימעס, פּאָווידלע און פּאָנפּעט אַ זמרל צו —
אָדלערפֿאַנג, לעבעלאַנג, איך בין האָצמאַך — צינגיטאַנג.

די נאַכט פֿאַלט צו מיט גילדענער פּראַכט.
(כ׳וואָלט אייך געוואונשן צו זען אַ תרשישער נאַכט)
אָבער דאָס יידל אין גילדענער שטייג
מאַכט אַ קאָזשעליק און ווייזט אַלעמען אַ פייג.
ער עסט קוקורוזעס, לאַטקעס, כרעמזלעך, געהאַקטע לעבער,
און שנאָרכעט אַ ניגונדל צו:
אָדלערפֿאַנג, לעבעלאַנג, איך בין האָצמאַך — צינגיטאַנג.

און אַז די תרשישער דעכער ווערן מיט שטערן באַקרוינט,
שפּינט די נאַכט מיט אַ שלאָף-וועב דאָס זינגנדיקע מענטשל אַרום.
דעמאָלט קומט אַ בת מלכה די גרוים פון אַ שפּאַן,
און קיצלט, וואו מען דאַרף, דאָס יידל מיט אַ פּעכער פון געזאַנג,
דעם שלאָפנדיקן האָצמאַך-צינגיטאַנג.

ב

דאָס בת-מלכהלע פלעכט אַ צויבער-קוילעטש פון שטילע
איילעלולעם
און דעם תרשישער יידן איז מרחצדיק גוט,
ער שלאָפט אין שטייג, ווי אין אַ גילדענער וויג,
ער זיוועקט זיך אין שלאָף און וויינט פון גליק —
אָדלערפֿאַנג, לעבעלאַנג, איך בין האָצמאַך — צינגיטאַנג.

אַוועק דאָס בת-מלכהלע, די נאַכט איז שרעק.
דער חכם זיצט אין שטייג אַליין,
ער דומעט, טראַכט און חשבונט.

קומט דער טויט צו שפּאַנען און גיט אים שלום
(אַ, לעבן מיינס, מיין בלוטיק געוויין,
וואָס לאָזטו מיך איבער אין דער נאַכט אַליין)
גריסט דער טויט אים מיט געזאַנג —
שלום, האָצמאַך — צינגיטאַנג.
און מיטאַמאָל אַ קאַדריל,
און פון העלער הויט אַ ווילדער שפּיל.
איינשטיין, היינע, איוב, פרויד,
יהודה הלוי, יעזוס און די לודמירער מויד,
אַלע האָפּקען מיט געזאַנג,
האָצאַ, האָצאַ, האָצאַצאַ.
האָצמאַך — צינגיטאַנג.

טאַנצט-מיט דער מאַנספּערשוין אין שטייג,
ווייזט ער אַלעמען אַ פייג,
ער כאַפּט אַ בעזים און שאָקלט, ווי אַ לולב, מיט אים,
אַ שאָקל אַהין, אַ שאָקל אַהער,
(מיט דעם אומרו פון אַ וואָלף און מיט דער רו פון אַ בער)
צו אַלע ווינקעלעך פון אונזער יידל-קריסטלדיקער חכמת
האַיודאַיקע.
אַ בלאָז פון אַ ווינט —
דער זינגער, דער חכם, דער טראַכטער פאַרשווינדט.
בלייבט ער ווידער בלוטיק-אַליין.
קומט די הויקערדיקע איסט סייד צו גיין,
ס׳מאַכסטע גיין, הויקער דו אויף מיין נשמה?
ביי מיר באַנקעטעוועט מען, מען פרעסט און מען זויפט,
ס׳איז מיר אַ וויסטער עלנד, כ׳וויים נישט וואוהין מען אַנטלויפט,
כ׳וואָלט זיך גערן דרייצן מאָל געטויפט,
ווען די גויים וואָלטן ערשט נישט געסאַרכעט.
וועל איך דאָ וואַכן איבער דיר און דיך פאַרוויגן ליוליו.
שליסט ער די אויגן און פון טויטן שלאָף-רו,
נעמט ער וואַרפן גליאַיקע ווערטער:
זיי פרעסן שטיקער פלאַדן איצטיקייט,
מיר האָבן זיי שטענדיק צוגעטיילט דעם לויתנדיקן שפּעטער —
די זיידן-שטריימלדיקע פאַררעטער,
די שטינקנדיקע געטער
פון מיין יידישער גאַס.

איבער תרשיש גליט די ערשטע מאָרגן-שעה,
אין דער גילדענער שטייג איז קיינער נישטאָ.
און בלעטער, און גראָז, און פייגל, און זון,
זינגען מיט פאַרבענקטן געזאַנג —
אַדלערפאַנג, לעבעלאַנג.
וואו ביסטו האָצמאַך — צינגיטאַנג?

277

יידישטייטשן

פון [illegible]
יעקב גלאַטשטיין

שמר

דער מאַנד באַשטראַלט מיט וואַרער ליבע דאָס שטיקל מער,
ווען מען זעט דורך מיין פענסטער,
און איך זיץ אויף אַ וויג-שטול
און רויכער אַ פיינעם דיקן האַוואַנאַ-ציגאַר,
ווי אַן אַבסורדער העלד דיינער,
ליבער, גאָטזעליקער, ערלעכער עלטער-פעטער שמר.
ביי מיר, דיין נעפע, ווערן שוין גרוי די שלייפן.
כ׳האָב שוין באַלד דורכגעשווּנדעוועט מיין לעבן,
ווי אַ ליאַדע העלד אין דיינעם אַ ראָמאַן אין וויפל בענדער.
דער צויבער-שפּיל האָט שוין גאַנצע פּאַסמעס האָר באַזילבערט,
און איך ברעך צוזאַמען פון שווערן אָנשטרענג,
צו פרינצעווען צווישן דיינע דינסטמוידן און באַלעגאָלעס,
וואָס האָבן דיך איבערגעלעבט, ליבער, גאָטזעליקער
עלטער--פעטער מיינער.

כ׳האָב פאַרקאָמופּלאַזשט דיינע רייד,
געגאַנגען אויף שטאָלצן דורך דער יידן-גאַס,
געטראָגן פראַק און צילינדער און געזאָגט גוטמאָיען,
און אַלץ דערפאַר, כדי אַביסל צו פאַרפומירן דעם עיפּוש.
ווי דיינער אַ פּיקאַנטער העלד,
בין איך געפאָרן דורך דער יאַטקע-גאַס אויף קאָליאַסן.
איך האָב, ווי דו, אויף מיין שטייגער אויך פאַרטייטשמערט
דעם זשאַרגאָן.

איך האָב גערעדט פויגל-שפּראַך.
איך האָב, ווי דו, געוואָלט אַנטלויפן פון פּישקע דעם קרומען.
דו, צויבערער, האָסט געשלאָגן דעם שטיין פון יידיש לעבן
און ס׳האָבן געפלאָסן הייסע טרערן פון וואַרעמע,
אומגליקלעכע מיידלעך אויף דינסט אין דער פרעמד,
פון יתומות נעבעך, וואָס האָבן באַגאָסן דיינע פאַרגעלטע
בלעטער —

די פאַרשטויסענע, פאַרשעמטע,
פון באַלעבאָס אין דער זיידענער קאַפּאָטע,
אין דער פינסטער געקושטע און געטאַפּטע.
מיט דעם שבת-קודש האָסטו אַביסל רו געבראַכט
פאַר די מידע אויסגעהאָרעוועטע פּיס,
אין ווינקל זענען זיי געזעסן און מיט די ליפּן געלייענט, ווי שטומע,
און געכליפּעט און געחלומט פון וואַרער ליבע.

אָ טרייסט-געבער, פאַרוואַנדלער פון בידנע טעג און נעכט,
האָסט פאַרווירוכט טשאָלנט-לופט און געאיידלט די
פאַרקללהטע טעג
מיט דעם ענגעל-ריינעם הערץ פון דעם העלד
און מיט דער זאָנע און מיט דעם מאַנד,

וואָס באַשטראַלט מיט ליבע אויך איצטער דאָס שטיקל מעער,
וואָס מען זעט דורך מיין פענסטער.

דיינע דינסטמיידן זענען שוין מער נישט אומגליקלעך —
זיי האָבן געהייראַטעטעט —
און זייערע טעכטער ווערליבן זיך אויף גרילצנדיקן ענגליש
אין די אויטאָמאָבילן.
און ווייט פון זיי ערגעץ אין אַ פאַרוואָרלאָזט ווינקל
קוואַרט אונזער וויינגאָרטן
און דער שומר באַשפּריצט און באַוואַסערט אים יעדער טאָג
און זאָגט פרומע שפּרוכן, אַז ס׳זאָל אויפגיין און גדייען
אונזער בלומענדיקער שמעטניק.
ער קאַמט און קרייזלט די בערד פון די קלאַסיקער אונזערע,
און צופּט די האָר ביי די יונגע אונטערוואַקסנדיקע
באַלעבעסלעך,
און היט אונזער טויטע ירושה.

דו שאַרמאַנטער מאַגנאַט פון אויסגעטרוימטע,
פאַרפלאָנטערטע, פאַרוויקלטע עקסטראַוואַגאַנצן,
דו קאַפּריזנער אויסטראַכטער,
אין דעם דאָזיקן בית-עולם-גאָרטן האָט מען דיר אָפּגעגעבן
קבורת חמור,
און די מיטל-יעריקע מענער, וואָס ציבערן און צעבערן
און קייען און טשקאַיען די היסטאָרישע ראָמענער,
פאָדערן נאָבל-פּריזן און ווילאַס פון דעם פאָלק,
וואָס איז שוין לאַנג עליו השלום
און שלומערט און טרומערט אין עוויגער רוהע.

ליבער, גאָטזעליגער פעטער,
פאַראַן אַ גאַס ביי אונז, וואו מען בויט שוין א תליה פאַר אונז
אַלעמען.
יונגע זענגער זינגלען און צינגלען פון רויט
און זענען גרייט צו פאַרוויסטן אונזערע גיטער.
ווען די יונגען וועלן, ווי די היידאַמאַקעס, פאָגראָמירן אונזער
לעבן,
וועל איך, ליבער, ערלעכער פעטער, זיי מיט פאַרגעניגן אָפּגעבן
מיין יידישע עולם הבא און עולם הזה.
און דערווייל זיץ איך, אַ גרימירטער העלד דיינער,
מיט מיינע ליבעס, צעפּיעשטשעטע האָפנונגען,
און קוק אויף דעם מאָנד און שטיק מעער
און טראַכט פון אַ קראַנץ, וואָס איך וועל די טעג לייגן
אויף דיין פאַרשעמטן קבר.
דו, אונזער איינאונאיינציקער,
יידישער נאַאיוועור און פאַר אַלע ציימן אייביקער מאָדערניסט.
דו, מיין גאָטזעליקער, ערלעכער, עלטער-פעטער שמר.

טייערער פריינט

נעכטן האָב איך אָפּגעשיילט דאָס לעצטע וואָרט,
און ס׳האָט אַריינגעבלאַנקט פאַרשטענדעניש דורך דעם
פאַרשנייטן גלאָז —
אַ גרויזאַמע קלאָרקייט, פון איצטיקייט דאָס פאַרווילדטע גראָז.
איצט ווייס איך די באַהאַלטנסטע נעמען פאַר אַלץ.
אַלע מיינע ווערטער זענען צעאַקערט,
אַלע רייד געווירעט,
אַלע שורות אויפגעפּראַלטע טירן,
די פאַרהוילענישן בליציקן מיט וואָר,
און די פאַרצווייגסטע פּלאָנטערס זענען פייער־קלאָר.
און אַלץ, וואָס מעטעאָריש קרומשניידט און זיגזאַגירט
דורך אונזערע פאַרפּייניקטע טעג און וואָכן
טרעפט מיך אין ווינקל.
ווי שטיל מיר בויגן אונזערע חנעוודיקע הויקערס
פאַר אַלע לאַסטן,
(די באַשרייבערס רופן עס אויף דער שפּראַך פון זייער
גאַסיקייט —
קורטעזאַנישע צופּאַסיקייט)
מיר פרנסהווען, מיר פאַרשטופּן ביים הונגער די אָפענע מיילער,
מיר, די ראָטשילדס, האַנדלען צווישן זיך מיט געלע לאַטעס,
און אויף יעדער שטומען מאַרטירער
רייט אַ פירער —
אַ קלוגער פירער, וואָס ווייס אַקוראַט און גענוי,
ווי אַזוי צו פאַרשנאָשקען דעם צעיוכעטן גוי.

נאָנט צו מיר ליגט די וואָכיקייט
שטעביק און דראָטיק,
דאָס יידישע לעבן — אַ לאַסט־קעמל
קומט צו מיר שווער באַלאָדן מיט קלוגע יידישע אויגן
אָן פאָרוואורף.
דאָס יידישע לעבן האָט נאָך צייט אין וועג
צוצוואַרפן דעם באַשעפער אַ מנחה
און גיין ווייטער.
ווייל אַזוי אייביק, ווי ס׳איז אייביק דאָס אייביקע פאָלק
אַזוי אייביק באַדאַרף מען זיין —
און זיין איז אַ כיטרע טרייסט, מיין פריינט.
נעכטן האָט דאָס לעצטע וואָרט זיך געצאַפּלט אין מיינע הענט
און ס׳איז געווען, ווי אַ שפּיגל.
כ׳האָב זיך געשפּיגלט אין דער קלאָרקייט
און פאַרשפּאַרט די טיר אויפן ריגל.

דאָס פֿאָלקסליד זינגט דעם שניידער

יידישטייטשן

פֿון מײַן גאַנצער מי

יעקב גלאַטשטיין

אַז אַ פּריצטע זינגט פֿון איר יוגנט,
אָדער אַ פֿאַרשייטע מויד —
פֿאַרשטאָפּ דיר די אויערן
מיט סאַמעט, זייד, צי אַטלעס,
אָדער פּראָסט געוואַנט.
אָבער אַז הענט שטעפּן אויס,
נייען אויס, קלאַפּן אויס,
נאָדלען אויס, נאָלן אויס —
אוי, אַ שניידערס יאָרן, אַ שוסטערס יאָרן,
אַ נייטאָרינס וואָכן און חדשים
בלייבן שטעקן, ווי אַ ביין אין האַלז.
זענען זיס, ווי קאַנדל־צוקער,
ווען מען זינגט פֿון זיי.

א שניידערס יוגנט, א שוסטערס יוגנט
און א נייטאָרינס יונגע יאָרן
פֿאַרפֿליען, ווי די טויבן,
לאָזן איבער א ריץ אין האַרץ
און קאַרבן אין שטערן.
אָקאָרשט מען גיט א בויג דעם רוקן
פֿאַרקוואַרן די זונטעג
און דאָס לעבן ווערט א זיפּציק לידל
א זיסלעך,
אוי, א זיסלעכעס געזאַנג.

א שניידערס טעג, א שוסטערס טעג,
א נייטאָרינס יונגע וואָכן
פֿאַרצאַפּלען און צערינען און פֿלייצן, ווי
די טייכלעך און שווימען אָפּ, ווי
זעגל־שיפֿן און בליאַסקען פֿונדערווייטנס
און מאַניען און דערמאָנען,
ווי א ווייסע נאַכט אין וואַלד
(ווי א רויטע נאַכט אין פֿעלד,
ווי א זילבערנע נאַכט אין טאָל,
ווי א שוואַרצע נאַכט אויף באַרג).

די יוגנט פֿון א שניידער־יונג,
א שוסטער־יונג
און א נייטאָרינס וואַרעמע חלומות,
ווי געבויגענע וואַסער־טרעגער
אָלעמאָל פֿאַרביי די פֿענסטער,
גייען אָפּ די טעג און נעכטעלעך
גייען אָפּ אין שפּאָן.
די טעג און נעכטעלעך,
די צאַפּלדיקע ליכטעלעך,
די גרויע האָר, די קוואַלן אין די אויגן.
אוי, וואו זענען די יונגע טעג פֿאַרזעגלט ?
אוי, וואו זענען די ליבע טעג פֿאַראַנקערט ?
אוי, ווי א פֿייל פֿון בויגן
אַוועקגעפֿלויגן — אַוועקגעצויגן.
די יוגנט פֿון א שניידערל,
א שוסטערל,
א נייטאָרין,
געדויערט א טאָג מיט א נאַכט
און זינגט א לעבן־לאַנג.

פאַרטריפטער לייכטער

דרויבם און אויבם און שאַלעשידעם
דורכן פענסטער רייט אַ שטערן.
דער אָפּגעריסענער אורח שאַבעסקוידעש
וועט דאָ פאַרפאַלן ווערן.
אַ געפּרעפּלטע לאַוועמאַלקע
ברומט באָכאַבע צו דעם גיטוואָך.
וויקסלוועקסל צאָלנצאַלן —
זוניטקמאָנטיקדינסטיקמיטוואָך.
געלפאַרוועלקט די זילבערבאָרד.
דאָס געמיט שוואַרץ און הונטיק.
פולעוואָך עפּנט הונגערפיסקעס,
ביי דער טיר גראַבלט זונטיק.

אין דעם ווינקל טריפט די מוידטשינע.
(ס'פידלען פאַלשע קלעזמאָרים)
לעדערנע אַלטע ציטערהענט
זוכן פּשט אין שטויב פון ספרים.
דער שניי אינדרויסן זאַווערוכעט,
שליטלט און קנאַקט מיט בייטשן.
אויף טויבנפּיסלעך היפּט לאָשנקוידעש
מיט חנוודיקע יידישטייטשן.
מעש און קופער פירן סודות,
ווענט באַגליט פון זיידעבאַבעס.
אויף דער שוועל לעקט דאָס קעצל
לעצטע טריט פון קבצן שאַבעס.

יאָסל לאָקש פון כעלעם

א

ווער קאָן פאַרטראָגן א יונגן יתומס געוויין ?
אָדער די טרערן פון אַן אָרעמער אלמנה ?
דעם עלנט, ווי אַ שטיין, פון אַן עקרה,
אָדער די פאַרשעמטקייט פון אַ מיאוסער עגונה ?
אָבער ערגער פון אַלץ איז דער שטומער צער
פון אַ געשלאָגן פערד.
די בייטש כוואָשטשעט איבער דער ליבער פעל.
דער שווערער קאָפּ בויגט זיך נידריקער,
אָן פאָרוואורף, אָן אַנטקעגנשטעל,
אָן ווידערשטאַנד.
פאַרן כסא הכבוד זאָל אַזאַ ווייטיק
זיך קומען אויסטענהן —
רבונו דעלמא, פאַרוואָס ?

יאָסל לאָקש קאָן דאָס נישט פאַרטראָגן,
ער וואָלט זיך גערן איינגעשפּאַנט אין וואָגן

יעקב גלאַטשטיין

און געלאָפן ויאָ, וויאָ, יאָרן און יאָרן
און געכאַפּט די שמיץ, ווי קוויקנדיקע מלקות,
ווי בריענדיקע בעזעמלעך,
ווי אַן אַפּקומעניש.

די סוכאָטנע פּעלדער קוקן אוים אַביסל גרינער
נאָך דעם וואַש פון רעגן.
אַ פאַרזשאַווערט אַקעראַייזן זינגט אים אַנטקעגן.
ס׳באַגריסן אים מיט געוואַשענע קעפּ
פּערזשיכעס, מאָרעלן, אַגרעס, וויינפּערלעך,
און אָט איז אַן אויסגעפּוצטער קערשנבוים,
וואָס קוקט אַריבער דעם פּלויט פון אַ סאָד.
דאָס איז אַלץ גאָטס גענאָד.
דאָס און נאָך אַ סך פאַר דעם מענטשענס הנאה.
פונדעסטוועגן, יאָסל, לאָז זיך נישט פאַרפירן.
ווי שיין דער דאָזיקער בוים,
ווי שיין דער אַקעראַייזן.
דער מאַטער בלאַסק פון שטאָל, דער וויג און בויג פון בוים.
שיינקייט איז בלויז פאַרן אויג — זאָל ער אַ נס באַווייזן.
זאָל ער געבן יושר, אויסגלייך.
איין מאָס פאַר אָרעם און פאַר רייך.
איין מעסטל גערעכטיקייט
פאַרן תקיף און געמיינעם מאַן.

אַי, ווען ער וואָלט כאָטש פאַרמאָגט גרוים זכות-אבות,
וואָלט ער אויסגעגלייכט דעם רוקן
און אַזוי פאַר אַ קאַטאָוועס
גענומען זיך דורכוווערטלען מיט כביכול.
אָבער דאָס האָט געקאָנט נעמען אויף זיך
בלויז איין רבֿ לוי יצחק.
ער האָט געהאַט אַ כוח.
ער האָט געקאָנט זיין מיט אים קנעפּל-שבקנעפּל און פאַניבראַט.
ער האָט אים געקאָנט פרעגן גרונטאָוונע זאַכן,
פאַרוואָס איז איינער הונגעריק, דער צווייטער זאַט?
וועגן אַכצן און דרייצן האָט ער געקאָנט קומען פאָדערן חשבון.
פאַרוואָס זאָל איינער לעבן אין שוואוילטאָג
און שאַרן גאָלד מיט ביידע הענט?
דער צווייטער זאָל דאַרן פאַר אַ לעפל געקעכץ?
ער האָט פאַרמאָגט דעם שטאַרקן זאָג.
ער האָט געהאַט דעם ברייטן שטעל:
איך רבֿ לוי יצחק באַפעל,
איך זאָג אויף דיין פירעכץ
לא מיט א טערקישער קאַפּאָטע.

אַבער איך, יאָסל לאָקש ?
וואָס פאַר אַ קראַפט, וואָס פאַר אַ האַפט האָט
בלאָטע-שבבלאָטע ?
איך אַ ייִנגאַטש, אַ סמאַרק, זאָל זיך דערוועגן
און קריגן גלייך אַ באַגראָב.
בויג נידריקער דעם קאַרק, שייגעץ.
קאָנסט נישט פאַרטראָגן ביי גאָט קיין עוולות ?
דו גרויסער מיניסטער-קאָפּ,
קאָנסט אפשר בעסער פירן אַ וועלט,
מיט אַזויפיל וועלערס, מיט אַזויפיל ווילערס,
מיט אַזויפיל לויבערס, מיט אַזויפיל בילערס,
מיט אַזויפיל מיילער, מיט אַזויפיל הענט,
אַלצאיינס געשוינט צי געשענדט —
אָבער די געשרייען זענען נישט צום פאַרטראָגן.
דיר איז גוט. האָסט איין ברירה.
שפּאַנסט זיך איין אין וואָגן,
וויאָ אַהין און וויאָ אַהער.
דו קומסט אָפּ דעם חוב צו זיך מיט אַ טרער.
איך בין פעהל און דו ביסט טרעף.
בין איך, הייסט עס, דער שטרענגער שופט
און דו דאָס ווייכע לב.

ב

טוט מיר נישט אָן דעם ספּאָדעק
און רופט מיך נישט רבי יאָסל.
מיין פרומקייט, מיין גוטסקייט זאָל וואַקסן אויף אַלע מיסטן.
וואָס קרוינט איר מיך ? — איך בין נישט ראוי.
ווי קאָן איך זיין אייער פירער ? — איך בין אַ בלאָנדזשער אַליין.
ווי קום איך פסקענען שאלות ? — איך האָב נישט דעם ענטפער.
אַז אין קאָפּ ביי מיר שווישטשען אַצינדערט
כלערליי פייגעלעך מיט קלאָץ-קשיות.
ווער איז גערעכט ? דער באַלעגאָלע ? דאָס פערד ?
אָדער גאָר די בייטש ? וואו ליגט דאָ דער טייטש ?
איר כאַפּט דעם רעיון יידן ?
לאָמיר זאָגן איך בין דער דיין,
און זיי קומען זיך פאַר מיר לאָדן.
וועמען קומט שכר און ווער דאַרף צאָלן שאָדן ?
איך זאָג אייך, קהל, איך בין אַ ווילדער נאַר
מיט אַ ציגן בערדל.
אַרום מיר טאַנצן לצים מיט בעזעמער און זינגען אין כאָר :
יאָסל לאָקש איז געוואָרן דער מנהיג הדור.

פלאַי־פלאַים! טענהט קהל,
הערט אַ קעפּל, געניזוקט זאָל ער נישט ווערן,
ט׳געהערט ר׳ איצע? געהערט ר׳ פּיצע!
געזען די חכמה אויף זיין שטערן,
געהערט די תורה, ווי פון סיני,
געזען, ווי ער פּראַלט ממש אויף דעם היכל,
געכאַפּט די טיפקייט, דעם בליץ פון שכל?
ווער איז גערעכט? דער באַלעגאָלע? דאָס פערד?
אָדער גאָר די בייטש? וואו ליגט דאָ דער טייטש?
טאַנצט אַ לצל אויף אַ בעזעם,
ווייזט דעם לעקער און ווערט נעלם.
געקרוינטער פירער, געזאַלבטער יאָלד,
קהל זינגט דיר שירה.
אַ וואָרט פון צין, ווערט אַ וואָרט פון גאָלד,
יאָסל לאָקש פון כעלעם.

ג

שנים אוחזין, צוויי האַלטן.
ווי נאָר צוויי, גלייך געוואַלטן.
מען קאָן זיך נישט צעטיילן מיט גאָטס ירושה.
איבער אַ פענעץ, איבער אַ רעפטל,
איבער אַ רענדל, איבער אַן אשה,
איבער א מסחר, אַ געשעפטל,
איבער כעלעמער געדאַנקען.
שנים אוחזין, צוויי האַלטן,
ווי נאָר צוויי, גלייך געוואַלטן.

אוי זאָגן דערויף די חכמים — גאָלד מיט זילבער —
יחלוקו. אַ טייערער געדאַנק.
די גאַנצע וועלט מיט חכמה אין איין וואָרט.
קליגער פון הלל און צום שכל פון אַ קינד,
און שנעלער פון כולה תורה אויף איין פוס.
געשווינד ווי אַן אינד.
אַ צייכן. אַ בליץ.
יחלוקו.
וואָס איז זיך דאָ צו קריגן?
צוזאַמענקומען זאָל מען זיך אין אַ יאַריד־טאָג,
מיט די ברעקלעך צרות,
די קרישקעס גליק,
די שיינע ווייבער, די קנעכט,
אפילו דעם שקאַרמוץ מיט טיפע געדאַנקען,

די פערד, די מוילאייזלען,
די קאַפּהענער, די געשטאַפּטע וואַכטלען,
די וואוילשמעקעדיקע בשמים, טייערע געטראַנקען,
און יחלוקו.
ווייל לאָמיר לערנען אביסל פּשט.
הונגער. איבערגעפרעסנקייט.
בלוט. מלחמות.
פונוואַנען נעמט זיך קנאה־שנאה
צו יענעמס ווייב און יענעמס רינד?
ווייל ראובן האָט אביסל און שמעון אַ פולע שיסל,
איז בכן, זאָגן די תלמידי חכמים דערויף
איין טייער וואָרט —
יחלוקו! איינגעטיילט זאָל אַלץ ווערן.

ד

קעגן דער וועלט אַ קליין געצעלט,
אָבער פאַר זיך איז בעלעם אויך אַ שטאָט,
מיט אַ יויזל, מיט אַ גאָט,
מיט אַ קלויסטער, מיט אַ באַרג,
מיט אַ יידן־גאַס, מיט אַ טאַרג,
מיט נגידים און געמיינע לייט,
ווייבער צנועות און פאַרשייט,
קרומע מויערן, אַלטע טויערן,
איליצעס, געסלעך, הערינג־פעסלעך,
ליאַכעס, שמאַטעס, בלינדע פענצטער,
יידן מיט וואַטאָווע שפּענצערס,
יידענעס איבער פייערטעפּ,
פּלעצלעך, בייגל, פּרעצלעך, ביבער, האָניקטייגל,
לויזמאַשטש, נאַפּט־געווועלבלעך,
פויערים אין סערמיגעס, קעלבלעך,
קאַטשקעס, גאָנערס און גלחים,
קונצנמאַכערס, העקערייונגען, גנבים,
גוטע יידן, משוגעים, פאַרחלומטע קינדער,
מתים, לאַפּיטוטן, נישגוטע —
אָבער פרואווט געפינט מיר דאָ אַ נאַר.
איר קריגט אַ גילדן גלייך דערפאַר,
נישטאָ!

ער איז קלוג און ער איז קליגער,
און יענער איז קליגסטער שבקליגסטער.
גייט בעלעם אין בלוט,
פּעטש פליען ווי די ברעטער.

מען קריגט זיך איבער פילוסופיעס,
איבער געשריפצן אין די בלעטער,
איבער טיפע געדאַנקען.
ביז מען קומט צו יאָסל לאָקש ער זאָל פסקענען.
ווער איז קלוג און ווער איז קליגער,
איר זענט דאָך דער אמתער פייערדיקער קאָפּ,
רבי, איר זענט דאָך אַ היגער,
וועלכער צד איז גערעכט.

יאָסל פילט מען שעכט אים אָן אַ מעסער,
יעדער צד סטראַשעט.
זיין ביסל אָרעמקייט איז איינגעשטעלט.
זיין וועלט, זיינע תענוגים, מ׳שטיינס געזאָגט,
זיין עולם-הזה, זיין ביסל גריץ, זיין כזית ברויט, —
אַלץ ווערט געהאַלטן אויף דער וואָגשאָל פון זיינע באַלעבאַטים,
יעדער צד קומט צו אים מיט בייזע כוונות.
ליגט אויף יאָסלען ווי אַ הויקער דאָס רבנות.

ה

דער אויבערשטער האָט אַ פּאָדראַד די וועלט
און ער להבדיל כעלעם.
אָבער יאָסל פאַלט פון די פיס.
אַ פאַרהויקערטע כאַלופּע, אַ יאַדישליוועך קוימען,
און אַ ווייב וואָס קהל האָט אים באַשערט,
נישט קיין נקבה נאָר אַ שווערט.
אינגאַנצן ווי אַן אָפּגאָט, די אויגן קיין אויגן נישט
נאָר קוקערס, די בריסטן קיין בריסטן נישט
נאָר פאַרדאַרטע פייגן.
אַ מויל אָן שווייגן און ווערטער הייסע קוילן.
מען הערט אַזוינס נישט אין גאַנץ קרוין-פּוילן.

יאָסל לאָקש, שפּייזער מיינער,
ס׳איז דאָך צו עפענען מויל און אויערן.
ער גערעכט און דער גערעכט.
איך גערעכט און דו גערעכט.
נישטאָ קיין גוט, נישטאָ קיין שלעכט.
נישטאָ קיין שולד, אַלץ גערעכט.
ציצעליסטן, ציצעניסטן,
אַנאַכריסטן, אַנטיסעמיסטן,
אַלע טאַטערס, אַלע קריסטן,
נישטאָ קיין יאָ, נישטאָ קיין ניין.

נישטאָ קיין טמא, אַלץ איז ריין.
ער גערעכט און דער גערעכט,
איך גערעכט און דו גערעכט.
נישטאָ קיין גוט, נישטאָ קיין שלעכט.
נישטאָ קיין שולד, אַלץ גערעכט.

יאָסל טוט אָן בגנבה די צעריסענע זשיפּיצע,
כאַפּט אַ פּריש העמד און אַנטלויפט אין מרחץ.
אַרונטערגעוואַשן דעם ברוד און גלייך אויף דער לאַנקע.

ו

דער מערב איז באַזוימט מיט שטיקלעך גאָלד און שטיקלעך פייער.
אַ מאָליער האָט געגומען צייכנען דעסענעם אויפן הימל.
ס'איז שטיל אַרום מיט דער שטילקייט פון וואונדער.
אַ מחיה, קיינער זעט נישט און קיינער הערט נישט,
נאָר גאָט אַליין האָרכט ווי אַ מאַנסביל האָט זיך צעבעטשעט.
דער כעלעמער רב וויינט. ער העשעט:

דאָס לעבן איז קורץ — אַ טאָג מיט אַ נאַכט.
דו גיסט אַ בלאָז און וועלטן ווערן חרוב.
איך, דער גרעסטער טפּש און פירער פון נאַראָנים,
בין מיד.
כ'פאַרשטיי נישט, גאָט, דיין כעלעם.
אָבער כ'וויים, ס'איז אַ רחמנות אויף יעדער גרעזל,
אויף אַ מילב, אויף אַ פערד,
אויף אַ וואַסערטרעגער, אויף אַ למדן,
אויף אַ פּראָסטאַק, אויף אַ דלפון, אויף אַ נגיד.
יעדער איינער ווייסט דעם גאַנצן אַלץ —
נישט חלילה קיין ביסל,
יעדער איינער פאַרמאָגט דעם שליסל צו דיין שייער
און מען גלוסט און מען וויל,
און מען קעמפט, און מען קריגט,
און מען האַסט און מען ליבט,
און מען שטרעבט און מען לעבט —
אַ טאָג מיט אַ נאַכט.
אַ רחמנות אויף דיין כעלעם.

ער גערעכט און דער גערעכט,
איך גערעכט און דו גערעכט,
נישטאָ קיין גוט, נישטאָ קיין שלעכט,
נישטאָ קיין שולד, אַלץ גערעכט.

זינג לאַדינאָ

זינג לאַדינאָ, בלאָנדער זענגער,
אונזער צויבערזשאַרגאָנינאָ,
אַלקאַלירטע רעדעריי,
אַלצעצונגטע שפּראַכעריי
זונפאַרגינאָ, גינאָ־גינאָ,
גינגאַלדיקער אויפשטראַל, אויפפראַל —
אַלגעפאַרבגעדאַנקעריי.
אַלע ברויטן, אַלע טויטן,
אַלע טייגן, אַלע טונדרען,
אַלע וואונדרען אַלקאַלירן,
אַלחרוזין,
אַלאושפּיזין,
אַלע קנויטן, אַלע הויטן,
געלרויט און פאַלאַשינאָ,
פאַלעסטינא דאַבערינאָ,
אונזער, אונזער אוניוועַרסלאַדינאָ,
בלאָנדער אַלאַדינאָ זינג.

פון די טיפן און טיפערנאַכן,
סלאַוויש, ליבאַוויש און טערקאַוויש,
ליאַכיש, קאַצאַכיש
יעוואָניש און טעווטאָניש,
קאַוקאַזיש, אשכנזיש,
קאַרפּאַטיש און אַזאַטיש —
אונזער שפּראַכגעטומל,
אונזער טרויעריקן אַלגערומל,
אונזער רומל, אונזער שומל,
אונזער לעטוויש, אונזער
ליטוויש,
זשאַרגאָנינאָ,
שלאַנקער דענגער,
בלאָנדער זענגער,
זינג לאַדינאָ.

יעקב גלאַטשטיין

פון מײַן גאַנצער מי

ייִדישטײַטשן

292

צו אַ פֿרײַנט וואָס וויל
זיך נישט בּרעכן דעם
לאָקשנבּרעט ווײַל
ס׳איז אַזוי אויך שווער צו
גיין אויף יאַגד ווען
די בּיקס איז
שטומפּיק און די
ליבּע איז
צערטלעך ווי
אַן אַלטע
קאָלדרע

און ס׳איז שווער צו פֿאַנאַנדערן
אַלץ אין ווערטערטומל פֿון רווישיקער
עברי פֿון טײַטש און זאָג און מײַן
און פֿאַרקערט מיט סתירותדיקער אײַנשטימי—
קייט ווען אַ בּלאַט איז פּשוט גרין
און קופּערדויט אין ווינטעראָנזאָג
פֿון וועלטצוויבער וואָס דרייט אַרײַן
דעם פֿאַנאַר בּײַנאַכט ווי אַ שטיל
הויז און וואַכט מיט איין אויג
און זעט טאַפּלט זיך און זיך
אויפֿן אויבערפֿלאַך אין טיפֿן
און דאָס איז אפֿשר אַ שײַן
פֿון אַן אמת־שאָטן אָדער
אַ פֿאָרשפּיל צו אַ געשעעניש
איז אָבער גלויבן און איבערגלויבן
אין הינטערגלויבן ליגט וואָס

צום שטילן טומל פון קעניגרייכן
וואָס שווערן זיך מיט געטריישאַפטן
צום אונטערטאַנער וואָס פאַרדינט נישט
און בויט און אַקערט
און מאַכט רייך די גאַנצקייט אומעטום
די גאַנצע געאָגראַפיע איז נישט צום
פאַרזינדיקן אָבער ביים יחיד
אויפן שוואַרצאַפּל
ווערט דאָס דריי מאָל צום טייוול
אומפאַרשטענדלעך און דאָס לעבן
די זונה רופט און פאַטערט אָפּ
אַלץ אַזוי שנעל און אין שלומפּער
אַ קלומפּער לעבן אַ שליידער ערד
וואָס דעם קאָלעקטיוו אַרט
קנאַפּ און נאַרט זיך אַז
ער איז אייביק
ווען ער איז שוין ניטאָדל
איז ער אַ מאַרטירער מיט
אַ מאָנומאַנט אין האַנט
און אַ קראַנץ אין
און דאָס טעאַטער יאַטערט
און דאָס בוך וויל דוקא
אַלץ אין טאָטאַ אַנאַליזירן
און מען מאָלט ביז צום אויג ווייסל
כדי מען זאָל די טייבן געדענקען בעת
און מען איז שוין אַלץ צוריקגעשמועסט
קלאָר ווי אַ קינדערליד
אָדער ווי די שווייצערגיר
אָבער דאָס גליק דאָס מענטשישע
דער פילאָסאָף קמיע
די צוויי פּיס די מיידלשע
די שיין געביינטע וואָס פירן
די ליב געאָדערטע וואָס פירן
אַוועק און אַרויף ווערט דאָס שוין
ווידער דריימאָל צום טייוול אומפאַרשטענדלעך
און אַנגעהענעם אומבאַגרייפלעך
אַז אַ פלאַך זאָל דימענסיאָנירן אַזש
ביז צום נישט אויסגעפאַרשטן
און אַרום דעם אַלץ
און אויף דעם אַלץ
ליגן מצבות פון טייטשן
פון ווערטער פון מיינען
און פאַרקערטן פון סודות

יידישטייטשן

פון פרינציפּן פון מאָראַלן
פון באַגריפן פון שטאַנדפּונקטן
פון ווערטן און אומווערטן
פון קאָמפּליצירטקייטן
און פאַרפּלאָנטערטקייטן פון קאָסמישער
עטיק עסטעטיק און זאָפטן
וואָס האָבן האָפטן און באַשאָפטן
און שפּאַנען און פליסן און פלייצן
און רייצן און קרייצן און קריצן און לעבן
און לעבן און לעבן און לעבן
ווערט דאָס שוין אמת טפוי ימח שמו
דרייסיק מאָל אומפאַרשטענדלעך
ווען אַלץ איז קלאָר ווי דאָס קאַנאַריקל
וואָס האָט געזונגען
איך בין געגאָסן פון גאָלד
און מיין שטים איז ריינסטער פלייט
און דער מאָרגן איז געגאָסן פון גינגאָלד
און דער האָן איז הייזעריק
און דעם מאָרגן אַרט נישט
ער שפּאַנט סיי ווי אויף שטעקשיך
שאַרט אַוועק די בלויע פאַרהאַנג
און פאַרנייגט זיך
עד בין דאָ
און אַז ער זאָל לעבן איז דאָ
שאָקלען זיך שוין ביימער
פרייען זיך שוין טייכן
זינגען שוין די פייגל און אַפילו
ס'רעגנט אינמיטן דערינען
איז מה בכך איז מה בכך
דאָס קאַנאַריקל קראַצט זיך די פעדערן
מיט אַ פּיסל און זאָגט
ס'וועט זיין אַן עולהלע
אויב מען זאָל
אויב מען זאָל
(אל בנה
אל בנה)
מיינען אַז דאָס איז צימבאָליק
די ריינע וואָרהייט איז
איך בין געגאָסן פון גאָלד
און מיין שטים איז ריינסטער פלייט
גאָלד שמאָלד פלייט שמייד
ס'איז צום טייוול שרעקלעך
אומפאַרשטענדלעך

אַלבערט איינשטיין

צויבערוועלט, וואונדערוועלט, וועלט פון נס,
די מוזיק פון רגע־קאַליזיעס,
מיט מאַטעמאַטיש־ציטערדיקע הענט,
וויל איך פיקסירן.
ווי לאַנג שוין, אַז דאָס פּלאַנעטישע עפּעלע אונזערס
ראָלט פאַרשליידערט אויף אַנוואָס,
די ווערימלעך האָט מוטערערד געבערט
אָן אַ חלום פון אַ פּאָר,
ביז עס איז געקומען איך דער האַר,
האָט דאָס מינדסטע קריכערל, ווערימל,
פיש און רעפּטיל,
זיך געשפּיגלט אין שפּיל.
די טראַגישע פּאַריאַכטקייט דיינע צו פּרעציזסטער ציפער־
קאַריקאַטור,
האָב איך פאַרצייכנט מיט דער פונקטאַפינקטלעכקייט
פון וואָג און מאָס,
איך האָב רעסטאַוורירט מיליאַנען אויסגעפליקטע בלעטער,
מיין פּיקטיוון בראשית אויף דעם טריליאָנסטן זייטל
פון דער קאָסמאָגאָניע,
האָב איך צוריקגעלייענט ביז און ביז און ביז.

איך האָב געבויט די לייטער צו דער זון,
איך וואָס בין אַמאָל זון געווען.

צום קאַפּמייסטער

האַפּמייסטער, איך האָב ליב אַכצנקאַראַטיקע ווערטער —
שטאַנדהאַפּטיקייט, קאָנסעקווענטישקייט
און זילבעקסצענטרישקייט.
אַכזאָ דעם באָנמאָ האָב איך אויפן שפּיץ צונג,
אָבער ס'רויטלט זיך דער מערב
היינט, ווי ווען, כ'מאַך אַ וועט.
ס'רויטלט זיך דער צונטער בונט און בונטער
נישט געקוקט (זיידעלאָווסקי דער זשיטגוי)
וואָס עס איז אַ קאַלטער וואונטער.
איידאַ דרייקע און זאָווייקע און זאָווייקע.
און אַז ס'פּאַלט אַ שניי,
געשעט איינס פון צוויי —
אָדער ס'ווערט ווייס די וועלט,
אָדער ס'ווערט אייז די וועלט,
אָדערביידע.
סייווי דער זיידע ווינטער
קומט צו היפּן אויף אַ שליפן.

קאַפּמייסטער, כ׳מוז דיר איבערשלאָגן,
דו האָסט אויפגעעפנט דעם גאַנצן צאַפּן
פון בערלאַפּן ביז פּראָגן.
מיט אַזעלכע באַניילימטן ווערסטו מיך אינגאַנצן
אַוועקקאַפּוטן.
כ׳מוז האָבן דעם בעסערן סאָרט,
דעם סאַמע פּרימע.
קען מען גלאַט רעדיטירן אינדערהויך
וועגן פּאַלוסאָפּיע אָבער אָן פּאַרנאָגראָפּיע.
דאָס שטיינדיקע וואונדער וואָס ווערט מערט און געבערט.
דאָס איינציקע דאָס מאָנישע
דאָס קאָנישע פּאָליגאָנישע און פּאָליגאָמישע
דאָס קאָמישמאָנאָגאָמישע דאָס זאָמישע
און צאַרט ליריש שטראָמישע
(דער חיריק פון ליריק
דער עגאָצענטער —

האָכמייסטער ווי לייכט דו יאָגסט פאַנאַנדער
דאָס וואָרטגעפליגל
(אַ זיצל אויף אַ פּיצל — אַ שו, שו)
די קליינע קאַטשקעלעך, ענטינלעך,
אָדלערלעך, טייבעלעך, פּיציפּיצי פייגעלעך
און אַנדערע אייגעפּיקטע אַרויפלאַנען.
דובנער, יאַמפּעלער, קעלמער שוואַרצמאַגידער
איך זאַגעדער —
איך באַוואונדער עס מיט אַלע מיינע פינעף,
אָבער, ס׳איז, זאָלט איר מיר אַנטשולדריקן.
נאָכמייסטער, דו ווידערהוילסט ווייסטו וואָמען,
איך וועל גלייך זאָגן דעם נאָמען,
דעם שעמהאַמפּיירעש.
אַ קנאַל, אַ שאַל, אַ פּראַל, אַ פאַל, אַ וואַל.
אַלץ פאַרוואַלט, פאַרבאָרגן.

גוטמאָרגן, מיין האַר יאָקל מיט דעם מאָנאָקל.
אַזוי צו ווערן אַסילימירט, אַטראָפּירט
און פאַרשטיינירט.
אפילו דער עגאָצענט איז פאַרשוואונד פון מונד.
די אידוואונד פאַרלאַטעט, פאַרזאַטעט.
קיין מאַמעט, קיין טאַטעט.
דער פונוואַנעט פאַרוויאַנעט,
גלאַט אַזוי אַ וואוקס אַ וועגיטוקס.
איבער דעם בלוטיקן שעת״ח פון דער גאַנצער
געשחיטה אונזערער

יידישטייטשן

שפּאַנט ער דער משהמאיד
מאַרוסייאַך, מאַפּויליייאַך, מידייטשייאַך.

האַקמייסטער, תליון פון וואָרט,
אונרעכטער און שעכטער.
צויבערקינצלער, נאָך אַלע פראַגן און אַלע זאַגן
זינג אַ ליד.

אין דעם וואַנדעלאַנד
ליגט אַ טויטע האַנט
אַ שטולע ליולע איבערפולע
הויטע טויטע האַנט.
און איבער דער גאַנצער לענג
קעניגט דאָרט אַ קענג
אַ הוידער בוידער קוידער לוידער
גוטער מוטער קענג.

טיפער, נעם טיפער די זאַך, לאַכמייסטער.

טוי און רוי און שטילע באַלמען
גאַנדאָלירן אַלע קוואַלמען
זשעסטילירן.

כ׳מוז דיר ווידער איבערשלאָגן, אַכמייסטער.

זעבאַ, העבאַ, קאַם און טו
רויבאַ, ליומאַ, טיסי,
אַזאַמיני שוימאַנטו, אַזאַקולי לאַמאַנטו,
צוביוויסטי, קיסטי.
זאַלדי, האַלדי, ווינדילי,
גאָלדי, בענדי, קראַני,
וואַנדאַפּערי קראַטילי, קרענטידענטי אָלאַלי.
צעני דוימאַזאַני.

האָסט דאָס האַרץ מיר צעפּערטלט
מיט דיין מעלאָזאַנג.
דער אָוונט איז שטאַנדהאַפטיק.
ס׳ווערט קאָנסעקווענטיש טונקלמונקל.
זילבעקסצענטריקער פאַרשווינד ווי
אַ שאָטן,
אַ סאָטן,
אַ סאַטן,
אַ שאַטן,
אַ שאַ.

קרעדאס

פאַרזומער

אויף דעם אינדזל
וואַלדן ווילדע וועלדער.
קוואַלן קוועלן,
טײַכן זינגען.
אַז דער פרילינג קומט
גיט שוין דאָס זומערל
ווי אַ שלאַנג אַ ביס.
גיט יונגזומער ווי אַ שדכן אַרום.
נײַזומער געוויסערט דעם טײַך אַרויס.
ערב־זומער מערן זיך געזאַנגען אין געוועלדער.
קלײנזומער גיט יעדער אײנעם ווי אַ שלאַנג אַ ביס.
יעדער אײנעם, יעדער אײנעם,
אויף דעם אינדזל וואו די קוואַלן קוועלן.

א

אויפזינג

ווען דער מאָרגן זינגט אויף,
זיצסטו שוין אויף דײַן אײזל,
און דער פרישער ווינט
קילט דיר דאָס פּנים.
אײַל זיך ניט ליבסטע אין מאַרק אַרײַן.
גיב מיר אַ קוש,
וועט עס דיר פאַררעכנט ווערן
פאַר אַ מאָרגן־תּפילה.

ב

צושפּיל

זיי פירן, זיי פירן אים,
דעם שעמעוודיקן חתן.
שאַרט ער מיט די פיס
דער שעמעוודיקער חתן.
פלאָנטערט מיט דער צונג
דער שעמעוודיקער יונג.
און דו, מײַן האַרץ, זאָג ניט אויס,
ווי ער האָט נעכטן באַנאַכט
מיך דערפרייט,
צווישן די פינצטערע גראָזן.

זיי פירן, זיי פירן אים
צום חתונה בעט, דעם שעמעוודיקן חתן.

ג

נאָכדענק

מיין חברס ווייב איז אַ מיאוסע.
וואָס אַרט עס מיך — זי גליט.
אַרט דאָס מיך ניט און אַרט דאָס מיך
מיין חברס ווייב מיט די שעמעוודיקע פיס.
מיין אייגן ווייב האָט שיינע אויגן,
טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט.
און אירע פיס זיינען אָפן
און אירע ליפּן צוגעשלאָסן,
ווי די טיר צו מיין חברס ווייב.
אַרט דאָס מיך ניט און אַרט דאָס מיך,
מיין חברס ווייב מיט די אומרואיקע פיס.
שטילער, שטילער מיין אייגן ווייב.

ד

מאָנאָטאָן

אַ פאָלק קרעכצט, אָלאָלאָ, אָלאָלאָ,
אַ פאָלק שוויצט און אַרבעט.
אָלאָ לאָ, אָלאָ לאָ.
און דער שררה פרעסט און זויפט,
אָלאָ לאָ, אָלאָ לאָ.
דער מזרח רויטלט זיך פאַר בושה,
אָלאָלאָ, אָלאָלאָ.
ווען אונדזער דלות וויינט,
דער פויגל שווייגט, דער טייך שטילט איין
ווען אונדזערע קינדער וויינען,
אָלאָלאָ, אָלאָלאָ.
נאָר דער שררה לאַכט
ווען אונדזערע ווייבער מאַכן אים פריילאַך.
אָלאָ לאָ, אָלאָ לאָ, אָלאָ לאָ.
גאָט איז טרויעריק און אַלט.

ה

נאַכט

באַם טויער זיצט אַ מיידל
און האַלט אַ קינד אין שויס,

און דער טאַטע בין איך, ביסטו.
און דער מאַן בין איך, ביסטו.
איז דאָס מיידל טרויעריק,
זינגט זי אַ טרויעריק געזאַנג:
אוי, אוי, אוי.
אַז ס'קומט די נאַכט,
שלאָפֿט איין דאָס קינד.
בלאָנדזשעט דאָס מיידל אויף דער גאַס.
און איר גייט נאָך, איך און דו,
און אירע בריסט זיינען וואַרים,
און דאָס מיידל לאַכט,
אוי, אוי, לאַכט זי אַ טרויעריקן געלאַך.

ו

לויה־געזאַנג

אָפּגעשיידט זאָל ער זיין.
פירט אים אַוועק.
אַוועק. אַוועק. אַוועק.
אַוועק פון מאַרק.
אַוועק פון הויז.
אַוועק פון ווייב.
אַוועק פון קינד.
פירט אים אַוועק.
אַוועק. אַוועק. אַוועק.
די זון איז פאַר אונדז.
די ביימער, די פייגל.
די שיינע מיידלאַך
און די פרישע ברויטן.
פירט אים אַוועק.
אַוועק. אַוועק. אַוועק.
לייגט אים אַוועק טיף אין דער ערד.
דער הימל קוקט אַרונטער אויף אונדז.
באַנאַכט וועט דעם ווייבס בויך גלוסטן נאָך אים.
אוי, ווי טרויעריק דאָס איז.
אוי, ווי פריילאַך דער טאָג.
אוי, ווי פריילאַך די קינדער וואָס טאַנצן אין גאַס.
אוי, ווי טרויעריק דאָס איז.
ווי פריילאַך דאָס איז.
ווי פריילאַך און ווי טרויעריק דאָס איז.
פירט אים אַוועק.
אַוועק. אַוועק. אַוועק.

זיבעצן לבנות

און וויפל קוואַלן האָט אַ שטייגער דיין דערפּעלע דאָס קליינע,
קינד מיינס?
גאַנצע זיבעצן. — איז דאָס ניט קיין וואונדער.
ס'איז אַ וואונדער בלויז, אַז עס קומט אַ לבנה-נאַכט,
שווימען אום דאָרט גאַנצע זיבעצן לבנות.

אויף דעם גרויסן הימל איין קאַרגע לבנה.
און אונדזער דערפּעלע — אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן —
קאָן זיך פאַרגינען
אַז עס זאָלן אַרומשווימען
אין זיבעצן קוואַלן
איינע ווי איינע,
גאַנצע זיבעצן לבנות.

און ווער האָט געציילט, קינד מיינס, די זיבעצן לבנות?
מיר האָבן זיבעצן הויכע יונגען,
וואָס טראָגן בלויע מונדירן מיט גרויסע קנעפּ,
זיינען זיי וועכטער וואָס וועכטן
אין לבנה-נעכט בײַ די קוואַלן,
שרייען זיי יעדער איינער פאַר זיך
לבנה — דאָ!
זיבעצן יונגען, זיבעצן מאָל:
לבנה — דאָ!

שטעקן אַרויס די צווייטהאַלבן מענטשן
די קעפּ פון די פענצטער פון די קליינע שטיבלאַך
און לאַכן און דאַנקען וואָס אַזאַ קליין דערפּעלע
פאַרמאָגט זיבעצן ליכטיקע לבנות
און זיבעצן קוואַלן,
בעת אויף אַ גרויסן הימל
שווימט אַרום איין קאַרגע לבנה.
און דאָס איז אַ גרויס וואונדער.
טאַקע, בנאמנות, אַ וואונדער!

אַ געזאַנג

דיין געזאַנג קומט צו מיר אין קליינע חלקים,
דו שפּייזסט מיך מיט אַ קרישקע יעדער פרימאָרגן.
דאָס קאַרגע הענטל דיינס שפּאָרט פּאַרזיכטיק דעם לאַבן.
זיי געדולדיק ביז כ׳וועל דיר געבן דעם שליסל צום טויער.
בלייב מיר געטריי ביז זומער.

דו זיצסט און וואָרימסט דיינע פיסלאַך באַם אויוון
און קליגסט זיך צו באַהאַלטן דיין בענקשאַפט פון מיר,
באַלד וועט דער זומער צעשמעלצן זיינע אייזיקע קייטן,
וועל איך עפענען די טירן און דיך אַרויסבאַגלייטן אַריבער
אַלע שוועלן.
בלייב מיר געטריי ביז זומער.
זומער וועל איך שניידן קליינע פּאַמידאָרן און טראַכטן פון
דיינע ליפּן,
און דו וועסט שפּאַנען אויף די וועגן און זינגען צו יעדער
פאַרבייגייער.
וועל איך באַדויערן וואָס איך האָב מיט אַ שניט דיר ניט
פאַרשענדט דיין פּנים,
אָדער פאַרוואָס איך האָב ניט שווערער געמאַכט דיין וועג
מיט אַ קינד מיינס אין דיר.
בלייב מיר געטריי ביז זומער.

קרעדאָס

יעקב גלאַטשטיין

פון מיין גאַנצער מי

די פרוי פרעגט

דורך דורותדיקן רויש פון געשיר און טעמפּן קיך-גערוך
און פאַרשאָלטענע צערטלאַכקייטן וואָס וואַקסן ווי געשווילאַכץ
אין דעם ווייב וואָס מאַמעט זיך און שטיקט זיך מיט ליבעם
אַלערליי,
וואָס דער באַשעפער האָט אָנגעהאַנגען ווי די שווערע בריסט
אויף צו טראָגן אַ לאַסט דורך לעבן לאַנג.
דורך דעם שווערן נעפּל וואָס טיילט אָפּ פון אַלץ
וואָס געשעט אין דער וועלט וואו מאַן איז קעניג,
גענעראַליסימאָ, זעלנער און דיפּלאָמאַטישער אינטריגאַנט,
גייט אויף אַ שטילער, דינער רעוואָלט.
די פאַריאָכטע האַנט קלינגט מיט גאָלדענע קייטן און בראַסלעטן
און דער פאַרטעמפּטער ליבער מוח פרעגט :
מיין טייערער, וואָס איז געשען היינט און נעכטן און פאַריאָרן.
דער רויש פון זיידנצייג פלאַטערט,
לאַנגע אוירינג מאַכן אַ קלוגן אָנשטעל
און געשוירענע קעפּלאַך דעבאַטירן צערטלאַך.
און דער גענעראַליסימאָ חלומט
פון אַ קיך, פון קלינגענדיק געשיר,
פון ווייבע הענט אַרום האַלדז
און פון הויזן וואָס זיינען אייביק צופרידן.

אַ באַרג, אַ הויז און אַן אַלטע פרוי

ניט פון חכמה און ניט פון נאַרישקייט,
איר לייבלאַכער שוועסטער —
האָב איך געטראַכט ווען די אַלטע פרוי
האָט שטאָלץ אַ טאַנץ געטאָן מיטן קאָפּ,
ווי אַ דערפאַרענע הון.
— איך האָב אויסגעהאָדעוועט ניין קינדער,
גאָט צו דאַנקען, און צו דער שטאָט ניט אָנגעקומען.
דאָס ערדענע פּנים האָט געשמייכלט אַ בייזן שמייכל
און איך האָב געטראַכט פון גאָטס מעשים און פון אַ מאַן,
און פון דעם אַז איר בויך איז אויפגעגאַנגען
גאַנצע ניין מאָל.

קרעדאָס

און וואָס קאָן דאָ זיין אַ רייד פון נאַרישקייט
אָדער וואָס קאָן דאָ גילטן חכמה?
אודאי, האָב איך געזאָגט, האָט די שטאָט
טויזנט טויטן פאַר קליינע קינדערלאַך.
איך האָב זיך פאַרטראַכט און געזען —
דריי יונגען שטייען און זעגן אַ גרויסן בוים,
דריי פאַרזעצן קאַרטאָפליעס אונטער אַ פלאַקערדיקער זון
און דריי לויפן באָרוויס אַרום הויז ווי קודלאַטע הינט.
— אַז ס'איז גאָטס ווילן קומט דאָ אויך דער טויט —
האָט די אַלטע פרוי געזאָגט מיט אַ פינצטער פנים, —
מיך האָט ער באַזוכט גאַנצע זעקס מאָל.
יאָ, איך האָב בייגעטראָגן מיין חלק פאַר דעם קליינעם בית עולם
און ער מאָנט נאָך און וועט עס אפשר קריגן.
איינער לײדט פון אַ שוואַך האַרץ.
דעם צווייטען פרעסט אויף די שווינדזוכט
און באַם דריטן שלאָפט דער קאָפ —
זי האָט געטייטלט מיט דעם פינגער אויף איינעם
וואָס האָט געטראָגן אַ גרויסן קאָפ אויף די פלייצעס,
געשיילט קאַרטאָפל און געלאַכט.
ס'האָט אַ שמעק געטאָן מיט אָפגעשניטן גראָז
דורך דעם פענצטער,
און מיט אַן אַראָמאַט וואָס האָט פאַרשכורט האַרץ און קאָפ.
אפשר איז דאָס געווען דער מאָנענדיקער ריח
פון דעם בית-עולם,
וואָס ליגט ניט ווייט פון דער שטאָלצער מאַמעס הויז?
איך בין אַרויס אַנטקעגן דער זון
מיט אַ פאַרמעגן פון פלאָנטערדיקע ווערטער —
שטאָט, דאָרף, בית-עולם, מאַן און גאָטס מעשים
און אַ שטאָלצער בויך וואָס איז אויפגעגאַנגען
גאַנצע ניין מאָל.
איז דאָס דען פאַר מיר צו זוכן דעם שכל פון זאַכן?
מיינע ליבע פריינט, גלויבט מיר,
כ'האָב געשפּאַנט ווי אַן אָקס איבער די פעלדער
און געטראַכט ניט פון חכמה
און ניט פון נאַרישקייט, איר לייבלאַכער שוועסטער.

באַלאַדע

שיסט מיר אָפּ, חברים מיינע,
די פיס וואָס זיינען אַנטלאָפן,
אָבער שיסט מיר ניט אין קאָפּ
וואָס טראַכט איצט פון שוואַלבן אין אַ נעסט.
אַזוי האָט ער זיך געבעטן
ווען מען האָט אים באַגינען אַרויסגעפירט
אויפן ברייטען סקווער.
ער האָט ניט געוויינט, נאָר געצופּט זיך דאָס בערדל.
שוינט — האָט ער גענעבאַכט — האָט רחמנות
אויף אַ מענטשנס אַ קאָפּ.
אָבער צוואַנציק ביקסן האָבן ווי איין זאַלפּ
צעשאָסען דעם קאָפּ וואָס האָט זיך געמאַטערט
צו כאַפּן דעם מיין פון וואָרט —
דעזערטירער.
און איך וואָס בין געווען איינער פון די צוואַנציק ביקסן
האָב לאַנג געוואַנדערט און געפונען זיין נעסט.
איך האָב געגלעט דריי קינדערלאַך איבער די קעפּלאַך
און אין האַלדז ביי מיר געהאַלטן געפאַנגען
מיינע טרערן.
אַ הויכע, שווייגנדיקע פרוי מיט אַן אויפגעהויבענעם בוזעם
האָט געוואַרט אויף מיינע ווערטער.
אוי, צי האָב איך איר געקענט דערציילן,
און מיט וואָס האָב איך זיך געקענט רעכטפערטיקן,
אַפילו ווען איר מאַן איז געווען
אַ דעזערטירער.

פון אונדזער יאָך

דאָס לעצטע וועגטל צווישן אונדז איז געפאַלן
און איך האָב געזען, אַז זי איז ניט צויבערלאַך.
כ'האָב געהערט דאָס וואַקלען פון אירע רייד
און ניט געבענקט נאָך חכמה.
און דאָך, גראָד איצט,
האָב איך מיט זיכערע הענט
אַליין געשלאָגן שינדלען
אין דעם דאָך איבער אונדזערע קעפּ.
כ'וויים שוין אַז זי איז ניט די אַנדערע
וואָס איך האָב ארומגעזוכט.
פאַר איר האָב איך קיין נעצן ניט געשפּרייט.
וואָס פאַר אַ יעגער קען איך, משטיינס געזאָגט, זיין
מיט דעם פּאַק פון אויסגעקליגטע יאָרן.
זי איז אַליין צו מיר געקומען.

קרעדאָס

און דאָך איז מיר גוט איצט
וואָס מיר האָבן איינס דאָס אַנדערע געוואונען.
און אַז זי איז אַליין צו מיר געקומען
און געזאָגט:
איך בין ניט צוויבערלאַך
און ניט קלוג
און איך דאַרף ניט די אַלע סטימולן
כדי צו וועלן לעבן.
כ'ווייס אַפילו אַז מײַן לײַב ווי דײַנס
איז אַביסל אָפּגעטראָגן,
און כ'האָב אויך ווי דו שוין
אַ דריי־פיר חולאתן
וואָס קיין פּערפומען קענען ניט פאַרווישן.
ס'איז דער קערפּער — גוף.
און דאָס וואָס איז בײַ מיר אַנדערשט ווי בײַ דיר
ווערט אַנדערש בלויז דורך דײַן באַריר.
ווײַל פאַר זיך זײַנען די בריסט ניט קיין בריסט
און דאָס גאַנצע ביסל מיידלשע קלאַפּערגעצייג
ווערט מיידלש בלויז מיט דיר.
כ'האָב די פּשוטע רייד געוואויגן און געמאָסטן.
איך האָב געוואָלט זען וואו ליגט אין אירע ווערטער
דאָס געהיימפולע און פאַרבאָרגענע
וואָס קען נאָך שפּייזן מײַן באַגער נאָך איר
און אירן צו מיר.
אירע רייד זײַנען געווען סקעלעט,
אָן באַפּוצונגען פון פלייש און אָדערן
און ווי האָב איך שוין געקאָנט זינגען צו איר:
„זײַ אַ מאַמע מיר אָדער אַ שוועסטער".
טויזנטער לירישע לידער האָט זי פאַרלייקנט מיט אירע ווערטער.
און דאָך בין איך אַרויף אויפן דאַך,
און אומעטום פאַרריכט אַז דער רעגן זאָל ניט דורכנעצן,
און געטאָן עס מיט פרייד
וואָס נאָך אַ מענטש איז מיט מיר.
און ווען כ'האָב געשלאָגן די שינדלען
האָב איך געטראַכט,
אַז ווי נאָענט מאַן און ווײַב זאָלן ניט שלאָפן
זײַנען זייערע חלומות פאַרשידן.
אין שלאָף זײַנען זיי עלנט
און שליסן אויס איינער דעם אַנדערן.
כ'האָב צו זיך געזאָגט:
ווען איך וועל אַרונטער פון דאַך
וועל איך עס איר זאָגן און גוט באַטראַכטן
וואָס אירע אויגן וועלן ענטפערן.

איך קום צו דיר

שלאַנקע, מיטליעריקע פרוי,
היט זיך פאַר דער נאַכט
וואָס באַשרייבט דיין פּנים מיט יאָרן.
כ׳האָב דיך געזען אַ פאַרפלאָנטערטע הירשין
אין די צווייגן פון דער גרויסער שטאָט.
כ׳האָב דיך געפירט צו אַ בעט און געזאָגט:
דער גאָט פון מיטליעריקער פאַרשטענדיקייט
זאָל היטן דיין יעדער באַוועג,
זאָל דיר ביישטיין אין דיין גרויסער גענייטקייט.
ביי וועמען האָב איך נאָך געזען אַזאַ בלוטיקע מלחמה
צווישן עלטער און קינדישקייט ווי אויף דיין געזיכט?
דו נאַרישע קעמפערין, כ׳קום צו דיר,
צו דער פריסטערן פון פאַרשטענדיקייט,
און שפּיל זיך מיט דיינע קלוגע רייד און נאָך ניט אָפּגענוצטע
פּיס,
דורך דער גאַנצער נאַכט וואָס שמינקט דיין פּנים מיט יאָרן.
אינדערפרי האָב איך אומזיסט געזוכט ווערטער
וואָס לאָזן זיך מאָלן אויף ראַז פּאַפּיר.
אַז איך וועל געפינען וועל איך עס דיר צושיקן
און דו וועסט עס באַהאַלטן אין אַ בוך פון לידער
לעבן פאַרטריקנטע בלומענבלעטלאַך פון ערשטער ליבע.

313

קרעדאָס

יעקב גלאַטשטיין

פֿון מיין גאַנצער מי

אונטער פרעמדן דאַך

אונטער פרעמדן דאַך און אין שוץ פון פרעמדע ווענט,
בין איך געזעסן און אַ פאַרלוירענע געקוקט
ווי אין מיין שוים זיינען געפאַלן ברעקלאַך
פון אַ פרעמד לעבן.
צוגעוואָרפן האָט זי מיר אַ האַנט מיט דינע, לאַנגע פינגער —
אַ נאָכלאָזיקע, גוטע האַנט —
ווי מען וואַרפט צו אַ קלוגן פעטער אינטימיאַ
אויף יאָ אָדער ניט צו הערן אַ ראָט פון אַ געזעצטן מענטשן.
זי האָט געוואָרטערט וועגן דער גרויסער ליבע פאַר איר מאַן,
וועגן דער ליבע וואָס ברענט איר פון די שפּיצפינגער פון די פיס
ביז די גרויסע שוואַרצאַפּלען,
וועגן דעם וואָס עס פירט זי צום ברעג פון געפאַרן
און ניכטערט זי אויס און וואַרפט זי צוריק
אין די אָרעמס פון אים,
וואָס געוועלטיקט איבער די ווינקעלאַך פון הויז,
איבער דעם אָרימן טיש און צעבראָכענע שטולן
און איבער איר ווי אַ טייל פון זיין גאָטגעבענטשטער אָרימקייט.

זיבעצן שלייערן האָב איך געשלעפּט פון אירע חנעוודיקע רייד
און זי איז אַלץ געשטאַנען פאַר מיר
לאַנג און הויך אין איר קימאָנע.
כ'האָב פאַרנומען דעם מידן שלעפּ פון זיינע שטעקשיך,
איבער די פיר איילן פון הין־און־צוריק,
און געהערט די מוזיק פון פאַרהייראָטקייט:
די קאַרגשאַפט פון געהערן און פאַרמאָגן
און די ענגשאַפט פון אַ בעט פאַר צוויי
וואָס זינגט שטיל אַ ראַפּסאָדיע פאַר דערוואַקסענע —
און געוווען איז ער ווייט אַוועק,

אָבער די טריט זיינע אַזוי קענטיק
איבער זיין קעניגרייך,
אַז מיר ביידע האָבן געהערט דעם פּלאַטער פון זיין שלאַפראַק.

חדשים זיינען אַזוי אַוועק —
איר ליבע פאַר אים איז געוואָרן געוואוינהייט ווי אַ הויקער
און אפשר איז דאָס געווען דער הויקער אויף מיר
ווען איך בין געזעסן ווי אַ פּעטער גלח
אַנטקעגנאיבער און געהערט אירע רייד.
פון שלאָפצימער־געזאַנגען האָט זי געשפּונען רייד פאַר מיר.
און וועמענס קנעכט בין איך דען געווען,
ווען זי האָט מיר ווידער מיינע אויערן דורכגעבויערט
מיט איר גליענדיקער אָדע צו אים?

צווישן אונדז האָט אָנגעהויבן צו טונקלען.
לייז מיך אויס, באַפריי מיך פון מיין ליבע צו אים, —
האָט זי מיר געוואָרפן אין פנים
צום ערשטן מאָל.
אַ שליידער געטאָן מיט פאַרוואורף
אַז דער זילבערנער צלם וואָס האָט געקילט מיינע גלחישע
קליידער
איז צעשמאָלצן געוואָרן,
און איך האָב איידל אַרונטערגענומען
די לעצטע דינע היל פון אירע רייד.

זי האָט געקניט אונטער דעם יאָך
און געשלאָסן די אויגן פון פאַרמאַטערטקייט.
(האָב איך געטראַכט פון רייד און זיגזאַגן
און שטיינדלאַך וואָס פאַלן אין וואַסער מיט אַ פּליעסק?)
זי האָט זיך געוואָלגערט אַ נאַקעטע
און אין איר פרייד האָט זי דאָסמאָל
פון איר ליבע געמאַכט דינע ריטלאַך
און זיך געביימשט.
אַ לאַנגער, שטומער וויאָלאַנטשעל איז זי געלעגן אויפן בעט.
און מיר דוכט זיך אַז איך האָב געטראַכט פון סתירות
און פון אייביקער געטריישאַפט צו
טריט, טריט, טריט.
וואָס געוועלטיקן ווען זיי זיינען ניטאָ,
ביז משוגעת, איבער דעם צעבראַכענעם טיש,
איבער די פאָר בענקלאַך,
איבער דעם גאַנצן ביסל אָרימקייט
און איבער דעם שטומען וויאָלאַנטשעל
וואָס וואָלגערט זיך אויפן בעט.

שיני מייק

א

שיני מייק שלאָפט אין אַ בראָנזענעם ארון.
ס׳וויינט נאָך אים אַ מלוכה פון צוועלף בלאָק
און דער מאַמעס שייטל און דעם טאַטנס אַלטע באָרד.
פאַריתומטע יונגען שטייען באַ די ראָגן
און קנייטשן ציגאַרעטלאַך מיט ציטערדיקע, דינע פינגער.
שטייט אַ יונג באַם ראָג מיט דעם קאַפּעלושל אָן אַ זייט
און שפייט ווייט אַ דינעם שפּיי.
אויפן ברונעם פון טרערן ליגט אַ האַרטער, שווערער שטיין,
אָבער ער ווייסט אַז שיני מייק שלאָפט איצט
אין אַ בראָנזענעם ארון.
דער שרעק און דער היטער, דער מלך און געביטער
פון אַרום און אַרום צוועלף גאַנצע בלאָק,
ליגט אויסגעפּראַנטעוועט און שלאָפט.

דער מאַמעס שייטל יאָמערט אים נאָך אַ זכות,
ער האָט אַלטע טאַטע-מאַמע
ניט געלאָזט פאַלן מענטשן צו לאַסט.
אָבער דעם טאַטנס באָרד איז פאַרשעמט אויף די עלטערע יאָרן,
ווייל אַלע, אַלע ווייסן פון אָרום און אָרום די צוועלף בלאָק,
אַז שיני מייק איז געפאַלן און שלאָפט איצט
אין אַ בראָנזענעם אָרון.

ב

שווערע שלעפשיפן שניידן דאָס קויטיקע וואַסער,
שטינקענדיקער רויך פאַרסאַזשעט די דעכער
אויף די הייזער פון דעם פיצל וועלט.
דאָ, אויף דעם דאַך האָט ער דאָך דעם חלום פון זיין קיניגרייך
דערזען.
די ציטערדיקע וועש אויף די שטריק
זיינען געווען זיינע לאַנען,
ווען אונטן האָט דער טאַטע מיט האַלב-בלינדע אויגן
איבער אַ פאַרפעצטן ספר
געלערנט מיט קינדער דעם טייטש
פון שולחן — אַ טייבל און כסא — אַ טשער.
אָ, די מאַמע האָט געוואוסט איר בראָך,
אַז ס'קלעטערט איר קינד שנעל די לייטער,
פון קעשענע-גנב צום סאַמע שפּיץ,
צום גרויסן שררה, מלך און באַפעלער,
איבער די גאַנצע אָרום און אָרום צוועלף בלאָק.
די אבות, די פרומע וואַסערטרעגער און פאַרגרעבטע
גאַטפאַרכטיקע קצבים,
זיינען פאַרבליבען אויף די בית-עלמינס פון יענער זייט.
האָבן זיי זיך ניט געמיט,
ווען דער טאַטע מיט די רויטע אויגן האָט בהרחבהדיק
באַזעצט דעם דלות אין הויז מיט זיין געזאַנג —
אוי, שולחן — אַ טייבל און כסא — אַ טשער.

ג

ווי אַזוי האָט ער אויסגעחלומט זיין מלוכה?
ווי אַזוי האָט ער געוועלטיקט?

קרעדאָס

ווי אַזוי געהערשט?
ווי אַזוי האָט ער פאַראונטערטעניקט?
ווי אַזוי פאַריאָכט?
זיין פּיצל וועלט ביז אַפילו
צום הויז פון געזעץ מיט דער גרינער לאַמטערנע.
דער מאַמעס פאַרזשאַווערטע בענטשלייכטער,
דער אָרימער שבת אין הויז,
די פּייכטע ווענט,
דעם טאַטנס באָרד און דער מאַמעס שייטל
האָבן זיי דען געוואוסט אַז אונטער איין דאַך
וואוינט אַ קעניג,
וואָס האָט געקעניגט און געקעניגט, געשאָלט און געוואָלט,
ביז ער איז געפאַלן פון שונאס האַנט?
ווער האָט איבערגעריסן די דינאַסטיע?
שיני מייק ווייסט, אָבער מען טאָר ניט דערציילן,
שיני מייק שמייכלט אין בראָנזענעם ארון.

ד

וויפל מוט פאַרמאָגט אַזאַ דינער קערפּער,
וויפל קראַפט אין פאַרשלאָסענע ליפּן,
וויפל עקשנות אין שטאָלצע פּיס
צו קומען שווייגן, שווייגן, שווייגן
צוקאָפּנס דעם שווייגנדיקן קאָפּ.

לאָזט זי צו צום בראָנזענעם ארון.

אָ, אויף איר יונג און גליענדיק לעבן
איז ער געווען דער איידלמאַן,
דער רייטענדיקער ריטער,
דער טעמפּער יונג, דער שכור,
וואָס האָט געוועזעט כעס
און פייערדיקע רייד.
וויפל עקשנות דורכצוגיין אַלע רייען
און קומען שווייגן, שווייגן, שווייגן
צוקאָפּנס דעם שווייגנדיקן קאָפּ.

לאָזט זי צו צום בראָנזענעם ארון.

אַ ליד

וואַך דורך דער גאַנצער נאַכט
איז דאָס מיידל געזעסן אויף דער שטילער באַנק.
אַ קלוגער טרויער האָט איר אויסגעהוילט דאָס האַרץ
מיט אַ שאַרפן שנאָבל,
און אירע געדאַנקען האָבן געזונגען
אין אַ ראָזער פּראָצעסיע:
מיין גאָט, מיין גאָט, מיין גאָט.
וואָס האָב איך מורא פאַר דעם טויט
אַז ער איז בלויז אַ סוד אין אויער.
אַ פלינקע שווערד וואָס קעפט גלעטנדיק.
וואָס פאַרבייט דאָס קליינגעלט פון צייט
אויף סעדער פון אייביקייט.
דורך דער גאַנצער גאַמע פון דיינע טויטן
מיין גאָט, מיין גאָט, מיין גאָט,
וויל איך שפּאַנען.
אויסטריקענען וויל איך ווי אַ באַהאַלטן וואַסערל,
פאַרוויאַנעט ווערן ווי אַ זאַנג,
שטאַרבן געדולדיק ווי אַ פויגל.
פליען וויל איך פון ווערן צו ווערן
און ווערן אַלץ קלענער און ברעקלדיקער
ביז צום מינדסטן פרימסטן ווערעמל
וואָס לאָזט זיך צעטרעטן מיט די פיס.
מיין גאָט, מיין גאָט, מיין גאָט —
האָט דאָס מיידל געגליט אויף דער שטילער באַנק
דורך דער גאַנצער וואַכער נאַכט,
און די ביימער האָבן אַרונטערגעשאָטן לעצטע בלעטער
ווי שלאָפנדיקע הענער
וואָס טרייסלען אויף מיט די פליגל.

אַ קינדערליד וועגן אַלטע לייט

צוויי אַלטע לייט זיצן און וויִזן געמיטלאַך
אַ פייג די יאָרן זייערע וואָס ציילן זיך הויך אויפן קול,
און ריידן וועגן הויכפּאָליטיק, וועגן קינדער־דערציִען,
וועגן וואָס וועט זיין איבעראַיאָר,
און וועגן דער וועלט וואָס האָט אַ טעמפּן רעגירער.
זיי לאַכן אַפילו און ווערן אַנדרימלט
און חלומען פון אַ פעלד מיט פאַרשידנקאָלירטע בלימעלאַך,
וואָס מען וועט פליקן מיט אייגענע הענט,
היינט און מאָרגן און איבעראַיאָר —
מיט פלינקע און ריִרעוודיקע הענט.
די פייכטע נאַכט שעמט זיך צו קומען
ווי אַ קאַלענדאַרישער פאַקט.
האַלט זיך די זון לאַנג באַם מעריב
און באַרויטלט די געזיכטער
פון די צוויי אַלטע לייט.

זומער

דער זומער קומט אויף גרינע קוליעס
און בעטלט אויס אַ פֿאַרמעגן פֿון שײנקייט
און מאַכט צערעכט זײַן אָרים, דורכגעפֿרוירן הויז.
שפּעטער־צו ווערט ער אַפֿילו פֿויל צו שנאָרן —
ליגט ער גאַנצע טעג אַ צעכראַסטעטער
און וואַרימט זיך פֿאַר דער שוועל פֿון זײַן הויז.
און לעבט אויף גרייטע קאַלירן און עסט פֿאַרטיקע פּירות
און ווערט אַנטשלאָפֿן ביז ס׳פֿאַלט אויף אים אַ הויפֿן געלע
בלעטער
מיט אַ געמורמל:
זײַט־זשע מוחל, טראָגט זיך אָפּ.

געטרײַע זיידעס

מיט מאָרד, קריגערייען און טעמפּער עקשנות
פֿאַרבן מיר, געטרײַע זיידעס, אַביסל איבער דעם דאַך.
אונדזערע ווײַבער זײַנען אַלט, אונדזער וועלט איז פֿאַרלוירן,
אָבער פֿאַר די אייניקלאַך וואָס דאַרפֿן ווערן געבוירן
וועט זײַן אַ שפּאָגל־נײַער דאַך.
און זיי וועלן מיט אַ קראַך אײַנגאַנצן אומוואַרפֿן דאָס הויז
און איבערבויען אויף דאָס נײַ אַן אַנטיקע וועלט.
(מיט מאָרד, קריגערייען און טעמפּער עקשנות.)
אַזוי שפּאָרן מיר אָפּ יעדער קרישקע גליק פֿון זיך אַליין אויף
עלטערע יאָרן,
פֿאַר זיי וואָס דאַרפֿן ווערן געבאָרן.
אונדזערע טאַטעס טויט, אונדזערע זײַנען די קברים,
און מיר בויען זיך אַרײַן אין די ווענט
מיט טיראַנישקייט ווי מאַרטירער.
פֿאַר זיי וואָס וועלן אומוואַרפֿן הויז און ווענט און דאַך
און ווידער רעסטאַווירן אַן אַנטיקע וועלט.

אייביק

פופצן קנויטן אָנגעצונדן,
אַ מיטנוואָך פאַריומטובט.
אַלע רעדער אָפּגעשטעלט.
אַלע רוישן איינגעשטילט.
אַלע גאַסן אויסגעצירט —
פאַר וועמען מאַך איך חגא?
פאַר מיר, ווייל כ'בין אייביק.
ווי פעטרישקע איז אייביק.
ווי מאַראַנצנשאָלאַכץ,
ווי אַ שטויבעלע,
ווי אַ פונק,
ווי אַ ווינטבלאָז,
ווי אַ וואַסערטראָפּן,
ווי אַן איבערגעפאָרענע קאַץ
וואָס האָט זיך געדולדיק אָנפאַרטרויט
דער מענטשלאַכער אומשטערבלאַבקייט.
און ווער עס וויל און ווער עס וואָל
זאָל און זאָל און זאָל
היינט קומען באַגרייפן —
אַז אויב די מויערן זיינען שטיל,
איז עס ווייל איך וויל
אַז יום-טוב זאָל צערטלען שטיין און שטאָל.
ווייל איך בין שטיין און איך בין שטאָל.
ווייל איך בין און בין און בין
אייביק.

323

קרעדאָס

יעקב גלאַטשטיין

פון מיין גאַנצער מי

אויטאָביאָגראַפיע

כ'האָב נעכטן אָפּגעשטעקט מיין זון די דאָזיקע געשיכטע:
אַז מיין טאַטע איז געווען אַ ציקלאָפּ און, פאַרשטייט זיך,
מיט איין אויג,
אַז מיינע פופּצן ברידער האָבן מיך געוואָלט אויפפרעסן,
האָב איך זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט פון זייערע הענט
און זיך גענומען קייקלען איבער דער וועלט.
קייקלענדיק זיך בין איך אויסגעוואַקסן אין צוויי מעת־לעת,
אָבער צוריק צום פאָטערס הויז האָב איך שוין ניט געוואָלט גיין.
בין איך אַוועק קיין צפניה און זיך אויסגעלערנט שפּרעכן יידיש,
זיך מל געווען און געוואָרן יודע.
האָב איך אָנגעהויבן האַנדלען מיט פלאַקס, טריוואַקס, אתרוגים
און אָפּגעביסענע פּיטומס
און געמאַכט וואַסער אויף קאַשע.
ביז איך האָב אָנגעגעגנט אַן אַלטע פּרינצעסין
וואָס האָט מיר אָפּגעשריבן אירס אַ גוט און געשטאָרבן.
בין איך געוואָרן אַ גוטבאַזיצער
און אָנגעהויבן פרעסן און זויפן.
און אַז כ'האָב געזען כ'ווער אַ ביסל פעט,
האָב איך געכאַפּט און חתונה געהאַט.
נאָך דער חתונה האָט מיין גוט אָפּגעברענט
בין איך געוואָרן אַן אָרימער צייטונג שרייבער.

צו מיין טאַטן, דעם ציקלאָפּ, שרייב איך נאָך אַמאָל אַ בריוול,
אָבער צו מיינע פופּצן ברידער — אַ זאַסיע.

אידישע מלוכות

קאָנסקיוואָליע, מאָזלבאָזשעץ, קאָזשניצע,
ליעווערטאָוו, פּולאַווע און בעכעווע,
גליסק, פּיוסק און שאָבעשין —
נעמען פון פּוילנס שטעט, ווייסט דער טייוול פאַרוואָס,
שווימען נאָך אום ווי מרחץ-בלעטלאַך אין מיין זכרון.
ווען איך בין געווען אַ קליינער פּעמפּיק,
האָב איך געוואוסט אַז אַ נסיעה אַהין,
שמעקט מיט אַ בויד, אַ פור, אָדער אַ סקריפּענדיקן וואָגן,
וואו עס פאָרן שטענדיק וואַרעמע דינסטמיידן אויף דינסט.
איך האָב געזען אַלע שטעטלאַך ווי אידישע מלוכות,
וואו יום-כפור לייגט אַוועק אַ שרעק,
אַפילו איבער די גויאישע כאַלופּעס,
וואו עס הענגען צלמים
פאַר אַ שמירה קען אידישן גאָט.

כ'וואָלט אַוועקגעגעבן גאַנצע מאַיאָנטקעס מיט אָרימקייט
איך זאָל אַצינדערט נאָך דעם בענקען.

מאַרשאַלקאָ

אַלע בריקן ברענען אויף דער ווייסל
און גאַנץ פוילן גייט אַוועק מיט פלאַמען.
אוי, מאַרשאַלקאָ, פאַרוואָס ברענען ניט מיינע אויגן מיט דעם
פייער ?
דער אמת איז אַז רואיק איז אין לאַנד פון מיין געבוירן,
און פרומע פויערים גלעטן פעטע ערד מיט אַקערקאַמען,
אוי, מאַרשאַלקאָ, פאַרוואָס שטראַלט די רו ניט פון מיינע אויגן ?
כ׳ווייס ניט וואָס איך האָב גערשנט
פון דעם לאַנד וואו בייזע גויים
האָבען געשראָקן חדר-קינדער מיט יויזל פראַצעסיעס און
קלויסטער גלעקער,
און אייביק געהערט ווי עס קלינגט דאָס גאָלד בא זשידאָווסקע
הענדלער —
גאָט ווייס אַז פון דעם מסחר איז באַם טאַטן מיינעם
געבליבן אַ טאָרבע אויף די אַלטע יאָרן
וואָס ער שעמט זיך אפשר צו באַווייזן,
און באַ מיר, מאַרשאַלקאָ, וואָס איז פאַרבליבן פון דעם לאַנד
פון ברייטע לאָנקעס ?

דער ריז פאַר מיין הויז

דער ריז איז געקומען פאַר מיין פענצטער אויף קוליעס צוגיין,
און צעבראָכן מיט דער קוליע אַ שויב אין מיין הויז,
און אויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין וואָס האָט געקענט רירן אַ
שטיין:
כ׳בין זיך געקומען פעכטן.

האָב איך קודם געזען אַז דער ריז איז פון הונגער פאַרדאַרט,
האָב איך אים געוואָרפן אַ צאַפּ, אַ חזירל, אַ ציג און אַ צויג,
האָט דער ריז געפרעסן און אַלץ געוויינט:
כ׳בין זיך געקומען פעכטן.

האָב איך אים אויסגעווישט אַ טרער פון דעם גלעזערן אויג,
און געזען אַז דער ריז בענקט פון געוואוינהייט נאָך אַ ווייב,
האָב איך אים געטרייסט מיט אַ פסוק פון דאָ און אַ פסוק
פון דאָרט,
אָבער דער ריז האָט אַלץ ווי אַ ביבער געוויינט:
כ׳בין זיך געקומען פעכטן.

האָב איך אים אַרויסגעוואָרפן אַ קויש מיט גוטסקייט אויפן קאָפּ
און מיט אַ גאַנצן פאָמעשאַף פון פריינטשאַפט אים באַצוואָגן,
אָבער דער ריז איז געפאַלן פון די פיס און געוויינט:
האָב רחמנות! כ׳בין זיך געקומען פעכטן.

האָב איך אים געגעבן אַ שנעל אין דער נאָז
און אַ טראָמאַך אין אַ זייט,
אָבער ער האָט געפאָכעט מיט אַ קוליע ווי אַ שפּיז,
און געפאַלן פון די פיס,
און געיאָמערט:
כ׳בין זיך געקומען פעכטן.

327

קרעדאָס

יעקב גלאַטשטיין

פון מיין גאַנצער מי

דיזע פאָלגנדע מענטשן

מיין זיידע האָט מיר אַמאָל פאַרזאָגט:
מיט דיזע פאָלגנדע מענטשן זאָלסטו ניט גיין אַליין
אויף אַ פינצטער געסל —
מיט אַ גוי וואָס גייט פאַרביי אַ יויזל
און צלמט זיך ניט.
מיט אַ קרעמער וואָס רעדט דייקע פון ערלאַכקייט.
אָבער אַן אמת איינשטעלעניש איז מיט דעם מאַן,
וואָס זאָגט אַז ס'אַרט אים ניט
אַז זיין לשון וועט אונטערגיין,
און אַז ס'וועט שטאַרבן זיין פאָלק.
און גאַר אויסגעהיט דאַרף מען זיין מיט אַזוינעם
וואָס ס'אַרט אים אַפילו ניט זיין אייגן לעבן,
וואָס ער איז כסדר מקריב אויפן מזבח
פון דעם אָפגאָץ וואָס לייטע רופן מענטשהייט.
אַ מענטש וואָס שפּרינגט פון דער הויט
מקריב צו זיין די אייגענע שקורע, מיין קינד,
האָט ניט חס אויף קיינעם
און וועט קודם כל גאַנץ גלייך
מיט שמחה מקריב זיין פריער דיך.
דערומאַך זאָג איך דיר בפירוש,
אַז מען דאַרף זיך שטאַרק היטן, מיין קינד.

שפּיגל־כתב

שפּיגל-כתב אויף מערמלווענט
מנה, מנה.
פּיבערווילן אין טויטע הענט
מנה, מנה.
דאָס וואָרט איז אָנגעשוואָלן,
דאָס וואָרט וועט פּלאַצן
פון צופיל מיין און צופיל קלאָר.
דאָס וואָרט איז דרייעקיק,
דאָס וואָרט איז פּירקאַנטיק
און דער ליגן — מאַטעמאַטיש וואָר.

י. ג—ן

די נאַכט צײלט די אײגענע שעהן
און דער טרויער איז אַלץ זיין פּאַטער.
דער טאָג קומט צו רייטן אויף דעם קריי פון אַ האָן
און דער טרויער איז אַלץ נאָך זיין פּאַטער.

קרעדאָס

פון מיין גאַנצער מי
יעקב גלאַטשטיין

אָ, שטיי אויף, אָ, שטיי אויף, אָ, שטיי אויף
צום קאַמף וואָס איז רויט.
צום רויטקאַמף, צום קאַמפרויט.
צום ברויטקאַמף, צום קאַמפקאַמף.
מיט דער פאָן וואָס איז רויט,
(מיט דעם העמד וואָס איז שוואַרץ
שוואַרצרויט, רויטשוואַרץ)
צומרשטן, צום צוועלפטן, צום וויפלטן —
און דער טרויער איז זיין נאָענטסטער קרוב.

אָ, ליבע, אָ, ליובעלאָך,
לאָזט פאַרהאַקן די לאָדן,
און עסן דאָס טרוקענע ברויט.
(צום רויטקאַמף!)
לאָזט צאַפּלען אין ענגוועגט די יאָרן פון מיר.
פאַרוואָס זאָלן בלוטן די יאָרן פאַרנאַך
פאַר דעם לאַנגן מאָרגן,
וואָס ווערגט מיט צוזאָג און קומט
ניט. ניט. ניט.
קומט ניט. קומט ניט. קומט ניט.
און דער טרויער איז אַלץ נאָך זיין פאָטער.

איר, מיט צונגען וואָס דרייען דעוויזן,
וואָס פאַרטויבן די וועלט מיט מאָטאָס און לאָזונגען,
וואָס וואַרפן און שטעלן שטענקמעלער,
וואָס פאַרטעמפן דעם דור מיט פאַר און מיט קעגן,
וואָס טייטשן ציטאַטן פון געשטאָרבענע העלדן,
וואָס שרייען הוראַוויוואַט פאַר יאָ און פאַר ניין,
ברענגט מיר אַן אָפּגעשיילטן אמת,
שטאָמלער פון סתירות,
פאַר דעם וואויל פון מיין קינד.
(קינדעלע, עופעלע, נאָך ניט געבאָרן דורעלע,
דיר ווילט זיך דוקא אַ טאַטע אַ מאַרטירער.)
די אַלטע ציין דערקייען אַ טרוקן שטיקל ברויט.
מיינע וואוילטאָגן וועלן אָדער יאָ, אָדער ניין,
ווערן מיט דעם דערלייז פון מיין בלוט
לוקסוסדיקער אויף אַ האָר.
אָבער די וואָר איז
אַז סיי אַזוי און סיי ניט אַזוי,
איז אַלץ דער טרויער
זיין און מיין און דיין
נאָענטסטער קרוב.

שבח

אַ שבח גיב איך אָפּ צו דעם וואָס טרייבט דעם גאַנצן קאַטאָוועס,
וואָרן ער האָט מיר געגעבן אַ פּונק פֿון זײַן חוזק
און אַ גליִענדיקע קויל פֿון זײַן שפּאַס.
אין מײַנע אייגענע דלד אמות בין איך ער,
ווײַל אין דעם ביסל לײם וואָס איך האָב געקראָגן געשאָנקען,
בלאָז איך אַרײַן אַל זײַנע שמאַדשטיקלאַך
און אַל זײַן שטיפערײַ.
די שרעטעלאַך וואָס וואַרטן אויף מײַן באַפֿעל
צינדן אָן גאַנצע קאַנדעלאַברעס מיט ווערטער,
וואָס פֿאַרענטפֿערן אַלץ מיט פֿײַער און מיט ליכט.
און דאָס וואָס מ'דאַרף ניט וויסן,
און מען בראָך ניט וויסן און מען קאָן ניט וויסן,
איז געהילט אין פֿאַנטאַסמאַטונקלעניש,
וואָס לויכט אויך און צוויבערט און פֿאַרווײַלט.

די שווערד פֿון ליגנעריי

אַ

אַ שטילער, שמאָלער טייך שלענגלט זיך דאָס לעבן,
דאָרפֿיש-פּאַמעלאַך דורך פֿינצטערע גאַסן,
פֿאַרקויטיקט און פֿאַרפֿלעקט מיט אַלטע הייזער,
טערעמער און קלויסטער.
אין אַ גרויסן מיסטקאַסטן וואַרפֿט אַ האַנט אַריין
יאָרן ווי פֿאַרפֿוילטע בלעטער,
וואָס זאַמלען זיך און עפּושן אַזוי קאָלירפֿול
ווי וויאַנע בלעטער קענען.
און צו שווער איז דעם מענטשענס לאַסט
זיך אָפּצושטעלן און איבערלייענען דעם אַנאַדאָמיני —
ס'איז היי-יאָר, פֿאַריאָרן און דאָס יאָר וואָס וועט קומען
מיט שטילע קריכנדיקע טעג.
די האָפֿנונגען אויף מאָרגן טונקלען
ווי די קאָפּטשענדיקע גאַסלאַמטערנעס.
די איינציקע וואָס חלומען נאָך וואַכערהייט
זיינען די קינדער וואָס שפּילן זיך אין וואָס-וועט-זיין,
און טאַפּן זיך אין דער פֿינצטער אויף די בוידעמס
מיט הייסע הענטלאַך.
אין שטאָלצע פֿילקאָלירטע מונדירן
דרייען זיך אַרום די סאָלדאַטן איבער די גאַסן
ווי די פֿאַרביקע אַווסטראַלישע פֿייגל.
באַנאַכט ווערן וואַרים און באַוועגלאַך ווי מוראַשקע-נעסטן
די ראָגן.
די מוידן וואָס האָבן פֿרעכע מיילער און הויכע בוזעמס
און די סאָלדאַטן וואָס אָטעמען שווער דורך די לאַנגע וואָנצעס
און בייטן אומרואיק די פֿיס,
קלעפּן צוזאַמען אין דער טונקלניש
און ריידן שטיל און זינגעוודיק וועגן אויסדינען
און וועגן בויען אַן אייגן הויז.

אַהער איז דער באַראָן געקומען אויסהוסטן
זיינע לעצטע חדשים.
דאָ אין דעם קליינעם קלויסטער האָט ער געהערט
די ציכטיקע רייד פֿון גלח:
קליינע געמאָסטענע רייד ווי קליינע פּינטעלאַך,
שטילע ווערטער וועגן לעבן

331

קרעדאָס

יעקב גלאַטשטיין

פֿון מײַן גאַנצער מי

קרעדאָס

און פריידיקע טרייסט אַנטקעגן דעם טויט.
די בערג אונטער די אויגן זיינע זיינען העכער געוואָרן
און די אויגן פאַרלאָפן מיט וואַרימקייט,
ווען דער פּאַסטוך פון דער קליינער עדה
האָט גערעדט געלאַסן וועגן הימלישן פאָטער,
אונזער אַלעמענס פּאַסטוך וואָס איז גערולדיק
און באַשיידן ווי אַ בעטלער.
ס'איז געווען ליב און ענג ווי אין אַ שוויצבאָד
אין דעם קליינעם שטעטל,
וואו ער האָט מיט דעם לאַנגן שטעקן זיינעם
געשריבן מיטן שפּינוועב פון די הייזער
דעם ווייטן נאָמען — פּעטערבורג,
אָדער דאָס קורצע וואָרט — רוים,
וואו פרויען אויף הויכע אָפּצאַסן
רופן מיט אויגן ווי לאָמפּן
און זיינען קליגער און דערפאַרענער פון די מענער.
אַ הויכער דינער בוים איז ער אַרומגעגאַנגען
איבער דער לענג און ברייט
און געטראַכט זאַכן וואָס האָבן אים געוואָרגן
און געזוכט אַ ברייטן שטח,
כדי אַ פלייץ צו טאָן מיט גינגאָלדענע ווערטער
וואָס דראַפּען זיך אַקראָבאַטיש צום הימל.
דער טאָג איז פאַרגאַנגען אויף אַ שטיק וואָלקן
מיט די שענסטע פאַרבן.
דער באַראָן האָט זיך פאָרגעווארפן
אַז ער איז אַלט און סענטימענטאַל,
ווען ער האָט גראָד איצט געטראַכט
אַז דאָס פלאַקערט זיין צוויבערדיק לעבן אַזוי ערב אונטערגיין,
און ס'איז אים געווען עגאַל אַצינד,
צי ער האָט איינער אַליין אויסגעשלאַכט הונדערטער מענטשן
אָדער עס אויסגעטראַכט.
אַלץ איז געווען אַזוי ווייט פון אים ווי אַ רעגנבויגן.
און אַפילו ווען ער האָט אַ לעבן לאַנג
באַזעצט זיינע יאָרן מיט דימענטענע בייקעם —
די קרוין האָט ער שוין לאַנג פאַרלוירען.
ווער קען אַצינדערט אויסשטרעקן די דאַרע האַנט
צו דעם וואָס איז אַוועק
און זאָגן אַז דאָס איז געווען
און דאָס האָט זיך בלויז אויסגעדאַכט?
איצט ביים סוף פון וועג,
אין אַ שטעטל וואָס איז סוף־וועלט,
און צוריק ווילן די מידע פיס
שוין מער ניט גיין.

גליפליגן האָבן זיך גענומען שפּילן צווישן די ביימער,
אויפגעליכטיקט און פֿאַרלאָשן זיך אַליין.
די טונקלעניש איז געקומען מיט שטילער רו
און אַלץ האָט אָפּגעצאַנקט אין אים,
ווי ס׳וואָלט שוין איצט געווען אַ טאָג נאָך זיין טויט.
די קילקייט איז געווען דער איינציקער ציטער פֿון לעבן
וואָס האָט דורכגעשווידערט זיינע אַלטע ביינער.
די נאַכט האָט גערעדט דורך וואַסערמורמל, בלאַט און פֿראָש,
מיט אַזאַ האַרצרייסנדיקן צויבער,
ווי אַ פּליט וואָלט געשפּילט פֿון זיך אַליין
אויף אַ בית-הקברות.
און דער באַראָן איז געלאָפֿן זוכן
אַ וואַרים אָרט און אַ מענשלאַך קול.

ב

צוויי שכורים זינגען אין דער קנייפּע.
איינער זינגט אַז גרויסמעכטיק איז דער באַשעפֿער,
און דער צווייטער וועגן מאַגדאַן מיט דעם ברייטן הינטן.
און ביידע זיינען טרויעריק און וויינען צוזאַמען,
און וויינען באַזונדער,
יעדער איינער איבער זיין קופּל ביר.
אויף דער איינגעבראָכענער לאַנגער באַנק
זיצט ער ביים נאַקעטן טיש און דענקט נאָך
פֿון דעם דינעם, שלאַנקן יונגנמאַן,
וואָס האָט אַמאָל געפֿלאַסטערט די אַריינגאַנגען אין די
שענסטע הייזער
מיט ליגנס;
פֿון דעם רייטער וואָס האָט דורכגאַלאָפּירט
דעם שטויב פֿון עטליכע צענדליק יאָר,
און קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט צו זען דעם אָפּשיין
פֿון די אייגענע אויגן.
און צוליב וואָס איז דער מאַן אַזוי געריטן, געריטן און געריטן
און האָט אויסגעמיטן צו זען זיך אַליין אין שפּיגל,
אָדער רעדן צו זיך אַליין אַ וואָר וואָרט?
יעדער מעת-לעת זיינעם האָט ער פֿאַרלייקנט
און אָפּגעמעקט פֿון זיין אייגענעם זכרון.
ער איז געוואָרן דער צויבער-אַרכיטעקט
פֿון זיינע אייגענע פֿאַרגאַנגענע שעהן.
ער האָט באַלזאַמירט זיינע טויטע רגעס
און אויסגעטראַכט פֿאַר זיך אַ לעבן
מיט פֿאַרביקע רייד.
אַמאָל זיינען ווערטער אים געווען אונטערטעניק

קרעדאָס

און דער פלאַקערדיקער מוח האָט זיי געצונדן ווי שטורקאַצן.
איצט קריצט ער זיין אייגענע מצבה
און זוכט אַן איינאונאיינציק שטיל וואָרט וואָס זאָל סומירן
און אַפילו באַוויינען.
די קלוגשאַפט וואָס איז אַלעמאָל געווען
אַזוי פאַרוואָרצלט און שטאַמיק אַ טייל פון אים
האָט זיך איצטער, נאָך עטליכע שוימנדיקע גלעזער ביר,
אָפּגעטיילט פון אים און זיך אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.
ווי אַ סאָווע מיט שפּאָקולן איז זי געשטאַנען
און געלאַכט פון אים איבער זיין ביטערן רחמנות אויף זיך אַליין.
און באַלד האָט זיך אים גענומען דאַכטן,
אַז ניט ער זיצט נאָר ער הענגט אין ווינקל
אַ געקרייציקטער פון זיין אייגענעם רחמנות.
מיט אויסגעשפּרייטע הענט הענגט ער,
ווי זיינע עטליכע יאָר וואָס ער האָט אָפּגעלעבט
וואָלטן ניט געווען זיין אייגנס,
נאָר אַ מאַרטירער־צייכן פאַר אַ וועלט.
אַזוי זיך צו איבערפינזלען אין אים אַליין געוואָרן פריקרע
און ער איז געלאָפן פון דעם ווינקל.
ער האָט זיך צוגעזעצט צו די צוויי שכורים
און ניט געבעטענערהייט גענומען דערציילן,
פון זיין רעגנבויגנדיקער, ניטגעשטויגענער פאַרגאַנגענהייט.

ס'איז געווען אין זעלביקן יאָר ווען אַ פאַרשאָלטענער פרידן
האָט אויסגעשפּרייט די פּאַפּירענע פליגל
איבער דער גאַנצער וועלט.
אויסגעהונגערטע קראָען די גרויס פון לייבן
זיינען אַרומגעפלויגן און געקראַקעט.
די פעלדער האָבן געבליט און געבענקט נאָך פאַרוויסטונג
און מענטש האָט פיינט געהאַט מענטש
מיט אַ פאַרראָסטעטער ליבע.
דעמאָלט, מיינע ליבע פריינד, האָב איך געהאַט אויף מיינע
פלייצעס
אַן אייגענע מלחמה.
מיין שוואַרץ ווייב פון אינזל האָט זיך געקעצלט
און אין איין יאָר האָט זי מיר געבוירן
צוואַנציק קינדער,
וואָס זיינען געוואַקסן אויף הייוון און האָבן גלייך גענומען
שטעלן פיס —
די גאַנצע שוואַרצע משפּחה איז מיר נאָכגעלאָפן פון אָרט
צו אָרט.
און מיינע געדאַנקען זיינען גאָר געווען
אין דער קופּערנער שטאָט פּעטערבורג.

פעטערבורג! די קופּערנע דעכער וואָס די זון האָט אויף גאָלד אויסגעבאַקן.
פעטערבורג! וואו איך האָב צום ערשטן מאָל
אָנגעטראָפן דעם וואַנדערנדיקן אידן מיט דעם שווערן צלם אויף די פּלייצעס.
פעטערבורג! די שטאָט וואו גאָט האָט געשניטן אַ בונט מיט דעם טייוול.
פעטערבורג! וואו מיידלאַך ווייזן פאַר אַ קאָפּיקע דעם הינטן
און וואו מיין שווערלייביקע נאַטאַשאַ
האָט געהונגערט נאָך מיר.
האָב איך אין אַ שיינעם העלן טאָג
אָנגעפּליקט שלאָפקרייטאַכצער אין וואַלד,
און מיין ווייב מיט מיינע קינדער האָבן זיך צוגעכאַפּט און איינגעכראָפּעט.
אָנגעזאָטלט האָב איך גלייך מיין פערד און אים אין אויער
אַריינגעשריען דאָס צויבערוואָרט —
פעטערבורג.
גיט ער בלויז איין שפּרונג און בלייבט שטיין
גאַנצע הונדערט מייל נאָך דער רוסנשטאָט.
נעם איך אים קערעווען אויף צוריק
גיט ער ווידער אַ שפּרונג
און בלייבט שטיין לעבן מיין שלאָפנדיקער משפחה.
זע איך אַז זיין שנעלקייט לאָזט זיך ניט צוימען,
האָב איך אים ווידער באַפוילן: פעטערבורג,
און ערשט נאָך דעם שפּרונג בין איך אַרונטערגעקראָכן
און גענומען זיך שלעפּן מיט מיין פערדל
אויף צוריק די הונדערט מייל צופוס.
אָבער אינמיטן וועג האָב איך דערזען,
אַז פון מיין פערדס שנעלן שפּרונג
האָבן די הויזן ביי מיר געפּלאַצט,
און די שווערד האָט זיך נעבאַכדיק געבאָמבלט
אויף די צעריסענע פּליודערן.
און דאָ שטיי איך אינמיטן אַ וואַלד,
וואו נאָדל-פאָדים וואַקסט ניט אויף דיביימער.
האָב איך פון אַ דינער צווייג זיך אויסגעשניצט אַ נאָדל
און דאָס אויערל פאַרפעדימט מיט אַביסל זונשטויב
און פאַרנייט מיינע בלויע מיליטערישע הויזן.
אַז ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט
האָבן מיר די הויזן גוט געדינט אין וועג —
די זון-שטעך האָבן געלויכטן ווי לאַמטערנעס
און דער וועג איז געווען ווי אויף אַ שליאַך פון דימענטן.
און שטעלט זיך פאָר, די נאַכט איז דאָרט אַזאַ חושכדיקע,
אַז די פינסטערניש האָט זיך איינגעגעסן אין מיין געזיכט
און עס פאַרשוואַרצט ווי איך וואָלט געווען אַ הינדוס.

קרעדאָס

אינדערפרי, אַז איך האָב זיך אין ערשטען וועסערל דערזען
האָב איך געמיינט איך בין איינער פון מיינע אייגענע קינדער,
וואָס די שוואַרצע קלעמפּע האָט מיר אַנגעפּלאַדיעט.
בין איך אַרויף אויף מיין פערד און אַ פייף געגעבן:
גרייט!
און אויסגעשריגן: אַררט.
אַ שפּרונג — און איך האָב זיך געקייקלט
אין דעם אייביקן שניי,
ביז מיין פּנים האָט צוריק אויף זיך אַרויפגעצויגן
די אייגענע ווייסקייט.
אַ שפּרונג אַרונטער און איך בין מיט מיין צויבערפערד
געשטאַנען לעבן צאַרס פּאַלאַץ.
אַלע דינער זיינען געפאַלן צו דרערד
און איך האָב געשפּאַנט איבער זעכציק טויזנט קנעכט
צום בייזן צאַר.
אַז כ׳האָב געעפנט די טיר האָט דער צאַר אויסגערופן מיט פרייד:
ווילקאָמען, הער באַראָן!
און באַלד האָט ער מיר דערציילט די טרויעריקע בשורה,
אַז נאַטאַשאַ איז פון בענקשאַפט געשטאָרבן.
איך האָב פאַרגאָסן בלויז איין טרער,
ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ סאָלדאַט און געזאָגט:
כ׳קום צו דיר צאַר-פאָטערל וועגן אַ גרויסער זאַך.
די וועלט שימלט פון פרידן,
און די שווערד מיט דער ביקס זשאַווערן.
מען וואָלט באַדאַרפט אַביסל אַ קיצל טאָן דעם טערק,
און איך בין גרייט צו דיין דינסט.
זאָגט דער צאַר: מלחמה אָן אויסרייד?
זאָג איך: מיר וועלן צוטראַכטן אַן אויסרייד אין אַ האַלבער שעה,
און דו האַלט גרייט דאָס מיליטער
פאַר דער מלחמה וואָס וועט באַלד פלאַקערן
און פאַרבן די וועלט מיט סאָלדאַטסקע געפילן.
בין איך מיט דעם צאַר גלייך אַוועק אין אַ שאַנדהויז,
און פון שאַנדהויז אין אַ קלויסטער,
און דאָרט האָבן מיר דעם טויבן פּאַפּ אָנגעזאָגט די בשורה,
אַז ס׳קומט אַ נייע שלאַכט.

דער שכור וואָס האָט געזונגען וועגן גאָטס באַרמהערציקייט,
האָט אַ שליידער געטאָן זיין גלאָז צו דער וואַנט
וואָס האָט זיך צעשפּריצט אין אַלע ווינקלען.
פאַרמאַך דעם פּיסק, באַראָן.
דיינע מעשׂות פאַרמאָגן ניט קיין ברעקל פון גאָטס גענאָד
און זיינען פּוסטע זייפנבלאָזן.

גלייכער איז שוין צו לאַנגווײַלן זיך מיט אייגן ווייב און קינדער
אין אָרימן הויז וואו גאָטס בענטשעניש גיסט זיך שטיל ווי
הייליקער בוימל,
איידער צו הערן דיינע ליידיקע באַרימערייען.
דורכגעקראָכן ביסטו אַלעמאָל דאָס לעכל פון אַ נאָדל
מיט דער בלאַנקער שווערד פון ליגנעריי,
געבויגן זיך, געקאָרטשעט פאַר מאַכט,
געגרויסט זיך קעגן די וואָס זיינען פון מיסט ניט דערהויבן.
און בלויז איינמאָל האָסטו געזען דאָס געשטאַלט
פון אייביקן אידן מיט דעם צלם-לאַסט.
וואָס האָסטו אים געזאָגט?
האָסטו געוויינט אויף גאָטס קללה?
האָסטו אַליין געזוכט גאָטס פּנים?
דו וועסט באַלד אַוועקפּייגערן און אונז איבערלאָזן אַ ירושה
דיינע מעשות וואָס מען וועט דערציילן אין יעדער הויז —
פאַרביקע ליגנס וואָס וועלן נאָך הונדערטער יאָרן פאַרווײַלן,
און גאָטס אמת וואָרט ליגט פאַרשעמט
און וואַלגערט זיך אין קויט.

איינער אַליין אין דער קנייפּע איז דער באַראָן פאַרבליבן
און פאַר זיך געברומט דאָס ליד פון פינצטערן פּאַיאַץ:

שטראָמען ליכט, פלייצן צויבער
אויף איין געזיכט.
ער אַליין פון זיי דערווײַלט,
שטייט דערהויכט און זיי פאַרווײַלט,
מיט אַלץ וואָס אין זיי
פערלט, פריידיקט מיט לאַך און וויי;
ער ליגנערט, ליבט, לויבט, לעבט,
ער שטרויכלט, הויבט און פאַלט,
ער צאַפּלט וואָרט און צערטלט קלאַנג,
ער אויגט צום טרויער און פאַרוויגט מיט געזאַנג,
ער פאַרבט די וואָר מיט רויט און בלוי.

ס'האָט געבלויט אויף טאָג און דער הימל האָט זיך גערויטלט
ביי די זוימען.
ער פאַרבט די וואָר מיט רויט און בלוי —
האָט ער איבערגעזונגען און זינגענדיק אַרויסגעשפּאַנט פון
דער קנייפּע.
וועשערינס זיינען געגאַנגען מיט פּעקלאַך גרעט צום טייך
און אים פריילאַך באַגריסט.
דער פּאַסטאָר איז געשטאַנען אויפן שוועל פון קלויסטער
און אַריינגעאָטעמט יונגע מאָרגנלופט.
דער באַראָן איז אַוועק אין וואַלד,
און ביי אַ פאַרוואָרלאָזט וואַלדהייזל
האָט ער געכאַפּט דעם רויטן שפּין ביי דער אַרבעט.

ווי ער האָט זיך אַ גליטש געטאָן אויף זיין אייגענעם פּאָדים
און עס פאַרטשעפּעט ביים דעכל,
און זיך אַ וויג געטאָן אויף צוריק,
און אים פאַרפלאָנטערט אַרום זיך,
און ווידער אַרויסגעשפּיגן אַ נייעם פּאָדים.
טראָפּנס טוי זיינען געלעגן אויף אַ פּאַרטיקן שפּינוועב,
ערגעץ אַנדערש אויף אַ בוים,
און געפינקלט אין דער זון ווי אַ דיאַדעמע.
ער איז אַוועק צום בית־הקברות און הויך אויפן קול געלייענט
די מצבות
פון גוטע בירגער און זייערע פרויען
וואָס האָבן אָפּגעלעבט אַ לעבן אין שטעטל.
און צום הונדערטסטן מאָל האָט ער געלאַכט פון זיין וויץ
אַז אַפילו נאָכן טויט
ליגן זיי מיט די אייגענע ווייבער.
ער האָט אויפגעציטערט פון טריט און דערזען דעם פּאַסטאָר
לעבן זיך.
איר קוקט זיך אַרום, באַראָן, אויף מיין טויטער עדה,
האָט דער פּאַסטאָר באַמערקט מיט אַ שמייכל
וואָס האָט נאָך מער גערונצלט זיין אַלטע הויט.
זיין שטים איז געווען טיף און קלאָר
ווי ער וואָלט ערשט אַרויסגערעדט דאָס ערשטע וואָרט
נאָך אַ שווייגנדיקער מאָרגן־תפילה.
כ'האָב שפּאַצירט מיט דעם וועלדל און אייך אָנגעיאָגט.
קומט און מיר וועלן גיין צוזאַמען.
אין אַזאַ טאָג איז כדאי צו רעדן וועגן גאָטס פּנים
וואָס אַנטפּלעקט זיך צו די וואָס זוכן אים,
אין די ערשטע בלוילאַכע שעהן פון מאָרגן.
אָט דאָ, אויף דעם בית־עולם, אויף דעם סוף פון אַלע וועגן,
טראַכט איך אַלעמאָל וועגן אַ נייעם אָנפאַנג, הער באַראָן.
איך גיי אַוועק פון דאַנען גאַנץ אָפט
באַיונגט און דערפרישט אין געדאַנק ווי אַן ערשטגעבוירן קינד.

„ער פאַרבט די וואָר מיט רויט און בלוי",

האָט זיך ביים באַראָן געפלאָנטערט אין קאָפּ אַ שפּינוועב
פון ווערטער.
און אויפן קול האָט ער אויסגערופן מיט אַ שניידנדיקער
דרייסטקייט:
הער פּאַסטאָר, איז דאָס אייער אמת?
קעגן מיינע פינקלדיקע ווערטער שטעלט איר אַנטקעגן
אייערע רייד פון אַ נייעם געבורט
דאָ אויפן וועג, וואו אַלץ איז סוף.
הער פּאַסטאָר, לאָמיר, ביידע ליגנערס, גיין ווייטער
און צוזאַמען זוכן גאָטס פּנים.

פֿרייע
פֿערזן

ג ע נ י

ווינטער איז ווארים אין הויז ביי געני דעם בערנטרייבער,
פון בלויזן געריד פון זיינע פינף ווייבער.
אַ קראַנץ פון ווארימע ווערטער פלעכטן זיי
אַרום זיין שווערן גוף.
און ס'איז אים גוט און ער דערציילט מעשות פון וואלד
מיט אַ הארציקן געלעכטער.
שפעטער הויבן זיי אָן צו פּלאַפּלען
ווי פינף שלעפעריקע לאָרעלייען.
זיי קרייזלען זיינע האָר און ווארפן אים אריין אין טיפן ברונעם פון
דרימל.
אַז ס'קומט דער זומער פאַרלאָזן אים זיינע ווייבער.
מיילן ווייט פון אים שטייען זיי מיט פאַרשאַרצטע קליידלאַך,
און באָרוויסע פיס אין וואַסער.
זיי וואַשן פרעמד גרעט.
ווערט ער פויל און זיצט אַרום הויז גאַנצע טעג און דרימלט.
זיי דאָרט איז קיל.
ס'פּלעסקעט דאָס וואַסער דורך זייערע באָרוויסע פיס.
און אים איז הייס.
די פינף רעדן פון אים ווי פון אַ גוטן פעטער,
אָבער בענקען ניט נאָך אים.
אַז ס'קומט די נאַכט קושן זיי זיך איינע די אַנדערע די לייבער
מיט אַ פריידיקן ווייטיק.
אים איז אויך גוט.
שפעט־הארבסט וועלן זיי צוריק קומען
מיט פּעקלאַך שפּייז אויף די פּלייצעס,
נייע קליידלאַך מיט געלט אין די קעשענעס.
איז אים גוט צו דרימלען און צו וואַרטן.

וויין פון געזאַנג

וויין פון געזאַנג, וויין פון געדאַנק,
מיט פאַרשכורנדיקער קרעפטיקייט.
וויין, דו שפּילסט אין מיר מיט שטילער רו,
מיט דרימל־קאָלירן פון זון־פאַרגאַנג.
און איך האָב ליב די שטילע רו — מיטליעריקע זעטיקייט.
און איך האָב ליב דאָס גראָז וואָס שפּראָצט פון דער טויטער טעטיקייט.
אייל זיך, אייל זיך, מיין לאַנגזאַמע לויב.
געפין אין טויבנשלאַג די שטילסטע טויב.
פאַרהייראַט? יאָ. גליקלאַך? זייער.
פאָר. — פאָר. — פאָר. — אַן אייביקייט.
נאָכמיטאָג געזאַנג. נאָכמיטאָג גלי. נאָכמיטאָג גאָלד,
נאָכמיטאָג דרימלענדיקער געדאַנק.
האָסטו, טויב, ליב דיין ווייב?
יאָ, יאָ, יאָ און יאָ, יאָ, יאָ.
און איך האָב ליב, און איך האָב ליב
מיין ווייב ביי מיר, מיין ווייב אין איר
און מיין אייגענעם טויבנשלאַג,
כ׳האָב אויך ליב די שעמעוודיקע טיר וואָס פירט צו דיר,
צו דיין שטילן טויבנשלאַג.
איז מיין ווייב ביי דיר? איז מיין ווייב מיי מיר?
זוך — זוך — זוך — אַן אייביקייט.
אין נאָכמיטאָג פאַרשכורטן געדאַנק
שפּילט דער וויין פון מיין געזאַנג,
פון שטילער רו, פון טויבנשלאַג.

דער שוסטער, דער פויגל, דער גאָט

די פרילינג-זון בלאַנדזשעט ווי אַ ליבע-ליד אין זיין קאָפּ,
די קויטיקע האַנט האַלט דאָס שטילע שוואַרצע שיכל.
דאָס שוואַצע שיכל האָט אויגן, אַ בלאַנדן קאָפּ, אַ שוואַרצן זיידענעם
זאַק.
ער איז יונג. דער טאָג איז לויטער. די גאַס איז ליכטיק.
דער שמאָלער וואַרשטאַט איז קיל מיט דער שטייניקייט פון דיל,
און די קאַלטע פּוצשטולן גלאַנצן מיט געלן מעש און מאַרמאַרנעם חוזק.
ניט אויפן שטויביקן שאַכטל קריכט אום דער וואָרעם,
נאָר אין אָפּענעם בלאָען אויג פון יונג.
און אין רויטן קאָפּ גלאָסנט זיך אַ געדאַנק,
ווי שענער ס'וואָלט היינט געפּאַסט שטאָט אַ וואָרעם
פּאַר אַ פויגל זיך דורכצוהיפּן,
פּאַר אַ גאָלדיק-גרינעם פויגל מיט אַ ליבן שנאָבל.
אויף די צווייגיק-גרינע שטאַפּלען פון לייטער וואָס פירן פון וואַרשטאַט
ביז צום יונגס גאָט,
קלעטערט דער באַשיידענער פרילינג-געדאַנק און דערקלעטערט
און קלאַמערט זיך מיט ווייסע, פּוכקע, קינדישע הענטלאַך אַרום דעם
האַלז פון דעם גאָט.
דעם יונגס גאָט — אַ ליבער אַלטער — קושט דעם געדאַנק און
באַפּרוכפּערט אים.
די דערפאַרענע ניו יאָרקער לייט וועלן ניט גלייבן,
ווי וואָר ס'האָט דער גוטער יונג געזען דעם גאָלדיק-גרינעם פויגל
קלייבן ברעקלאַך ווייס-איך-וואָס מיט זיין ליבן שנאָבל פון שטיינערנעם
דיל.
אין יונגס האַרץ איז געוואָקסן אַ נחת און די אויגן האָבן זיך געפייכט.
ס'האָט ניט סינבאַד דער גלויביקער מיט זיין האַנט אַ וויש געטאָן
דאָס ווינש-פינגערל.
אין שמאָלן וואַרשטאַט האָט אַ קויטיקע האַנט געגלעט, געהאַלזט
אַ שטיל שוואַרץ שיכל.

האַרלעם: זונטיק

וואָס ווייסן שוואַרצע ווענט פון גאַנג פון די טעג?
וואָס ווייסן פינצטערע ווענט פון וואָך און פון רו?
זיי ווייסן, זיי ווייסן ווי איך און ווי דו.
דער וואָכיקער שפּאַן האַלט מויערן פאַרקנעכט
און בייטשט זיי מיט אומרו פון וואָכיקער לאַסט.
די זונטיקדיקע זון איז אַ גילדענע קרוין
פאַר געדולדיקע מויערן אַ טרייסט און אַ לוין.
גילדענע מויערן אין דרימל פון רו,
פאַרוויגט פון דעם זונטיק ווי איך און ווי דו.
עס שאַלט דער מאָרגן־האָרן מיט פאַרביקער פרייד,
דורך טירן, דורך פענצטער אַ פאַרשפּעטיקטן פרי,
און פריילאַך באַגריסן אַ האַרלעמער בוים
צוויי פאַרבלאָנדזשעטע פייגל אויף פויגליש:
גוט זונטיק, גוט זונטיק.

די גאַס איז אַ לאַנגע און פרובטלאָז ווי שטיין,
אין צימערן מעבלירטע וואַגלט אַ טרוקן געוויין,
פון ניט פאַרהייראַטע יונגען און מיידן.
(דאָ זיינען די איינציקע מאַמעס פון ראַג,
די שטאַלצע, די בייכיקע הינט און די קעץ)
דער עלנט פעדימט אַ וואָך מיט אַ וואָך
און נייט אויס און שטעפּט אויס אַ גראַטעסקן געניי,
אַ מיטנדערוואָכיקן מאַנטל פון גרוי,
מיט פאַרביקע לאַטעס פון זונטיקס.

ערגעץ ביי אַ טייך זיצט אַ פישער פאַרטראַכט,
און ס'שפּיגלען זיך הימל און אויגן אין וואַסער —
לעאַן קוקט אין שויב ווי אין קלאָרסטן וואַסער אַריין.
אַמאָל וואוינט דאָס גליק איבער אַ גאָלדענער בריק.
די בריק איז געאיידלט פון שטויבלאַך פון זון,
און אויף איר טרעט ער פאַרכטיק מיט ציטערדיקע טריט,
אין אונטערוועש און באָרוועס הין און צוריק.
צווישן הויז נומער איינס און הויז נומער צוויי
בלויט זיך אַ הענגל־בריק און וויגט זיך אין לופט.
לעאַן האַלט אויסגעשטרעקט אַ שעמעוודיקע האַנט
און צערטלט אַ ברוסט פון קעגנאיבערדיקער וואַנט.

אַמאַליע וואַרפט פון זיך אַרונטער דאָס נאַכט־העמד פון שלאָף.
(אַלע שלאָפן נאָך, נאָר זיין האַרץ איז וואַך.)
נעבענטשט! געבענטשט! רוק דעם ראָלעט ניט אַראָפּ;
אין שפּיגל זיצט אַן אַלטע כישוף־מאַכערין

פרייע
פערזן

וואָס קניטשט איר לייב, מאַכט ווייך איר ברוסט, מאַכט פעט אירע
פיס.
קער זיך אָפּ, אַמאַליע־קרוין, פון שפיגל.
הויז נומער איינס קוקט מיט אַ פייערדיק אויג אויף הויז נומער צוויי.
(אין דיינע יאָרן דאַרף מען צעטרעטן די בושה מיט די פיס)
שפיגל זיך, אַמאַליע־לעב, אין אויג ביי דער שויב.
אַמאַליע שפּאַצירט אַ נאַקעטע אויף דער זונטיקדיקער גילדערנער
בריק
פון הויז נומער איינס צו הויז נומער צוויי, הין און צוריק.

זי הייסט ניט אַמאַליע, ער ווייסט ניט ווי זי הייסט.
ער הייסט ניט לעאָן, זי ווייסט ניט ווי ער הייסט.
זאָל זי היינט הייסן אַמאַליע און ער זאָל הייסן לעאָן,
ווי אין די קויטיקע בלעטער פון פאַרביקן ראָמאַן.

די פייגעלעך האָבן געטרילערט.
עס וואהר איין דופטענדער פרימאָרגן.
דער שאָפער איז צוגעפאָרן מיט לעאָנען צו אַמאַליעס טויער,
לעאָן איז אַרויס פון קאַסטבאַרן אויטאָמאָביל און מיט
איידעלע הענט אָנגעקלאַפּט.
„אַריין"! האָט זי אויסגעשריען.

ניט אין קרישטאָל שפיגלט זיך אַ דורשטיק אויג נאָר אין שויב.
ער גראָבט זיך ווי אַ הונגעריקער האָן אין ערד,
וואָס זוכט און נישטערט אַ ווערימל.
דער מוח וועבט.

ער האָט זי אומאַרמט. אָך, הימלישעס וועזן!

איז זי געווען נאַקעט? איז אַמאַליע געווען נאַקעט?
נאַקעט! קלאַפּן, האַמערן קליינע פולסלאַך אין די שלייפן.

דאָס געשטאַלט פאַרשווינדט,
די רו באַמאַנטלט שוואַרצע מויערן,
די זוניקע הענגל־בריק וויגט זיך,
דער טאָג ציט זיך!
דאָס ראַד פון דער שטאָט שטייט שטיל,
די גרויע גאַס איז אַ שלעפעריקער וואַלד.
איבער אים היפן דערשראָקענע האָזן.
אַמאַליע זיצט און נייט זיך אַ גאַרטל פון פייגנבלעטלאַך.
לעאָן טוט אָן פאַרטראַכט די הויזן.
און ביי אים און ביי איר קלאַפּן, האַמערן
קליינע פולסלאַך, ביז צום פּלאַצן אין די שלייפן:
היי — ראַ — טען! היי — ראַ — טען!

זונטיקדיקע רו וואַקסט ווי קריך־פלאַנץ איבער די מויערן.

ווי פּלעווע

זענען געגאַנגען די האָריקע מענער מיט שווערע טריט,
ווי אַלטע פּעטע לאַסט־פערד אין געשפּאַן
און נאָך זיי האָבן געפאָלגט די ווייבער.
ווען ס'האָבן די האָריקע מענער אומגעדרייט זייערע צורות,
האָבן זיי געזען, אַז דער איינציקער דאַרער מאַן מיט דער בייטש
איז ניטאָ,
און אַז די משא זייערע איז אויך פאַרשוואונדן.
אפשר איז ער געפאַלן אין וועג,
און ווער ווייסט ווי לאַנג זיי גייען שוין אַזוי די קנעכט פון קיינעם
און די טרעגער פון גאָרנישט.
פאַלט זיי איין:
ס'איז שוין לאַנג וואָס מען האָט זיי ניט געלאָזט צו זייערע ווייבער,
און אַז זיי ווילן די מידיקייט זייערע
מיט דער מידיקייט פון זייערע ווייבער באַהעפטן.
היינט וועלן זיי ניט געבייטשט זיין צו ווערן קליינע געטלאַך און
באַשאַפן
נאָר זיי וועלן צעזייען זייער קראַפט ווי פּלעווע.
און אויב דער מאַן מיט דער בייטש איז טאַקע ערגעצוואו געפאַלן
אויף די וועגן,
וועלן זיי שטענדיק שוין צעזייען זייער קראַפט ווי פּלעווע.
כאָטש שוין לאַנג, ווי זיי האָבן אין מויל ניט געהאַט,
האָבן זיי די פּעקלאַך ניט אָפּגעבונדן,
נאָר ס'האָבן די האָריקע מענער אין דער פינסטערניש געריפן,
אַלע גלידער זייערע האָבן געריפן.
הויך און זיכער געריפן
די נעמען פון זייערע ווייבער.
און זיי, די ווייבער, האָבן אין דער פינסטערניש אָפּגעענטפערט.

בעט און האַק

ס׳האָט אַ ליץ געגעבן ראָדריגאָן אַ זעג די גרויס פון אַ שפּאַן.
האָט ראָדריגאָ געוואָלט צעזעגן דאָס לעבן.
נאָך שווערע, נאָך אָקסנע יאָרן אין געשפּאַן
האָט ראָדריגאָ אַ טיש, אַ קינד, אַ באַנק, פיר ווענט און אַ בעט —
וויל ער דאָרט האָבן זיין ווייב.
(ראָדריגאָ מוז האָבן אַ ווייב).

און אַז ס׳האָט ראָדריגאָ דערזען זיין בעט איז פאַרשוועכט.

אַ, שאַרפער געדאַנק פון בליציקער האַק!
אַ, שטילער געוויין פון מאַכטלאָזן קנעכט.

זיין בעט קאָן פאַרקויפן ראָדריגאָ, אויב ער וויל,
אָבער די האַק האַלט די גרויליקע האַנט פון געזעץ,
אפשר דער זעלביקער ליץ
וואָס האָט ראָדריגאָן געגעבן אַ זעג די גרויס פון אַ שפּאַן
צו שטיין און זעגן דאָס לעבן.
וויל מער ניט ראָדריגאָ.

איבער פעלדיקע שליאַכן שפּאַנען צוויי קינדער,
איינער אַ פאַטער און איינער אַ זון.
ניט קיין מאַדאָנאַ האַלט איצט דעם זון
(אומקלויסטערדיקע וואָרהייט!)
נאָר די האָריקע האַנט פון ראָדריגאָן.

אַ, שאַרפע געזאַנגען פון בעט, האַק און ווייב.
אַ, שטילער, פאַרלאָשענער שכל.

פרייע
פערזן

אַ פאַרזיגלטער בריוו

אין דער רויטער טיר קלאַפּט צערטלאַך אָן דער טויטער בריוונטרעגער.
ס'איז שפּעט בײַנאַכט. דאָס מיידל גייט אַראָפּ פון איר געלעגער.
זי נעמט דעם בריוו פון דער שווייגנדיקער האַנט.
דער יום טוב קומט אַלעמאָל שפּעט צו איר אין הויז, אָבער פּאָרט
ניט אומזיסט געוואַרט.
זי איז איינע אַליין, דאָס נאַכטהעמד קילט איר בלוט,
ווי גליקלאַך איז זי, וואָס ער האָט ווידער ניט אָפּגענאַרט.
זי האַלט אַזוי אַ ווייל דעם פאַרזיגלטן בריוו
און לייגט אים ניט געעפנט אין איר טויטן-אַרכיוו.
זי לייגט זיך צוריק אין בעט, לעשט אויס דאָס וועקסענע ליכט,
און קוקט אין דער פינסטער, אָן שרעק, אויף זיין געזיכט.

אָוונטברויט

אויפן טיש אַ פריש ברויט, שוואַנגער מיט זעטיקייט.
אַרום טיש שווייגנדיקע געסט —
איך און זי און נאָך אַ זי.
די מיילער שווייגן, נאָר די הערצער קלאַפּן.
ווי די קליינע גאָלדענע זייגערלאַך, קלאַפּן די הערצער ביי די געסט.
און לעבן ברויט, אַ מעסער אַ שאַרפס, שווייגט נאָך שווערער פון די געסט,
און קלאַפּט מיט אַ הערצל נאָך אומרואיקער,
ווי ביי מיר, ביי איר און ביי דער אַנדערער איר.

די טיר איז אָפן צו דער זון וואָס גייט אונטער.
אויף דער סטעליע דרעמלען פליגן מידע פון טאָג
און די שויבן ליכטיקן פאַרוואונדערט מיט דערוואַרטונג און שרעק,
שרעק און דערוואַרטונג פון אָוונטברויט.

דאָס מעסער און איך האַלטן שטייף איינס דעם אַנדערנס מורא.
איך פאַך אַרום ברויט מיט ציטעריקע הענט,
און איך טראַכט פון מיין וואַרימער ליבע צו זיי.
פון מיין טויטלאַכער שנאה צו זיי.
דאָס מעסער חלשט אין מיין פאַרקלאַמערטער האַנט,
פון שרעק און געפאַר פון אָוונטברויט.

זי נעמט דאָס מעסער און קוקט אויף מיר און אויף איר:
צוויי טויטע געסט זיצן שטיל אַרום טיש.
און אין האַרץ פון זי דאָס מעסערשאַרף זינגט
אַ ליד פון געפאַר פון אָוונטברויט.

די אַנדערע זי שפּילט זיך מיט פלאַטערדיקער פרייד
מיטן שאַרף פון מעסער און געשטאַרבענע רייד;
און איר ליבע צו אונז און איר שנאה צו אונז,
און איר ליבע צו מיר און איר שנאה צו איר,
זינגט אַרויס דורך דער צעפראַלטער טיר,
צו דער זון וואָס גייט אונטער, צו דער זון, צו דער זון,
מיט פאַרבענקטע גוזאַנגען פון אָוונטברויט.

שויבן פאַרפלייצט מיט קאָליר און געזאַנג.
דאָס מעסער פאַרמאַטערט פון רויטן פאַרלאַנג,
שטיל זיצן אַרום טיש שווייגנדיקע געסט —
איך און זי און נאָך אַ זי.
דאָס מעסער טאַנצט פון מיר צו איר און פון איר צו איר.
און שווייגנדיק עסן מיר פון ליבע און האַס —
דאָס אָוונטברויט.

פון דיר צו דיר

שעהן לאַנגע אויף דער בריק פון שווייגן זענען זיי בײדע געגאַנגען.
ער האָט זי פריער דורכגעקרייצט. —
אַזאַ שטילקייט וועט מער איר פנים צו אונז ניט אַנטפּלעקן.
ווי לאַנג שוין קוקן מיר איר אין די אויגן ?
די שטילקייט האָט אַראָפּגערעדט פון אונזערע געמיטער —
מיליאָנען שווערע ווערטער.
זאָלן די יאָרן דרימלען אויף דיין גראָען קאָפּ און מיינעם.
צענדליקער יאָרן האָט מיר גענומען צו וואַנדערן
דעם לאַנגן וועג פון דיר צו דיר.
מיין שטילע יוגנטלאַכע אומרו ליגט צווישן איין לייכטורם און דעם
אַנדערן,
אויף דעם לאַנגן טרויעריקן וואַנדער פון דיר צו דיר.
כ׳ברענג דיר אפשר מער ניט קיין ליבע —
דיין קלוג האַרץ דאַרף עס מער ניט האָבן.
כ׳ברענג דיר אַפילו ניט מיין בענקשאַפט פון יאָרן.
כ׳ברענג דיר בלויז אַ שווערע, שטומע סטאַטוע נאָך מיין בענקשאַפט.
קלוג האַרץ, קרייץ אַליין דאָרט אוים די ווערטער.

דאָס ליד פון יונגן לעבן

און דו, יונג, מיט די שפּאַרבער־אויגן,
וואָס קאָנען דורכבויערן אייזערנע מויערן.
אויף דער שמאָלער בריק, וואו ס׳טרעפן זיך
די נאַכט וואָס גייט,
דער טאָג וואָס קומט, —
שטעל זיך אויף אַוועק,
און מיט דער גאַנצער פרימאָרגן־לויטערקייט פון דיין קול
זינג דאָס ליד פון יונגן לעבן.
זינג דיין הימן צום יונגן לעבן.
זע, דו יונג, ווי ס׳צייטיקט זיך דאָס לעבן
און גיב אַ טראַכט
צי האָסטו שוין געזען עפּעס אַזוי גרין
ווי דאָס לעבן, וואָס גרינט איצט,
ווי דאָס לעבן, וואָס שפּינט זיך
אין דער דאָזיקער זיידענער שעה
פון נאַכט־טאָג,
פון טאָג־נאַכט.
גיב אַ טראַכט, דו יונג,
און זינג דיין געזאַנג אויפן קלאָרן קול
און ברענג צו טראָגן אויף די שטאַנגען פון דיין געזאַנג
דעם טאָג.

פרייע
פערזן

יעקב גלאַטשטיין
פון ״מיין גאַנצער מי״

טעג

וויינען די פאַרשעמטע וואָכן־טעג און זאָגן:
ס׳האָט די גאַס אָנגעהאַנגען קאָלירטע סטענגעס און אויסגעצוואָגן
עטלעכע פון אונדזערע לייבלעכע און זיי אָנגערופן יום טובים.
דערפאַר וואָס איין מחנה האָט געשלאָגן די אַנדערע
אין יענע מזלדיקע טעג.
און מיר וואָס האָבן פרידלעך זיך געריסן
פון דעם לוח פון דער וועלט,
מיר וואָס האָבן שטיל אויסגעזונגען אונדזערע רואיקע פיר־און־
צוואָנציק שעה,
מיר וואָס האָבן גליקזעליקט די וועלט מיט דער רו פון גאָרניט־געשען,
שטייען פאַרוואָרלאָזט און גראָ,
און ס׳רירט אונדז גראָב אָן די סאָזשע פון יעדער אַרבעטאָרער,
וואָס וואַשט זיינע הענט אין די טעג מיט די קאָלירטע סטענגעס
בלויז דערפאַר,
וואָס ס׳איז זיין עלטער־זיידע דער נאַר
געפאַלן אין די מחנות וואָס האָבן געשלאָגן איינע די אַנדערע.

וויינען די פאַרשעמטע וואָכן־טעג און בעטן:
איר וואָס ווייסט אַז אייער יום טוב וועט קיינמאָל ניט קומען,
פייערט אונדזערע גראָע שעהן
מיט גאָרניט טאָן.

שוויַיגנדיקע אומרו

אין די ברייטע אָרעמס פון פאַרגייענדיקן טאָג
ליגט איינגעוויגט די שטאָט מיט האַלב-געעפנטע אויגן.
נאָך שאָטנט זיך אין אירע שוואַרצאָפּלען
בוים און וואַסער, דאַך און מענטש,
פענסטער אָנגעצונדענע מיט זון-קאַנדעלאַברעס אין פּילקאַלירנדיקער
בענקשאַפט.

די דימענטן אין דער מידער אָזערע שפּילן קעגן רויִקסטן שטיק הימל,
מיט פאַרשלאָפענע געזאַנגען פון איר קאַלטער קלוגשאַפט.
טריט פון מענטש, הונט און קינד ווערן שטיל און חנעוודיק אויפן
ווייכן זאַמד,
ווי ס'איז שטיל און חנעוודיק דאָס גליטשן זיך פון די שוואַרצע פיש,
דורך די וואַסערן פון דער אָזערע.
אויף אויסגעשפּרייטע דיוואַנען פון שוויַיגנדיקער אומרו טרעטן זיי,
מענטש און הונט און קינד,
און זינגען שטיל דאָס ליד פון שטילן פאַרגיין.

פרייע
פערזן

יעקב גלאַטשטיין
פון מיין גאַנצער מי

פאַרגיין

די קלוגע שעה פון פאַרגיין גלעט די זאַפטיק-גרינע פרייד
ווי ס׳גלעט אַ גראָע קלוגע דאַמע איר יונגן בלאָנדן זון
מיט אירע געלאַסענע, מיושבדיקע רייד.

און אַז מען גייט אַנטקעגן יענער שעה,
לויכטן אויף די אויגן מיט דעם גאָלדיק-רייפן סוד
פון אַ גאָט.

און אַז מען גייט אַנטקעגן יענער שעה
ווערט קלאָר דער קלוגער, טיפער מיין
פון אייביקן ניט-זיין.

און אין יעדער האַרץ וואָס גייט אַנטקעגן יענער שעה,
קלאַמערט זיך אַ בלינדער, דינער געוויין,
אין דער שטילער, שטילער,
קילער שעה פון פאַרגיין.

דריי

ב. אַלקוויטן

דריי גייען אויפן וועג און קוקן אויפן זונפאַרגאַנג.
ביידע און דאָס קאַלב.
מיטן ציגאַרעטל צווישן די ציינער זאָגט איינער,
ווי אַ קינד צום ערשטן וואונדער :
דער הימל.
שלינגט אַראָפּ רויך, שפּייט און שווייגט.
דער צווייטער קוקט מיט ווייכע בליקן
און עפּעס ווײנט אין אים.
מיט אויסגעטערטע אויגן קוקט ער, שפּייט און שווייגט.
דאָס קאַלב קוקט אַרויף און יאָמערט.
דריי טרעטן שטיל אויף זייערע אייגענע שאָטנס
און קוקן אויפן זונפאַרגאַנג.
און אין אַלע דריי דרימלען ווערטער,
און אַרום אָרט, וואו ס׳דרימלען ווערטער,
פאַרגייען מעלאַנכאָליש דריי זונען.
ביי ביידע און דעם קאַלב.

357

פרייע
פערזן

יעקב גלאַטשטיין
פון מיין גאַנצער מי

האַרבסט

פייגל זינגען דאָס ליד פון פריילאַכטרויער.
ווינטן־בויגנס פלאַטערן איבער האַרבסטיקע פעלדער.
געוועלדער רויטלען זיך.
בלעטער טויטלען זיך מיט פאַרצערטלטער בענקשאַפט.
ס'איז שטיל דער רויש און ווערטער־טויש
צווישן קליינע ווערימלאַך וואָס ווינטשן זיך אַ דערלעבט־איבער־אַ־יאָר.
אַן אַלטער פעטער וואָרעם זיפצט אָפּ,
און לעקט זיך דעם פליכעוואַטן קאָפּ מיט מויל־הערעלאַך:
איבער אַ יאָר? הע, הע! איבער אַ יאָר.

אַן אַלטער גוי קלעטערט מיט געמאָסטענע טריט,
איבער דער האָרביקייט פון באַרג.
אין זיינע אויסגעטרערטע אויגן פלעמלט בלוילאַך קנאה
אויפן טויט פון פאַרבן — ווי שיין זיי שטאַרבן.
ער הויבט די אויגן צום הימל.
זיינע אויערן פאַרנעמען דעם געפּליסטער פון בלום און בלאַט:
— דערלעבט איבער אַ יאָר!
איבער אַ יאָר? הע! הע! איבער אַ יאָר.

אויגנבליק

די פעטע טויזנט-יעריקע דעמבעס
וואָס שטרעקן זייער אַלטקייט צום הימל,
טראָגן יעדער פון זיי איין איינציקן וואָרעם — זייער זיכערן טויט.
אַ וואָרעם בלייבט אַ וואָרעם און לעבט אַ וואָרעמס לעבן
און ער האָפט ניט צו דערלעבן דאָס פאַלן פון דעמב.
אָבער אין האַרץ פון דעמב,
ווען ס׳דערצאַנקט דעם וואָרעמס אויגנבליק
און ער הערט נאָך דאָס רוישן פון די בלעטער,
לאַכט ער און ווייסט:
אַז קינדער האָט ער דאָך געלאָזן,
און קינדס-קינדער וועלן זיין.
ווייסט ער:
אַז איינער פון זיי וועט דערענדיקן זיין אויגנבליק,
מיט דעם פאַלן פון דעם טויזנטיעריקן דעמב.

359

פרייע פערזן

יעקב גלאַטשטיין

פון מײַן גאַנצער מי

זילבערשרעקן

מיט ווייס און בלאָ פון פולער האַנט
קוקט דער הימל אַראָפּ אויפן נאַכטיקן וואַלד,
אַן אָפּגעריסן שטיק וועלטס-מורא שוידערט דאָ שרעקן מיט
זילבערנע הענט.
ס'בליצן און צוקן און לויכטן פאַרהוילענע, פינקלדיקע פינסטערנישן
פאַר דעם אַלטן באַלעגאָלעס אויגן.
די פערד זיינע זעען מיליאָן אויגן און ווייסע, שאַרפע ציין אויף
יעדער טראָט.
ער זעט אַ נאַקעטן, יונגן גזלן מיט רעוואָלווער אין האַנט.
דער אַלטער קאָפּ צווייפלט די אַלטע אויגן.
ער פּיפּקעט פולע מוילן רויך דעם שרעק זיינעם אין פּנים אַריין.
אָבער האַרט ביי אַ בוים שטייט פאָרט אַ יונגען גזלן אדם-נאַקעט.
און זינגט:
ווייסער, גרויער, אַלטער, אַלטער, דיין לעבן אָדער דיין געלט.
דער אַלטער שטעלט אָפּ די פערד און הערט זיך איין
אין שיינעם געזאַנג פון יונגן, נאַקעטן גזלן.
אין די זומפּן זינגען די זשאַבעס. ס'רופן די גרילן.
דער שיינער, יונגער גזלן קושט פון אים דאָס לעבן אַרויס
מיט זיין טרויעריק געזאַנג.
און וואָלט ער געהאַט געלט, וואָלט ער עס אַ שליידער געטאָן דעם
שיינעם יונג
זילבערנע מטבע נאָך זילבערנער.
ער האָט ניט און ס'אַרט אים ניט.
ער קען אַזוי שטיין און פּיפּקען און הערן,
ווי ס'זינגט דער יונגער נאַקעטער גזלן זיין טרויעריק ליד פון מאָרד:
ווייסער, גרויער, אַלטער, אַלטער. דיין לעבן אָדער דיין געלט.
דער יונג האָט פאַרשטאַנען מסתמא, אַז ער האָט ניט קיין געלט.
אַ שאָד, ער איז פאַרשוואונדן.
די פערד טרעטן לאַנגזאַם.
ס'רירן זיך שטילקייטן אונטער פערדישע טריט.
דער באַלעגאָלע פעדעמט געדאַנקען וועגן לעבן. וועגן טויט.
און דער אַלטער קאָפּ געטרויט ניט מידע אויגן.
אַ יונגער גזלן? נאַקעט? זאָל זינגען? ניין, ס'קען ניט זיין.
שמייכלט דער אַלטער צו זיך.
זשאַבעס רופן אין די זומפּן.
שטיבלאַך צינדן זיך פונוויטנס.

אבישג

אבישג. קליינע, יונגע, ווארימע אבישג.
שריי אויס אין גאס אריין, קעניג דוד איז נאך ניט געשטארבן.
נאר שלאפן וויל קעניג דוד און מען לאזט ניט.
אדניהו מיט זיין באנדע שרייען שוין די קרוין אראפ פון מיין
גראען קאפ.
די פעטע בת-שבע בענטשט מיך מיט אייביק לעבן און היט מיינע
לעצטע ווערטער מיט א ביטערן שמייכל.

שלאף מיין קעניג. די נאכט איז שטיל. מיר זענען אלע דיינע קנעכט.

אבישג. קליינע דארפישע אבישג.
ווארף מיין קרוין אין גאס אריין, זאל זי כאפן ווער עס וויל.
ס׳יאמערט געשטארבענע מאכט אין יעדער פינגער מיינעם.
איבער דיר אליין בלויז הערשט איצט די קעניגלאכע דערווידערלעכע
עלטער.
דוד דער קעניג האט אלע זיינע דינער פארלארן. מיט איין דינסט
פארבליבן.

דרימל מיין קעניג. די נאכט איז טויט. מיר זענען אלע דיינע קנעכט.

אבישג. קליינע, טרויעריקע אבישג.
א קליינטשיק קעצל אין שטייג פון אלטן ציינערלאזן לייב געווארפן.
ס׳איז באשערט מיין עלטער אויסצוגיין אין שוים פון דיינע קלאגנדיקע
יונגע יארן.
מיינע זיגרייכע מלחמות זענען בלויז קאלוזשעס בלוט אין מיין זכרון.
און ווי לאנג ערשט האבן יונגפרויען באזונגען מיך אין לידער.

רו מיין קעניג. די נאכט איז שטיל. מיר זענען אלע דיינע קנעכט.

אבישג. קליינע, הארציקע אבישג.
ס׳וואגלט די מורא אין אלע מיינע גלידער.
קען מען דורך קאלוזשעס בלוט צו שטעגן געטלאכע דערבלאנדזשען?
ביים שיידוועג, וועלן מיר ביישטיין דען די רואיקע געזאנגען פון
מיינע פרומע שעהן?
אבישג, ס׳זענען דאך געזאנגען וואר־האפטיקער פון זינד.

חלום, מיין קעניג. די נאכט איז טויט. מיר זענען אלע דיינע קנעכט.

אבישג, קליינע, יונגע ווארימע אבישג.
שריי אויס אין גאס אריין, קעניג דוד איז נאך ניט געשטארבן.
נאר שטארבן וויל קעניג דוד.
ווארף ארויס מיין קרוין — זאל זי כאפן ווער עס וויל.
אדניהו צי שלמה איבערן פאלק, און איך איבער דיר די לעצטע טעג
מיט מיין דערווידערלעכער עלטער.

שלאף איין, מיין קעניג, ס׳טאגט שוין באלד. מיר זענען אלע דיינע
קנעכט.

אַ טויט-שאַראַדע

דער זיידע האָט דערפילט זיין חוב צו זיינע איניקלאַך
און געשטאָרבן.
דעם זיידן האָט צוגעדעקט די ערד.
די איניקלאַך האָבן דערפילט זייער חוב צום זיידן
און זיין טויט באַוויינט.
זיין טויט צו זיי.
זיין טויט צו זיך איז געבליבן אומבאַוויינט,
ווייל דער זיידע איז געווען טויט.

די איניקלאַך האָבן דערפילט זייער חוב צו זייערע איניקלאַך
און געשטאָרבן.
זיי זענען טויט צו זייערע איניקלאַך.
טויט צו זיך.
און דעם זיידנס טויט איז טויט צו זיי.
דעם זיידנס טויט איז טויט צו זיי
פון זייער טויט ביז —
דער זיידע איז טויט צו זיך
פון זיין טויט ביז —

ווייל צום טויטסטן איז דער טויט צו זיך אַליין.

שאול

פלאַטער אויף מיין גוטסקייט, לויכט אויף מיין פאַרנעפּלטע גוטסקייט.
כ'וועל גיין אין וואַלד אויסשניצן אַ שטאַק און צוריק צום פאָטערס
הויז,
פאַלן וועלן אַלע גראָע תמימותדיקע פאַסטוכער צו דער ערד פאַר מיר:
אונזער קעניג, אונזער אייגענער, געלייטזועליקט זענען מיר פון דיינע
לויטערע בליקן.
וועל איך פאַלן צו דער ערד, קושן די שוועלן פון מיין פאָטערס הויז,
און זאָגן: ניט אַזוי, מיינע האַרן. וואָר ווי די זון איז עס,
אַז אַן אייגענער בין איך אייך, אָבער ניט אייער קעניג!
ס'זיצט דאָרט פאַרפייניקט געזאַלבטע טרויעריקע מאַכט אין
קעניגלאַכע קליידער.
אָבער איך אַליין האָב דאָך געבענטשט יעדער שטעגעלע צו אייערע
געצעלטן,
און קיין איין גרעזל אַפילו אויפן וועג ניט צעטראָטן.
פלאַטער אויף מיין גוטסקייט, לויכט אויף מיין פאַרנעפּלטע גוטסקייט.

פלאַקער אויף אין מיר מיין שלעכטסקייט, ברויז אויף אין מיר מיין
ברעגלאָזע שנאה.
נעם אַ שאַרפע האַק און קוילע דיין קלאָגמוטער־ווייב.
הרגע אויס דיינע ליבסטע קינדער.
טויט דיינע שונאים און דיינע פריינט.
טו אויס דיינע קעניגלאַכע קליידער.
צופּ אויס יעדער גראָע האָר פון קאָפּ.
און לאָז זיך אַוועק אויף די וועגן זוכן דיין פאָטערס אייזלען.
צום זעער? ניין, ניט צום זעער.
שיינע אידישע יונגע מיידלאַך, וואו וואוינט דער זעער?
רעכטס? וועלן מיינע פיס לויפן לינקס.
לויפט מיט אידישע טעכטער.
רינגלט אַרום דעם וואָס פון אַקסל און העכער איז ער העכער פון
יעדער פון פאָלק.

קיין ווייב, קיין קינד, קיין גראָע האָר אין קאָפּ.
נאָר איין געדאַנק אין קאָפּ — אייזלען אין שטילן געהאָרכיקן יאָך.
און אַ האַק אין האַנט.
אַ האַק? ווער האָט מיר געגעבן אַ האַק?
וועמענס איז דאָס בלוט וואָס טריפט?
זינגט אידישע מיידלאַך, ס׳טריפט דאָס בלוט פון העלד
וואָס האָט געשלאָגן פון אידישע שונאים אין די צענדליקער
טויזנטער.
און איך אַליין גיי צוריק צום טאַטנס הויז.
רואיק, שטיל. די אייזלען נישט געפונען.

ניט אַזוי מיינע אייגענע, ניט שטויבט זיך אין דער ערד פאַר מיר.
זייט געגריסט, גרויע בערד, אין ראָז פון זון־פאַרגאַנג.
זון־פאַרגאַנג. ראָז. וויקלט מיך אין רו.
אין ראָזער רו.

יעקב גלאַטשטיין
פון מיין גאַנצער מי

פרייע
פערזן

פאַרנאַכטיקער הימל

פאַרנאַכטיקער הימל צינדט אין מיינע אויגן
אַ געזאַנג פון קאָלירן.
ס׳באַרירן שטילע ווינטלאַך די דינסטע ציטערס פון מיין געדאַנק.
איינזאַם אויף וועגן פאַרנעמט מיין געמיט
די שטומע רו פון דער טרויעריקער האַנט,
וואָס האָט אויפגעהערט וועבן דאָס לעבן.
ס׳דרימלט טייך און גאָט.
בלויז געציילטע מאָך־שטיינדלאַך שושקען שטיל
צום ריטם פון מיין אור־גרינער בענקשאַפט —
ס׳מיניען זיך שנעל מיינע פאַרלאַנגען מיט די הימל־קאָלירן.

כינעזיש טעאַטער

אָרימאַנס ווייב:

אויף דריי צווייגן זיצן דריי פייגל
און ווייסן ניט פון וואָס צו זינגען.
פייגל דריי, פון מיין גורל
זינגט אַ טרויער ליד.
איך בין אַן אָרימאַנס קליינטשיק ווייב,
מיינע טעג פרעסן אויף די הויט פון מיין פנים.
מיין מאַן עסט פון קליינע טעלער.
מיין מויל האָט נאָך ניט פאַרזוכט קיין קרישקע גליק.
באַלד וועט קומען מיין מאַן מיט ליידיקע קעשענעס
און רעדן צו מיר מיט זיינע מילדע אויגן.
און מיינע ליפּן וועלן שעפּטשען:
ס'איז שלעכט צו זיין אַן אָרימאַנס ווייב.
איך וויין.

כאָר:

ס'איז טרויעריק. דריי מאָל טרויעריק — אַן איינזאַמער בוים
אויפן באַרג.
ער האָט ניט מיט וועמען צו לאַכן.
ער האָט ניט מיט וועמען צו שמועסן.

שוויגער:

אָט די דאָזיקע יונגע חצופה האָט מיט אירע הענטלאַך
אַ קייט פאַרוואָרפן איבער מיין זונס האַלז.
מיט געלעכטער בייטשט זי אים.
מיט גוטסקייט טרייבט זי אים
אין מאַרק אַריין.
מיט אַ הייזעריק קול לויבט ער זיין סחורה
און שוואַרצער פון סאַזשע איז זיין פנים.
און קומט ער איבער דער שוועל מיט ליידיקע קעשענעס,
פלאָגט זי אים מיט טרערן.
אָרימער זון, שלעכטע שנור.
איך וויין.

כ אָ ר :

ס'איז טרויעריק. דריי מאָל טרויעריק — אַן איינזאַמע קו
אין שטאַל.
זי האָט ניט מיט וועמען צו לאַכן.
זי האָט ניט מיט וועמען צו רעדן.

מ אַ ן :

כ'האָב היינט גאָרניט פאַרדינט.
כ'בין הונגעריק.
כ'האָב אַ וויינענדיקע ליבע פאַר מיין קליינטשיק ווייב.
איך און זי זענען זייער גליקלאַך.
איך און זי זענען זייער אומגליקלאַך.
דאָס פייער אין הויז איז אויסגעגאַנגען.
ס'איז איצט ווינטער. ס'איז אונז זייער קאַלט.
מיר וועלן זיך לייגן אין בעט אַריין.
אין דער פינסטער וועלן טרויערן אירע פינגער.
איך וויין.

כ אָ ר :

ס'איז טרויעריק. דריי מאָל טרויעריק
דער זומער און דער ווינטער,
דער טאָג און די נאַכט.

ר ייכער מ אַ ן :

איך בין רייך.
כ'האָב שענערע קליידער פון די פאַרביקסטע בלומען.
כ'האָב געזען דעם אָרימאַנס ווייב,
און איך זאָג צו איר :
קליינטשיקע, וואָס דאַרפסטו נאָכטראָגן דעם שלעפּ פון דיין
מאַנס אָרימקייט.
כ'וועל נעמען אַ מעסער און אים שטעכן.
מיינע דינער וועלן אים באַגראָבן ביים בלאָען לאַמטערן-ליכט.
און דיר וועל איך געבן צוויי גאָלדענע מטבעות.
כ'טראָג ריינע, זיידענע אונטערוועש.
כ'וועל צערטלען דיינע קליינע, באָרוויסע פיסלאַך,
און קושן די לעפּעלאַך פון דיינע אויערן.
לאָז מיך צו דיר אין בעט.

כאָר:

טאָג, נאַכט. נאַכט, טאָג.
ווינטער, זומער. זומער, ווינטער.
טרויעריק, דריי מאָל טרויעריק.

אָרימאַנס פרוי:

ס'איז מיר שווער מיין געמיט.
מיין מאַנס בלוט האָט געשנירלט רויט
ווי די פלוספעדערן פון אַ פיש.
שלעכטער מאַן האָסטו אויך זיין נשמה געשטאָכן?
הערסטו אים דען ניט שטיין איבערן בעט און יאָמערן?
קום אַריין צו מיר אין בעט.
ווען ס'וועט שאַרן אויף טאָג,
וועל איך לויפן צום ריכטער און דערציילן,
אַז דו, שלעכטער מענטש, האָסט מיין מאַן געקוילעט.

כאָר:

פליגעלאַך שווימען אויף דער אויבערפלאַך פון וואַסער.
אַז ס'קומט די נאַכט, קענען זיי ניט זען זייער אָפשפיגל.
טרויעריק, דריי מאָל טרויעריק.

דאָס געזעץ:

איך בין דאָס געזעץ.
כ'האָב געהערט אַז דער רייכער מאַן האָט געשטאָכן דעם אָרימאַן
און צוגענומען זיין יונג און וואַרים ווייב.
דער אָרימאַן וועט שוין מער ניט זען קיין עפּל צוויט
און קיין זומער רעגנס.
איך, דאָס געזעץ, בין גערעכט אפילו צו שמוציקע אָרימעלייט.
איצט זאָל מען פאַסעווען דעם רייכנס לייב מיט ריטער
און מאָרגן וועט מען אים קעפּן .

רייכער מאַן:

אַז מען וועט מיך קעפּן, וועל איך אויך מער ניט זען קיין עפּל
צוויט
און קיין זון אונטערגאַנג.
נאָך מיין ציג וועל איך בענקען.
דעם אָרימאַנס ווייב איז געווען זיס ווי טויבן־פלייש.
און כאָטש דעם טרויער נאָך איר מאַן האָב איך ניט אויסגעקושט,

האָט זי זיך פֿאַרשעמט ווען איך האָב איר געזאָגט,
אַז איר נאַכט־העמד איז ווי אומרואיקער ים־שוים.
מער וועל איך גאָרניט רעדן.

כ אָ ר :

מאָרד. יענעמס ווייב. אָרים. רייך.
טויזנטיעריקע שלייערס אַרום דער לבֿנה.
ווען אַ קו רעזוועט אין דער נאַכט אַריין נאָך איר קאַלב.
טרויעריק. דריי מאָל טרויעריק.

ר ייכן מ אַ נ ס מ אַ מ ע :

ליבער זון, כ׳וועל אָנצינדן רויטע ליכטלאַך באַ דײַנע פּיס און
וואַרטן,
איידער די האָר פֿון דײַן קאָפּ וועלן באַרשטן די שוואַרצע ערד.
רעד צו מיר.
דײַנע וואונדן רעדן צו מיר.
דײַנע אויגן רעדן צו מיר.
אָבער ניט דײַן מויל.
ווילסט ניט רעדן הויך, זון מײַנער.
זאָל זיך שטיל קנוילן ווי אַ רויך דײַן לעצט וואָרט צו מיר.
כ׳וועל זיצן טעג און נעכט און שטריקן און וואַרטן.
כ׳האָב מיטגעבראַכט עסן פֿאַר דיר און פֿאַר מיר.
איך און דאָס געזעץ וועלן וואַרטן אויף דײַן לעצט וואָרט.
צינד איך רויטע ליכטלאַך באַ דײַנע פּיס, זון מײַנער,
ווי דײַנע רויטע, פֿאַרשלאָסענע ליפּן.

כ אָ ר :

מאַמע און זון. זומער און ווינטער. טאָג און נאַכט.
מאָרד און ווייב.
בלעטער־רויש אין פֿינסטערן וואַלד.
וואויל איז דעם וואָס האָט דערזען די לויטערקייט פֿון טרויער
און געצונדן קנויטן אויפֿן ים פֿון שטילער ווידערהאָלונג.
פֿון מיליאַסן יאָרן די ווידערהאָלונג ברענגט פֿרייד,
ברענגט קינדער, גראָע האָר און רו.
אָבער ווער עס דערזעט ניט דאָס ליכטיקע פּנים פֿון טרויער!
איז שוין דען געבאָרן געוואָרן דער חכם וואָס זאָל טרייסט
געפֿינען
פֿאַר אַן אַלט בלינד פֿערד?
זײַנע טעג זענען טרויעריק. דריי מאָל טרויעריק.

אויף די פלוינען

היינט האָב איך גאָרניט צו זאָגן און גאָרניט צו דערציילן.
כ׳האָב יאָ, נאָר איך וויל ניט, כ׳דערצייל עס זיך אַליין.
כ׳האָב אַ פּאַזש מיט בלאָע אויגן, האָט ער ביי מיר דעם געזאַנגען-קנויל
פאַרפּלאָנטערט. פּלאָנטערט ער, פּלאָנטערט ער, ער פּלאָנטערט
ביי מיר די זיידענע פעדים פון געזאַנג.
אוי, דו פּאַזש מיט בלאָע אויגן.

האָט דער פּאַזש אַ פּאַזשיכע אין אַ קליינטשיק בעטל.
האָט ער ליב די נאַקעטע פיסעלאַך פון דער פּאַזשיכע צו זען.
גייט ער צו, גייט ער צו, גייט ער צו, ער גייט,
צום בעטעלע מיט פאַמעלאַכענע טריט.
(מאַך זיך, פּאַזשיכע, שלאָפן, מאַך די אויגן צו).
    אויף הויכע בערג, אוי קלעטער איך
    ניט היינט.
    אויף הויכע בערג זאָל קלעטערן
    מיין פריינט.
גיי אַרויס, מיין האָריקער זון עשו, און פאַנג אַ געזאַנג.
דער טאַטע האָט ליב געזאַנג.
דער טאַטע האָט פאַרשטאָפּט זיינע אויערן צו יעקבס קול אין געצעלט.
זאָל ער דאַווענען.
איך און די וועלט זענען צו זינדיק צו ווערן דערלייזט.

האָט עשו שפּאַצירט אויף די פלוינען פון אַ בלאָען מאָרגן,
(אָן זאָרגן?)
און געטראַכט ניט פיל. אַ קליין ביסעלע געטראַכט:
די וועלט איז זינדיק, האָט דער טאַטע געזאָגט.
די וועלט איז זינגענדיק.
האָט רב עשו געטראַכט פון רב ישראל בעל שם?
אָן מורא פאַר זינד (זינדיק — זינגענדיקע פרייד)
אַך — טי גאָטעניו, כ׳דאַוון מיט געזאַנג:
אַלע מיינע ביינער טוען זאָגן:
ווער איז נאָך צווישן געטער, ווי דו, אָ גאָט.
גאָט! ווער איז נאָך ווי דו.
סם פון דאגות פאַרשפּרייט זיך ניט איבער מיינע גלידער.
(האָט רב ישראל בעל שם געטראַכט פון רב עשו?)
אויף די פלוינען פון אַ בלויען מאָרגן איז ער געגאַנגען פאַנגען,
אַך — טי גאָטעניו, פאַנגען אַ געזאַנג.

כ׳האָב אייך היינט גאָרניט צו באַנאַכריכטן.
כ׳האָב אייך היינט גאָרניט מיטצוטיילן.
אויב ס׳וועלן זיין פראַגן, וועל איך אַלץ באַאַנטוואָרטן.

שלאָם פון יאָ

אויף רייטוועגן — ניין.
דורך קרומע וועגן — אויב.
טאָג איך און נאַכטיק אַלע מיינע יאָר.
אַרויף. אַראָפּ.
אַרום. צום.
צום. צום. צום.
שטאָל און שטיינערנעם שלאָם פון יאָ.

אויף מיינע פילפאַרביקע רייטוועגן — ניין.
זינגט מיין האַרץ: יאָ. יאָ. יאָ.
ערגעצוואו:
אַרויף. אַראָפּ. אַרום.
קומסטו צום. קומסטו צום.
שטאָל און שטיינערנעם שלאָם פון יאָ.

שרייט דער טורעם מיינער אויף די פּלייצעס:
שלאָם פון יאָ. שלאָם פון יאָ.
ס'האָט אַ דולע מאַלפּע אויף אַ בוים,
אונטער פלאַמיק־רויטע הימלען,
אויסגעטראַכט דיך, שלאָם פון יאָ.
אומצעשטערלעכער שלאָם פון יאָ.
שטאָל און שטיינערנער שלאָם פון יאָ.
ביסט ניט שטאָל, ביסט נישט שטיין.
ביסט שפּינוועבס פון אַ חלום.
ביסט ניין. ניין. ניין.

אויף די רייטוועגן ניין.
אויף די קרומע וועגן אויב.
זינגט מיין האַרץ אַ לויב —
צו דעם וועלן, ווילן, וועלן
דורך אַרויף. אַראָפּ. אַרום.
קומען צום.
קומען צום.
שטאָל און שטיינערנעם שלאָם פון יאָ.

דאָס געוויין פון די באַגראָבערס

ווײַ איז אונז.
ניט אַקערן דיך קומען מיר, מאַמע פון שפע.
ניט פון שניט־צייט וועגן זענען מיר עולה־רגל צו דיר, הייליקע מאַמע.
די לאָפּעטע איז זיגער איצט איבער דעם אַקער.
מיר גראָבן, גראָבן דיך, שוואַרצע מאַמע.
ווײַ איז אונז.
מיר גראָבן און וויינען.
מיר וויינען און גראָבן.
מיט שווייס אויפן שטערן פאַרדינען מיר אונזער ברויט.
דיין ברויט, הייליקע מאַמע.
און ניט מיר אַקערן דיך, מאַמע פון שפע,
נאָר מיר גראָבן, גראָבן דיך, שוואַרצע מאַמע.

קאַנוט

ווילדע, מיידלש־אינגלשע צוואַנציקער יאָרן מיינע בלייבט שטיין.
שפיגלט זיך אין דער לויטערקייט פון מיינע אויגן אַ ווילע לענגער.
ווי ליב איר זענט מיר.
ווי די קליינע שוועסטער, וואָס האָט נאָך ניט קיין בריסט.
מיין מידער בלאָנדער קאָפּ איז עלטער פון אייך אַלע.
און זעט, ער וואָרנט אייך:
האַלט איין אייער לויף באַרג־אַרויף, באַרג־אַרויף —
יעדער טראָט אַרויף איז פּאַרפירערישע, גליטשיקע באַרגאַראָפּיקייט.
קליינטשיקע פיראַטן, זעגלט צו צום ברעג אייערע שיפן, ליידיקט אויס
די זעק פון רויב.
די פינקלדיקסטע דימענטן, דאָס הייסטע גאָלד איז אונזערס,
פון מיושבדיקסטן קופּער און פאַרבענקטסטן זילבער זענען אונזערע
כלים.
גענוג, איבערגענוג האָבן מיר אויף צו לעבן פאַרן רעשט פון אונזערע
טעג,
יונג־אַלטער נאַרישער קאַנוט,
טרויעריקער קלוגער קאַנוט.

פאַרגליווערט איז איצט די נאַכט אויף מיינע שויבען אין איין שטיק
שוואַרץ,
אַזאַ נאַכט האָט מסתמא געשיקט דעם שוואַרצן שרעק־פויגל צו
עדגאַר עלען פּאָ.
אָבער מיך שרעקט ניט דער שווערער טונקל.
די ווינקלען פון מיין ענגן צימער זענען ליכטיק מיט דעם ליבן אָטעם
פון דער,
וועמענס דינעם קערפּער פרעמדע פרויען האָבן מיך געלערנט צו
בענטשן שטילערהייט.
כ׳בין אַ יונגער סולטאַן מיט אַ האַרעם פון איינער,
כ׳בין אַ יונגער סולטאַן אין דער רוישיקער אידישער גאַס.
מען האָט מיך נאָך נישט געזאַלבט.

בין איך ליבערשט דער ניט-געזאָלבטער סולטאַן פון דער אידישער גאַס.

גאַטאַמאַ בודאַ בין איך.
פון פאַטערס הויז בין איך אַנטלאָפן
אויף די ברייטע וועגן האָב איך אָנגעטראָפן
די מיליאָסיק-צונגיקע פיין.
מיינע ווייסע גלידער האָט געלעקט די צונג
און איוב'ס אויסשלאָג האָט באַדעקט מיין לייב.
איינגעקנוילט האָט מיך די צונג און אויסגעשפיגן אין אַ פרעמד לאַנד.
כ'האָב געוואַנדערט.
מיינע יונגע אויגן איז באַשערט אויך געווען צו זען
די שוואַרצע קאַטשען און פרעגן און קריגן דעם באַשייד.
כ'האָב געוואַנדערט און געבעטלט, געשנאָרעט און געזאַמלט,
ביז ס'זיינען ווייס געוואָרן מיינע לונגען מיט שטויב פון אַלטער חכמה
אין דעם פריען בלאָ פון מיינע טעג.

אין שטילן צימער איז מיר גוט צו געדענקען איצט דריי-פיר ביכער,
פיר-פינף נעמען פון גוטע פריינט, וועמעס גוטע ווערטער
זענען געפאַנגען אין מיינע אויערן, ווי אין קליינע גאָלדענע שטייגלאַך.
שטיל. כ'האָב פאַרריגלט מיין טיר.
כ'וויל ניט מער דער גרויס-וויזיר זאָל קומען און מיך זאַלבן.
אַזויפיל יאָרן אָפּגעלעבט און ניט געזאַלבט געוואָרן,
וועל איך שוין ניט-געזאַלבטערהייט דערלעבן מיינע יאָרן.

שטילע נאַכטיקע רו.
מיט שאַרפער שווערד האָסטו געקעפּט מיין מורא.
אין גאָרטן דרימלען איצטער רואיק די צווייגן
מיט שטילער האָפנונג:
געל איז גאָלד און גאָלד איז רויט,
און רויט איז צוויט און צוויט איז געבורט,
און געבורט און טויט איז רויט ווי גאָלד,
און ברענט, ווי צייט,
און ברענט אין צייט מיט צייט.

מיידלש-אינגלשע צוואַנציקער יאָרן מיינע צעלויפט זיך, בלייבט ניט שטיין.
ווי די קליינע הינדעלאַך צעשפּרייט זיך איבערן פרוידיקן גראָז.
איינעם פון די טעג וועל איך זיך דערטראַכטן באַטש
צום שליסל פון שפּיכלער פון צייט.
אָבער האַלט זיך נאָענט צו מיר.
ווי ליב איר זענט מיר,
מיר, דעם יונג-אַלטן, נאַרישן קאַנוט.
דעם טרויעריקן, קלוגן קאַנוט.

יעקב גלאַטשטיין

פון מיין גאַנצער מי

צו מיין צוויהונדערטיאָריקן געבוירנטאָג

ווי פּאַמעלאַך די צייט קריכט פאַר מיר.
ווי פליגן לעבן מענטשן און שטאַרבן.
אָבער מיט ציטערדיקע הענט שרייב איך שוין פאַרגעלטע זכרונות,
ווער ווייסט ווי לאַנג.
שטילע געשטאָרבענע פריינט מיינע, ווי איינזאַם איז מיין לעבן אָן אייך.
שטילע געשטאָרבענע פריינט מיינע, ווי איר לעבט אין מיר.
רויטער מיטאָג. רואיקע ווענט.
די שטילקייט פון אינווייניק האַלזט די שטילקייט פון דרויסן.
איך זיץ און טראַכט.
מיין ליב ווייב איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ פאַטאָן צוגאַסט.
מיינע צוויי טויבן, דער זון מיט דער טאָכטער זיינען אויך געפאָרן.
איך בין איינער אַליין. אין צימער פלאַטערט זייער אונטערטעניקע
ליבע צו מיר.
ס'קומען אָן מיינע פריינט. מיר זיצן אַלע אין גערטנדל
און ריידן וועגן סודות פון ווערטער.
רעדן פון גאָט אָן מורא.
די אינגערע פון אונז ריידן פון טויט.

מיר זיצן אויף ווייכע קישנס אוןריידן
פון אייביקייט, טויט און גראַמאַטיק.
די דינסט דערלאַנגט אונז אַלעמען גלעזער וויין.
מיינע פריינט פאַרלאָזן מיך. פאַרנאַכט.
דער גאָרטן איז פול מיט פריינטשאַפט און קלוגע געמאַסטענע ווערטער.
די פייכטקייט טרייבט מיך אין הויז אַריין.
אין די אויבערשטע צימערן טרעט מיין דינסט
מיט באָרוויסע פיס אויף מיינע וואַרימע געדאַנקען.
כ׳גיי אַרויף. מיין דינסט איז געהאָרכזאַם און צערטלאַך מיט שטילער שעמעוודיקייט.
די שטילקייט שמעקט אַריין פון גאָרטן דורכן פענסטער.
דעם פרימאָרגן גריסן מיינע איינזאַמע טריט אין גערטנדל.
מיינע געדאַנקען זענען מיט מיין ליב ווייב און מיינע שטילע טויבן.
מיין דינסט זינגט ערגעץ אין גערטנדל.
דאָס זייד פון מיינע קליידער גלעט מיינע באָרוואיקטע גלידער.
ס׳קומען אַן צוויי שטאַמענטשן און בעטן אַ נדבה.
כ׳גיב זיי אַ גאָלדשטיק.
מיינע פריינט קומען ווידער מיט זייערע קלוגע רייד.
מיט דער נאָכמיטאָג-זויבערקייט אין זייערע קליידער.
זיי דערציילן מעשות פון לענדער און ביכער.
מיר ריידן ווידער פון גאָט און סודות פון אייביקייט.
שטילע נאַכט.
די דינסט וואַשט איר לייב מיט שמעקעדיקן בוימל.
מיט לאָמפּ אין האַנט לייכט איך צו און מאַך לאַנגע שאָטנס אויף די ווענט.
ס׳איז וואַרעם זאַלבעצווייט אין איינזאַמקייט.
אין דערפרי קומט צוריק מיין ליב ווייב מיט מיינע שטילע טויבן,
ווידער ווערן ווינקעלאַך פול מיט געזאַנג פון מיין ליבע.

ליבע פרוי מיינע, קינדער מיינע, שעמעוודיקע דינסט מיינע.
וואוילגערוך פון גראָז אויף נאָענטע מצבות.
טייערע פריינט מיינע אויף אומצאָליקע בית-עלמינס.
נאָכמיטאָג רייד פון דער גאָטהייט און פאַרבאָרגענעם סוד פון וואָרט.
באַשערט איז מיר אַן איינזאַמע עלטער.
די אַלטע לייט זיינען אַלע אינגער פון מיר
און לאַכן פון מיינע פאַרשטויבטע ווערטער.
פון מיינע קלוגע ווערטער.
כאַפּ איך אַ קרענצל קינדער און דערצייל זיי שיינע מעשות,
קריג איך פון זייערע טאַטעס רחמנות-געלט
צו דערהאַלטן מיינע אַלטע ביינער פון צעפאַלן.
די סטעליע ליגט אויפן קאָפּ אין איינזאַמען קעמערל.
כ׳טראַכט פון גאָט אָן מורא.

יעקב גלאַטשטיין

1919

די לעצטע צייט איז קיין שפור ניט מער געבליבן
פון יאַנקל ברב יצחק,
נאָר אַ קליינטשיק פּינטעלע אַ קיילעכדיגס,
וואָס קייקלט זיך צעדולטערהייט איבער גאַסן,
מיט אַרויפגעטשעפּעטע, אומגעלומפּערטע גלידער.
דער אויבערהאַר האָט מיט דעם הימלבלוי
די גאַנצע ערד אַרומגערינגלט
און ניטאָ קיין רעטונג.
אומעטום פּאַלן "עקסטראַס" פון אויבן
און צעפּלעטשן מיין וואַסערדיקן קאָפּ.
און איינער מיט אַ לאַנגער צונג
האָט מיט אַ שטיק רויט מיינע ברילן אויף אייביק באַפלעקט
און רויט, רויט, רויט.
איך הערט:
אַט די טעג וועט עפּעס אַזוינס אין מיין קאָפּ פּלאַצן
און מיט טעמפּן קראַך זיך אָנצינדן דאָרט
און איבערלאָזן אַ קופּקע שמוציקלעכן אַש.
און איך,
דאָס קיילעכדיקע פּינטעלע,
וועל זיך דרייען אין עטער אויף אייביקייטן
מיט רויטע וואָלן אַרומגעהילט.

טירטל־טויבן

אימפולסן פון געדאַנק
בליציקע און ראַשיק —
בליאַסק פון זון אויף מעסער־שאַרף.
פלוצים: —
חדר־יאָרן און אַ וואָרט,
מער נישט ווי אַ וואָרט:
טירטל־טויבן.
און ס'לאָזט ניט אָפּ,
מיט דעם ווייכן קנייטש פון טירטל,
מיט דעם לאַסטשענדיקן קנייטש.
אָ, טירטל־טויבן
טירטל־טויבן.
טירטל־טירטל
טירטל־טויבן.
חדר־יאָרן, קינדער־יאָרן.
און עס זינגט.
און פאַרפאַלגט.
און פאַרוויגט.
און דערמאָנט:
טירטל־טויבן
טירטל־טירטל
טירטל־טויבן.

379

יעקב
גלאַטשטיין



HOMO

מעג די זון פֿאַרברענען דאָס ביסל גרינס אויף אונזערע פֿעלדער.
מעגן בליצן פֿאַרלענדן דאָס געהילץ אין אונזערע וועלדער.
מעג די צייט צעבייטשן ביז בלוט אונזערע לייבער.
מעג אַ בייזער רוח פֿאַרשעלטן די טראַכט פֿון אונזערע ווייבער.
פֿון אונזער זאָמען וועט ער קומען.
ער וועט קומען.
ער וועט מוזן קומען.

און איר ווינטן פֿון דער וועלט,
פֿאַרשפּרייט די שוואַרצע בשורה.
זאָגט דעם אָדלער אויפֿן פֿעלז,
און דעם טיגער אין זיין הייל.
אַז מיט דעם לעצטן ביסל כּוח
וועלן מיר דעם שטיין פֿון אונזער ערד צעאַקערן
און מעגן הימל־ליכט זיך לעשן —
בלינדע וועלן מיר קלעטערן.
און וועט באַנומען ווערן אונזער לשון —
אונזער ברומען וועט פֿאַרשטומען דעם וויזעלטירס און דעם לייבס.

און פֿון אונזער זאָמען וועט ער קומען.
ער וועט קומען.
ער וועט מוזן קומען.

אונזערע קראַנקע און שוואַכע וועלן שטאַרבן,
אָבער אויף די פּגרים וועט ער שטייגן
און דערקלעטערן
און צעשמעטערן
דעם הימל־יסוד.

באַיאָנעטן

ס׳האָבן צוויי פֿינסטערנישן געהאַלזט איינע די אַנדערע,
און האַלזנדיק געשטיקט די מאַטע ליכט פֿון אַ לקוי־חמה.
צווישן ביידע פֿינסטערנישן
האָבן אויסגעדאַרטע הענט געשפּונען בלאָע פֿייערן פֿון גלויבן.
די רעכטע האַנט האָט געשפּונען פֿון דער פֿינסטערניש פֿון
אָנהייב.
די לינקע — פֿון דער פֿינסטערניש פֿון סוף.
קעגן דער לקוי־חמה האָבן פֿאַרחלשט געבלאַנקט מיליאָנען
באַיאָנעטן.
זייער שטאָל האָט טעמפּ געוויינט.

דער אָטעם פֿון לעבן האָט פֿויל געדרימלט ווי אין
אַ הייסן נאָכמיטאָג.

יעקב גלאַטשטיין

יעקב גלאַטשטיין

אונזער דור

ס׳ציטערט די קנויט פֿון אונזער דור.
האָ, מענטשן רגע׳דיקע.
לאָמיר, אויף גיך, אויסקריצן אין מאַרמאָר אונזערע מעשים.
אין ביכער פֿאַרשרייבן אונזער נאָמען.
ציגל צו ציגל לייגן פֿאַר אונזער רום.
וועלן מאַרמאָר און ביכער וועגן אויף אונזערע קינדער
און בלאָנדזשן וועט כאָטש אונזער האַנט אין רוים,
ווען עס וועט אָפּצאַנקן די קנויט פֿון אונזער דור.

דער שטאָלצער קיניג

וועז דער שטאָלצער קיניג איז אין שונא'ס שטאָט אַריינגעריטן,
האָט זיין רויטע באָרד געפלאַמט אין דער אויפגייענדיקער זון,
ווי די בלאַנקע שווערדן פון זיין סוויטע.
און ווען ס'האָט דער שטאָלצער קעניג באַשיינפערליך געזען
ווי ס'האַלט דער טויט די שטאָט אין זיינע אָרעמס,
און אַז ס'זענען אויסגעשטאָרבן אַלע ציגל אין די הייזער,
און אַ מינדסטע ווינטל קאָן די הייזער צעבלאָזן אויף דינעם
שטויב —
האָט ער געלאַכט.
און אומגעדרייט האָט ער זיין שטאַרקן קאָפּ
אַ קוק צו טאָן אויף זיינע יונגען,
וואָס האָבן מיד און טעמפּ געשלעפּט אַ פאַרמאַטערטן דעם זיג.

און דער קיניג האָט באַפוילן,
אַז ס'זאָלן די יינגסטע זכרים פון דער שטאָט
קומען אים אַנטקעגן מיט ברויט און זאַלץ.
באַלד האָבן געגעגנט דעם קיניג צען אַלטע לייט מיט לאַנגע גראָע בערד
און אויף די קני געפאַלן:
שטאָלצער קיניג, מיר זענען די יינגסטע זכרים פון דער שטאָט
און קיין ברויט האָבן מיר ניט,
ווייל ס'האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס ברויט ביי אונז, שוין איבער צוועלף חדשים,
עדות זענען אונזערע הענט די אויסגעצערטע,
אונזערע גומענס די אויסגעטרוקנטע.
אַ ביסל זאַלץ האָבן מיר געבראַכט,
בלויז אַ ביסל זאַלץ האָבן מיר געבראַכט.
ווידער האָט דער שטאָלצער קיניג אַ קוק געטאָן אויף זיינע יונגען,
וואָס זענען פון די פיס געפאַלן, שלעפנדיג אַ פאַרמאַטערטן דעם זיג.
ס'האָט דער קיניג באַפוילן
זאָלן אייערע שענסטע יונגפרויען קומען באַגריסן מיינע יונגען,
זאָלן זיי שפּרייטן בלומען פאַר די טריט פון אונזער זיג.
אין ווינענדיקע רייען האָבן באָרוויסע געשפּאַנט די יונגפרויען מיט גראָע קעפּ,
און געשפּרייט פאַרוועלקטע בלומען-בלעטלאַך.
און ס'האָבן זיך פאַרנויגט די ערשטע פיר פרויען פאַר'ן שטאָלצן קיניג
און אַזוי געשפּראָכן:
ס'האָט דער אָטעם פון טויט אויסגעטרוקנט אונזערע וואַסער-קוואַלן,
ווי די וואָרצלען פון אונזערע האָר,
אויך אונזערע הימלען זענען געוואָרן שטיין.
האָבן מיר דען געקאָנט מיט לערע קרוגן שטילן דעם דורשט פון די בלומען?
און ס'איז אויפגעשטאַנען דער עלטסטער מאַנצביל פון דער ערד
און אַזוי געשפּראָכן:
שטאָלצער קיניג,
ניט קוק וואָס געבוקט איז מיין קאָפּ און מיין טריט ניט זיכער.
דאָס האָבן יאָרן מיר געגעבן אַ שטעקן אין האַנט
און מיין קאָפּ צו דר'ערד געבויגן.
יאָרן וועלן אויך דעם קאָפּ פון דיין שטאָלץ מיט אַש באַדעקן
און אים הייסן גיין ווי אַ בעטלער.
דער שטאָלצער קיניג האָט פאַרשטאַנען,
אַז דאָ דאַרף זיין גרימצאָרן ברענען, ווי זיין רויטע באָרד.
אָבער ער האָט ניט געצאָרנט.

יעקב
גלאַטשטיין

זיינע אויגן האָבן בלויז געקוקט אויף די פאַרוועלקטע
בלומען-בלעטלאַך
וואָס די יונגפרויען האָבן געשפּרייט פאַר די טריט פון זיין זיג.
און אַראָפּגעריסן האָט פון זיך אַלע שמאַטעס איינע פון די
יונגפרויען.
איר נאַקעטקייט האָט געוויינט, ווען זי האָט אַזוי געשפּראָכן:
זע, שטאָלצער קיניג, מיינע גלידער, וואָס האָבן געוואוסט אַ מאַן,
הענגען איצט פאַרשעמטע,
ווייל ס'האָט די בענקשאַפט אין מיר נאָך דעם טאַטן פון מיין קינד
פאַרטרוקנט אין מיר אַלע פרויען זאַפטן —
אַזוי זאָל פאַרטרוקנט ווערן די טראַכט פון דיין ווייב אויף אייביק.
ווידער האָט דער שטאָלצער קיניג פאַרשטאַנען,
אַז ער מוז פריי לאָזן זיין צאָרן, ווי אַ ווילדן יונגן אָקס.
אָבער ער האָט ניט געצאָרנט.
זיינע אויגן האָבן אַלץ געקוקט אויף די פאַרוועלקטע
בלומען-בלעטלאַך,
וואָס די יונג-פרויען האָבן געשפּרייט פאַר די טריט פון זיין זיג.

אַ פינצטערע מורא האָט זיך געלייגט אויף די הייזער.
דערשראָקענע קינדער האָבן פון די פענסטער זייערע מאַמעס
גערופן.
פון קלויסטער אַרויס האָט זיך דערטראָגן דער געוויין פון די
פרומע בענק,
נאָך די יונגע טאַטעס פון דער שטאָט.
דער איינגעשלאָפענער בלינדער גלאָקנציער האָט פון
שלאָף דערוואַכט.
זיינע אַלטע געלע הענט האָבן ווי תמיד געבעטן דעם
קלויסטער-גלאָק אָנצוזאָגן,
אַז ס'איז געקומען די שעה פאַר דער אָוונט-תפילה,
אָבער די שטומע צונג פון גלאָק האָט אויסגעקלונגען
אַ טויטן-קלונג.
אַ טויטן-קלונג.
די זון איז איינגעשרומפּן.
אַ שלאָקס-רעגן האָט אויסגעבראָכן.
דער רעגן האָט באַנעצט די קעפּ פון די פריינט, ווי די קעפּ
פון די פיינט.
די צען אַלטע לייט האָבן אומגעקערט זייערע רוקנס צום קיניג
און זיך צום קלויסטער געלאָזט גיין.
און דער שטאָלצער קיניג האָט אַלץ געקוקט,
ווי אין וויינענדיקע רייען שפּאַנען באָרוויס די יונגפרויען מיט
גראָע קעפּ
און שפּרייטן פאַרוועלקטע בלומען-בלעטלאַך פאַר די טריט
פון זיין זיג.

צוועלף

די ווייזערס פון באַלויכטענעם שטאָט-זייגער
הויערן איינער אויפן אַנדערן,
ווי דער גאַסן-הונט אויף זיין צופעליק ווייב. —
צוועלף.
איצט שטייגט דאָס הייזעריקע געזאַנג פון בלוט
צו די נאַכטיקע אויערן פון דער שטאָט.
איצט זינגט די גאַנצע שטאָט דאָס געזאַנג פון צוויי.
איצט וויינט די גאַנצע שטאָט דאָס געוויין פון איינס נאָך איינס.
ענטפערט אָפּ דער באַלויכטענער שטאָט-זייגער:
צוועלף.

פאַרגיין

איצט שפילט מען מיינע שעהן אויף די דינסטע סטרונעס,
מילדע וויבראַציעס פליסן אַריין אין מיין גוף.
אויף ווייסע לאַטשן שוועבט דער רויש פון זיידנצייג אַרום מיר.
איך בין אַ דינער רויך-קנויל וואָס קרויזט אַרויף.
מיינע אויגן ווער וועט אָבער פאַרמאַכן?
דורכ'ן רויך-שלייער זעען נאָך מיינע אויגן
שוואַרצע פלעקן ערד.

צעלאַ-צעלדי

צעלאַ-צעלדי.
צעלאַ-צעלדי — גרינג פּיסיקע.
צום צימב פֿון צימבל,
ווערסטו ווי אַ סאַרנע גרינג,
ווי אַ העזל פֿלינק.

צעלאַ-צעלדי,
דיין קאַשטאַן-קאָפּ
איז גראָ אַצינד,
די בלאָע אויגן זעען ניט,
די בריסטן דיינע לאַבערן,
און דיין גוף שמעקט מיט אַלטקייט שוין,
מיט דעם ריח פֿון פֿאַרדומפּן פֿלייש;
אָבער צעלאַ-צעלדי,
צום צימב פֿון צימבל
ווערסטו ווי אַ פֿאַרע גרינג,
או - איפּ, צעלאַ-צעלדי!

צעלאַ-צעלדי.
פֿאַרמייד די זיפֿצן דיינע אַלע נאַכט,
זאָל דאָס רופֿן פֿון דער טויטער האַנט דיך ניט שרעקן.
זאָג,
וועלכער באַרג ערד קען דען דיך פֿאַרדעקן,
אַז צום צימב פֿון צימבל
ווערסטו ווי אַ סאַרנע גרינג,
גרינג-פּיסיקע.

או - איפּ — צעלאַ-צעלדי!

387

יעקב
גלאַטשטיין

פון מיין גאַנצער מי
יעקב גלאַטשטיין

טענער

דאָס בלאָנדע מיידל ביי דער האַרף
איז דאָך אַ רויבער אַ פאַרשטעלטער:
מיט אַ גלעזערנעם מעסער
האַקט זי אָפּ די בלאָע קעפּלאַך פון די טענער
און לאָזט זיי צאַפּלדיקע אין לופט.
שטאַרבנדיקע אין לופט.

און דו און איך,
וואָס האָבן דורך דער גאַנצער נאַכט
פאַרקושט אין זיך דאָס געוויין פון אונזערע גלידער.
זע, ווי ס'לאַכט זיך אויס פון אונז
דאָס בלאָנדע מיידל ביי דער האַרף,
און שפּילט אונז אַ חוזק-ליד.
ביז'ן גרויסן טאָג אריין.
ביז'ן טיפן טאָג אריין.

יעקב
גלאַטשטיין

מיין ליד צום טרויעריקן מיידל

כ׳וועל זינגען אַ ליד צו מיין טרויעריק מיידל
אין די דאַזיקע ווערטער :
אונטער דיינע אויגן
וויינען דיינע יאָרן.
צווישן דיינע האָר
קאַלטע לבנה־שפּריצלאַך.
וואו זענען די גנבים
פון דיינע טעג און נעכט ?
ווער קען דען דיר באַצאָלן
פאַר דיין רייכן אומגליק,
פאַר דיין טיפן אומגליק ?
פאַרוואָס האָסטו פאַרטרויט דיין גליק
אַ פאַלשער שיף אויפ׳ן ים,
אַ פאַלשער שיף אויפ׳ן ים ?
טרויעריק מיידל מיינס,
גאָלדן מיידל מיינס.

מיט־נאַכט שעהן ציטערן צווישן הימל און ערד,
האַרבסט־ווינטלאַך רייסן זיך אויף דיינע האָר,
און די רויטלעך־גרינע שלאַנג פיניקט דיר דיין גוף.
זאָל כאָטש ווער זינגען דיר הויך אַ ליד פון זינד.
טרויעריק מיידל מיינס,
גאָלדן מיידל מיינס.

אין די מיט־נאַכט שעהן זינג איך דיר די דאָזיגע סערענאַדע :
דורכגעפוילטע שאַרבנס —
צווישן תבואה־בייטן.
פאַרגליווערטע זיפצן
הענגען אויף צעהאַקטע בוימער.
אָבער מיר איז נענטער דיינס אַ זיפץ ביינאַכט :
אפשר וועט ער אויף אַ שיף נאָך קומען,
אָדער זאָל כאָטש אַן אנדערער קומען,
אַן אַנדערער קומען.
(גוט אזוי — אַן אַנדערער קומען).
גאָלדן מיידל מיינס.
טרויעריק.
טרויעריק מיידל מיינס.

אַ קלאָג־ליד

מעלאַלעי !
ווער וועט אונזערע קינדער באַגראָבן, מעלאַלעי !

קלאַפּ דיין קאָפּ אָן דיל,
און הויב אויף דיין קול צום וויינען,
ווייל אָפּגעטאָן האָט זיך דער יום טוב פון אונזער הויז,
ווייל ס׳האָבן אונז פאַרשעמט די געטער.
מעלאַלעי.
אונזערע קינדער רוען אויף די רוקענס פון די כוואַליעס
און וועלן קיינמאָל מער ניט זונען אונזער הויז מיט לאַבן.
אונזער הויז וועט ווערן אַ יאָמער־הויז, מעלאַלעי !
אונזער הויז וועט ווערן אַ קלאָג־חורבה, מעלאַלעי !
דורך דער לאַנגער נאַכט פון שווייגן
וועט הויזן נאָר דער טרויער מיט אונז,
ווי אַ שוואַרצער הונט,
און וויינען מיט אויף אונזער חורבן.

מעלאַלעי.
ס׳צאַנקט דאָס ליכט אין מיינע אויגן —
כ׳וועל שוין מער ניט זען די זון וואָס וועט קומען,
ווייל אָפּגעטאָן האָט זיך די זון פון אונזער הויז,
ווייל ס׳האָבן אונז פאַרשעמט די געטער.

מעלאַלעי !
ווער וועט אונזערע קינדער באַגראָבן, מעלאַלעי !

יעקב
גלאַטשטיין

אַ תפילה

דער רויש פון דיין מאַנטל-זוים בין איך,
אָ, בראַמאַ!
דער עכאָ פון דיין ניגון אין אַ זון-פאַרגאַנג.
דיין חלום אין אַ נעפּל-נאַכט.
דו האָסט, אי מיך,
אי דאָס וואַסערל, וואָס שפּיגלט אָפּ מיך,
אויסגעטראַכט —
אין אַ נעפּל-נאַכט.
אַ זייפנבלאָז האָסטו מיך אויף דער וועלט אַראָפּגעשיקט,
אָ, בראַמאַ!
פּלאַצן וועט דער זייפנבלאָז אַמאָל.
אויסשפּינען וועט זיך דער חלום אַמאָל.
זאָל מיך דיין קאַפּריזנער מוח
מער ניט חלומען, אָ, בראַמאַ!

אייגנס

ביי פאַררייגלטע טירן פון רעשטלאַך אייגנס,
וואַכן די שאָטנס פון די קרעמער גאַנצע נעכט.
פאַרטאָג שלייכן זיך די שאָטנס אַהיים
און וועקן די באַלעבאַטים זייערע פון שלאָף,
פאַר דעם טאָג-טאַנץ איבער רעשטלאַך אייגנס.
מיין שאָטן אָבער היט דאָס נאַכט-זילבער פון דער לבנה
אויף דעם שפּיץ פון וואָלוואָירט,
און פאַרטאָג ברענגט מיר מיין שאָטן
דאָס רויע ביסל גאָלד פון אַ פרישער זון.

סעזאַמע

עפֿן זיך סעזאַמע.
ס'טונקלט אין הייל.
און איך
פֿאַרחלשט אונטער דעם יאָך
פֿון די זעק מיט גאָלד, זילבער און בריליאַנטן,
שעפּטשע אָן כּוחות:
עפֿן זיך סעזאַמע.
די זון האָט זיך שוין מיסתּמא
צווישן די בערג באַגראָבן
און אַ וויסטע נאַכט באַדעקט שוין וואַלד און טאָל.
פֿינצטער.
כ'האָב מורא מײַנע פֿאַרלאָפֿענע אויגן צו עפֿענען
און זען דעם ווילדן סקעלעטן־טאַנץ.
שוואַרץ־בלאָע פֿײַערן טאַנצן אין הייל!
ווילד־בלוטיקע עכאָס זינגען כאָרכלענדיק אין הייל!
מיט אַ שוים־פֿאַרלאָפֿן מויל שריי איך:
עפֿן זיך סעזאַמע!
ווילדער גאַלאָפּ פֿון פֿערד.
טראָמפּייטן־שאַל איבער פֿעלד און טאָל.
נענטער.
נענטער קומען זיי.
באַלד. באַלד.
אַ פֿאַרחלשטער
מיט שיגעונדיקן האַרץ־קלאַפּ:
עפֿן זיך סעזאַמע.
סעזאַמע.

יעקב
גלאַטשטיין

יעקב גלאַטשטיין

פאַרצוקט

פאַרצוקט איז באַלד די גאַנצע סטאַדע.
רעשטלאַך פון ניט-דערשמאַטשקעטע ביינדלאַך
וואַלגערן זיך אין פאַרדאַרטע שוואַרצע פלעקן בלוט.
און זי, די פאַרבליבענע שאָף,
האָט אַ קוק געטאָן אין זיינע וואָלפישע אויגן
און ציטערנדיק האָט זי דערזען:
אַז שיין, ווי פלאַקערדיקע שטורקאַצן, ברענען זיינע אויגן,
און די פלעקן בלוט אַרום דעם שטאַרקן קאָפּ
דערמאָנען אָן די העלדן-מעשהלעך פון איר מאַמע-שאָף,
וואָס האָט פאַרוויגט איר אַמאָל ביים בלינדן שיין פון לבנה:
אַז איבער בערג און איבער טאָלן,
שטייט ער מיט בלוט באַשפּריצט,
און צעשרייט ער זיך —
פאַרטרינקט ער דעם עכאָ פון די הויכע בערג.

בלינד איז שוין די שאָף.
פייער-בליצן פון דעם וואָלפיש אויג.
באַלד וועלן זיך נאָר וואַלגערן אַ פּאָר האָר פון איר פעל.
אָבער —
אין חלשות-ציטער
זינגט זי אַ ליד צו אים,
וואָס האָט פאַרצוקט די גאַנצע סטאַדע;
צו זיינע שיינע שטאַרקע פיס,
צום כשוף-פייער פון זיינע רויט-פאַרפלאַמטע אויגן.
צו אים.

פאַרצוקט איז שוין די גאַנצע סטאַדע.

די לעצטע שעה

פאַרשאָלטן זאָל זיין יענע ביינערדיקע האַנט,
וואָס האָט מיר געוויזן מיין לעצטע שעה.
ווי אַ פאַרפוילטער איבר האָט די שעה זיך געקרישלט
אויף מינוטן,
ביז די לעצטע רגע האָט געצונדן זיך גרוי און בלאָ
און באַלד בין איך ניטאָ.

אַ קראַנקע זון האָט נעבעכדיק געלאַסטשעט מיין געמיט,
מיט אָפּגעהאַקטן אָטעם האָט דער זייגער מיינע רגעס
טעמפּ געציילט.
כ'האָב אַרויפגעצויגן אויף מיינע גלידער מיין יום־טובדיקן קלייד.
צווישן מענטשן האָב איך מיין קאָפּ געהאַלטן שטאָלץ
און אַ שטאָלצער אָפּגעענטפערט אויף זייערע אונטערטעניקע
רייד.

אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז אין די קאַמערן פון
מיין האַרץ
בין איך אַ שטיקל שטויב וואָס האָט אָנגעטאָן, אַ שטייפן הוט,
אַ שטיקל שפּינוועבס הפקר פאַר יעדער ווירבל פונ'ם ווינט,
אַ זינדער וואָס פיניקט זיך אַליין מיט א שווערער רוט,
און טרעט אויף זיך אַליין און רייסט זיך פאַסן פלייש,
פאַר זינד וועמענס אַראָמאַט איז לאַנג שוין אויסגעוועפּט
און ניטאָ.
ווייל ס'האָט די ביינערדיקע האַנט מיר געוויזן מיין לעצטע שעה.

זייט		יאָר
11	ערדענע רייד	1953־1956
65	דעם טאַטנס שאָטן	1953
159	דער בראַצלאַווער צום סופר	1943־1953
193	שטראַלנדיקע יידן	1946
231	געדענקלידער	1943
257	יידישטייטשן	1937
301	קרעדאָס	1949
341	פרייע פערזן	1926
377	יעקב גלאַטשטיין	1921